STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07913

GEZAMELTE DRAMEN

Anton Pavlovich Chekhov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אנטאָן טשעכאָוו

געזאמעלטע דראמען

דער אָנקעל וואַניאַ.

דער וואַסער־פויגעל
(Чайка).

דער קאַרשען־גאָרטען.

יודיש פון מ. ווארשאַ און ק. טעפּער.

פערלאַג: מייזעל עט קא.
422 גרענד סטריט, ניו יארק.
1911.

פּרייז 50 סענט נעט, אויסערהאַלב ניו יאָרק 65 סענט

COPYRIGHT 1910
MAISEL & COMPANY
NEW YORK

דער אָנקעל וואַניאַ.

פּערזאָנען:

סערעבריאַקאָוו, אַלעקסאַנדער וולאַדימיראָוויטש, אַ פּראָפעסאָר אין דעמיסיע.

העלענאַ אַנדרעיעוונאַ, זיין פרוי, 27 יאהר אַלט.

סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ (סאָניאַ), זיין טאָכטער פון דער ערשטער פרוי.

וואָיניצקאַיאַ, מאַריאַ וואַסיליעוונאַ, אַן אלמנה פון א געהיים־ראַטה, די מוטער פון דעם פּראָפעסאָר'ס ערשטער פרוי.

וואָיניצקי, איוואַן פּיעטראָוויטש, איהר זוהן.

אַסטראָוו, מיכאַאיל לוואָוויטש, אַ דאָקטאָר.

טיעליעגין, איליאַ איליטש, א פעראָרימטער גוטס־בעזיצער.

מאַרינאַ, אַן אַלטע ניאַניע.

אַן ארבייטער.

די האַנדלונג קומט פאָר אין סערעבריאַקאָוו'ס פאָלוואַרק.

ערשטער אקט.

א גארטען. ס'זעהט זיך א טייל הויז און א טעראַסע. אין אן אלעע אונטער אן אלטען טאָפּאָל — א טיש, סערווירט צום טהעע. בענק, שטו־לען; אויף איינער פון די בענק ליעגט א גיטאַרע. ניט ווייט פונ'ם טיש — הוידעלקעס. — דריי אזייגער בייטאָג. כמאַרנע.

מאַרינאַ, א צוקראָכענע, ניט־ריהרעוודיגע אלטיטשקע, זיצט נעבען סאַמאָוואַר און שטריקט אַ זאָק; אַסטראָוו געהט ארום דערנעבען.

מאַרינאַ (גיסט אָן א גלאָז טהעע): טרינק, טייערער.

אַסטראָוו (נעהמט ניט־ווילענדיג די גלאָז): ס'ווילט זיך עפּעס ניט.

מאַרינאַ: וועסט אפשר טרינקען א קאַפּעלע בראַנפען?

אַסטראָוו: ניין. ניט יעדען טאָג טרינק איך בראַנפען. דערצו איז דאָ נאָך דושנע. (פּאוזע.) ווי לאנג איז שוין, ניאַניע, זינט מיר קענען זיך?

מאַרינאַ (טראַכטענדיג): ווי לאנג? לאָמיר זיך אקאָרסט דערמאָנען... דו ביזט געקומען אהער, אין די מקומות... ווען — וויערא פּיעטראָוונאַ, סאָניעטשקע'ס מוטער, האָט נאָך געלעבט. פאר איהר לעבען האָסטו ביי אונז צוויי ווינטערס פערבראכט... נו, הייסט עס, א יאָהר עלף איז אוועק. (טראַכט א ווײלע) און אפשר מעהר...

אַסטראָוו: כ'האָב זיך שטארק געביטען זינט יענער צייט?

מאַרינאַ: שטארק. דאמאָלסט ביזטו געווען א יונגער, א שעהנער, און איצט ביזטו אַלט געווארען. און די שעהנקייט איז שוין ניט דאס וואס געווען. כ'מעג זאגען — בראנפען טרינקסטו אויך.

א ס ט ר אָ ו ו : יאָ... אין צעהן יאהר בין איך גאָר אַן אַנ־דער מענש געוואָרען. און וואס איז די אורזאַך? איבערגעארבייט זיך, ניאַניע. פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַלץ אויף די פיס; וויים פון קיין רוה ניט, און ביידערנאַכט ליעגסטו אונ־טער'ן קאָלדרע און איין שרעק, מען זאָל דיך צו א קראַנקען ניט שלעפּען. פאַר דער גאַנצער צייט, וואס מיר קענען זיך, האָב איך קיין איין פרייען טאָג ניט געהאַט. ווי אזוי זאָל מען ניט אַלט ווערען? און דאס לעבען אַליין איז אויך לאַנגווייליג, נאַריש, שמוציג... ס'פערשלעפּט דיך אַזאַ לעבען. אַרום און אַרום רק מאָדנע ברואים, כסדר — מאָדנע ברואים; לעבסטו אָב מיט זיי א צוויי־דריי יאהר, ווערסטו אַליין גאַר ניט בעמערקענדיג, אויך א מאָדנע בריאה. מען קען זיך ניט העלפען. (פערדרעהט זיינע לאַנגע וואָנסען) זעהסט, גרויסע וואָנסען אויסגעוואַקסען... נאַרישע וואָנ־סען... איך בין געוואָרען א מאָדנע בריאה, ניאַניע... פערנאַרישט בין איך נאָך ניט געוואָרען, גאָט איז א גוטער, דער מאָרך איז נאָך אויף אַן אָרט; די געפיהלען אבער זענען עפּעס טעמפּ געוואָרען. קיין זאַך ווילט זיך מיר ניט, קיין זאַך דאַרף איך ניט, קיינעם האָב איך ניט ליעב... סיידען דיך נאָר האָב איך ליעב (קושט איהר אין קאָפּ.) ווען איך בין געווען א קינד, האָב איך אויך געהאַט אַזאַ ניאַניע.

מ א ר י נ א : ווילסט אפשר עסען?

א ס ט ר א ו ו : ניין. אויף דער דריטער וואָך פון גרויסען פאָסט בין איך געפאהרען קיין מאַליצקאָיע אויף דער עפּידעמיע... ס'איז געווען פלעק־טיפוס... אין די הייזלעך וואַלגערן זיך מענשען איינער אויפ'ן אַנדערן... א שמוץ, א געשטאַנק, א רויך. קעלבלעך ליעגען אויפ'ן פּאָל מיט די קראַנקע אין איינעם... די חזירים אויך דאָרטען... גע'עסק'ט זיך מיט זיי א גאַנצען טאָג, ניט צוגעזעצט זיך, אין מויל גאָרניט געהאַט, און ווען איך בין געקומען אהיים, לאָזט מען ווייטער ניט רוהען — מען האָט געבראַכט פון דער באהן א וועכטער; איך לעג איהם אַוועק אויפ'ן טיש מאַכען אַן אָפּעראַציע, און ער נעהמט און שטאַרבט ביי מיר אונטער'ן כלאָראָ־

פאָרם. און גראד ווען מען דארף ניט, האָבען די געפיהלען דערוואכט אין מיר, און דאס געוויסען האָט מיך אנגעהויבען פייניגען, גלייך ווי איך וואלט איהם אומישנע געטויט... האָב איך זיך אנידערגע־זעצט, פערמאכט די אויגען אָט אזוי — און טראכט מיר: יענע מענשען, וואָס וועלען לעבען אין אַ הונדערט־צוויי הונדערט יאהר ארום, פאר וועמען מיר שלאגען איצט דורך אַ וועג — וועלען זיי אונז דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט? אַ יאָ, זיי וועלען ניט דער־מאָנען, ניאניע!

מ א ר י נ א: מענשען וועלען ניט דערמאָנען, דערפאר וועט גאָט דערמאָנען.

א ס ט ר א ו ו: אַ דאנק. גוט האָסטו געזאגט.

ס׳געהט אריין וואָיניצקי.

ו ו אָ י נ י צ ק י (געהט ארוים פון הויז; ער האָט זיך אויס־געשלאָפען נאכ׳ן אנבייסען און האָט אַ מיעדען אויסזעהן; זעצט זיך אויפ׳ן בענקעל, פעררירכט זיין פראַנטישען שניפס): יאַ... (פּאוזע) יאַ...

א ס ט ר א ו ו: אויסגעשלאָפען זיך?

ו ו א י נ י צ ק י: יאַ... גוט (געגעצט.) זינט דאָ וואוינט דער פּראָפעסאָר מיט זיין פרוי, איז דאָס לעבען ארוים פון דער קאָלעיע... כ׳שלאָף ניט אין דער צייט, צום אנבייסען און מיטאג עס איך כל המיני קאבולעס, טרינק וויין... דאס אַלץ איז ניט געזונד! פריהער איז קיין פרייע מינוט ניט געוועזן, איך און סאָניא האָבען געארבייט גרויסארטיג, און איצט ארבייט סאָניא אַליין, און איך שלאָף, עס, טרינק... ס׳איז ניט גוט!

מ א ר י נ א (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): אויך מיר פיהרונגען! דער פראָפעסאר שטעהט אויף צוועלף אזייגער, און דער סאמאָוואר זידט פון אינדערפריה אָן, וואָרט אַלץ אויף איהם. אָהן זיי פלעגט מען מיטאגען איינס אזייגער, ווי ביי לייטען, און איצט, ווען זיי זענען דאָ, זיעבען אזייגער. ביינאכט לעזט און שרייבט דער פּראָ־פעסאר, און פּלוצלונג, ארום צוויי אזייגער ביינאכט — מען

קלינגט... וואס איז אזוינס געשעהן? טהעע! וועק צוליעב איהם מענשען, שטעל דעם סאמאוואר... אויך מיר פיהרונגען!

אסטראוו: לאנג וועלען זיי דא נאך וואוינען?

וואיניצקי (פייפט): הונדערט יאהר. דער פראפעסאר האט בעשלאסען צו בעזעצען זיך דא.

מארינא: אט איצט אויך דאס אייגענע. דער סאמאוואר שטעהט שוין צוויי שעה אויפ'ן טיש, און זיי זענען זיך שפאצירען געגאנגען.

וואיניצקי: זיי געהען, זיי געהען... זיי ניט אויפגערעגט.

ס'הערען זיך שטימען; טיעף אין גארטען בעווייזען זיך, צוריקגעהענדיג פון שפאציר סערעבריאקאוו, העלענא אנדרעיעווגא, סאניא און טיעליעגין.

סערעבריאקאוו: פיין, פיין... א וואונדער-שעהנע לאנדשאפט.

טיעליעגין: אן אויסגעצייכענטע, אייער עקסעלענץ.

סאניא: מארגען וועלען מיר פאהרען אין די וואלדווירטשאפט, פאפא. ווילסט?

וואיניצקי: מיינע העררן, טהעע טרינקען!

סערעבריאקאוו: מיינע פריינד, זייט אזוי גוט, שיקט מיר דעם טהעע אין קאבינעט אריין. כ'האב נאך היינט עפעס צו טהאן.

סאניא: און די וואלד-ווירטשאפט וועט דיר זיכער געפעלען...

העלענא אנדרעיעווגא, סערעבריאקאוו און סאניא געהען אוועק אין הויז; טיעליעגין געהט צום טיש און זעצט זיך נעבען מארינא'ן.

וואיניצקי: ס'איז הייס, דושנע, און אונזער גרויסער געלעהרטער איז אין א פאלטא, אין קאלאשען, מיט א שירם און טראגט האנדשוה.

אסטראוו: ער היט זיך אב, הייסט עס.

וואַניצקי: און ווי שעהן זי איז! ווי שעהן! כ'האָב מיין גאנצען לעבען ניט געזעהן קיין שעהנערע פרוי.

טיעליעגין: פאָהר איך מיר אויפ'ן פעלד, מארינא טימאָפעיעוונא, צי שפאציר איך מיר אין שאָטענדיגען גארטען, צי קוק איך אויף דעם טיש, — האָב איך אָהן אַ שעור פערגעני־גען. אַ וועטער — מחיה, פויגלעך זינגען, מיר לעבען אלע אין רוה און אין פריעדען, — וואס פעהלט אונז נאָך? (נעהמט די גלאָז) מיין שענסטען דאנק אייך!

וואַניצקי (פער'חלומ'ט): די אויגען... אַ זעלטענע פרוי!

אסטראוו: דערצעהל עפעס, איוואן פיעטראוויטש.

וואַניצקי (פויל): וואס זאל איך דיר דערצעהלען?

אסטראוו: פאראן עפעס נייעס, אפשר?

וואַניצקי: גארניט. אלץ ווי אמאָל. כ'בין דער זעלבער ווי כ'בין געווען. אפשר נאָך ערגער געווארען, דען כ'בין געווארען אַ פוילער, טהו גארניט, נאר איך האלט אין איין בורטשען, ווי אן אלטער עובר־בטל. מיין אלטע פלאפלערקע, די מאמע, פלוי־דערט נאָך אלץ איבער דער פרויען־עמאנציפאציע. מיט איין אויג קוקט זי שוין אין קבר אריין, און מיט'ן אנדערן זוכט זי אין איהרע קלוגע ביכלעך דעם מאָרגענשטערן פון אַ נייעם לעבען.

אסטראוו: און דער פראפעסאר?

וואַניצקי: און דער פראפעסאר זיצט אלץ ווי אמאָל פון אינדערפריה ביז שפעט אין דער נאכט אין זיין קאבינעט און שרייבט. „אנגעשטרענגט דעם קאָפּ, דער שטערן געראונצעלט, שריי־בען מיר אלץ אָדען, אָדען, און עס פאלט קיינעם ניט איין, אונז צו לויבען פאר די אָדען". ארים פאפיר! בעסער וואלט ער זיין אויטאָביאגראפיע אנגעשריעבען. ס'ארא אויסגעצייכענט סוזשעט! אַ פראָפעסאר אין דעמיסיע, פערשטעהסטו מיך, אן אויסגעטרי־קענטער סוכאר, אַ געלעהרטער הערינג... גיכט, רעוומאטיזם, קאָפּ־וועהטאג, פון אייפערזוכט און קנאה איז די לעבער אנגעשוואָלען... לעבען לעבט זיך אזא הערינג אינ'ם גוט פון זיין ערשטער פרוי;

האָט קיין אנדער ברירה ניט, ווייל אין שטאָדט צו לעבען איז ניט פאר זיין קעשענע. שטענדיג קלאָגט ער זיך אויף זיינע אומגליקען, כאטש, אין דער אמת'ן, איז ער אונגעוועהנליך גליקליך. (נערוועז) טהו נאָר א טראכט, ס'ארא גליק! א זוהן פון א פראָסטען קירכען־דיענער, א סעמינאריסט, האָט ער זיך דערשלאגען דיפּלאָמען און א קאפעדרע, געווארען אן עקסעלענץ, א סענאטאר'ס אן איידעם און אז. וו. און אז. וו. איבריגענס, ניט דאס בין איך אויסען. דו בענעהם אבער נור דאָס. גאנצע פינף און צוואנציג יאהר האלט א מענש פארלעזונגען און שרייבט איבער קונסט, און הויבט ניט אָן צו ווייסען, וואס קונסט איז. פינף און צוואנציג יאהר קייעט ער איבער פרעמדע געדאנקען וועגען רעאליזם, נאטוראליזם און כל המיני אנדערע נארישקייטען; פינף און צוואנציג יאהר האלט ער פארלעזונגען און שרייבט וועגען זאכען, וואס קלוגע ווייסען שוין פון לאנג, און פאר נאראָנים איז עס ניט אינטערעסאנט, — פינף און צוואנציג יאהר, הייסט עס, שטויסט ער וואסער. און צו דער־זעלבער צייט וואס פאר א גדלות! ס'ארא פרעטענזיעס! ער האָט בעקומען דעמיסיע, און קיין איין לעבעדיגער מענש וויים פון איהם ניט, ער איז לחלוטין אונבעקאנט; הייסט עס, פינף און צוואנציג יאהר האָט ער פערנומען א פרעמדען אָרט. און טהו נאָר א קוק: ער געהט ארום ווי א האלבער גאָט.

אסטראוו: נו, דו, ווי עס ווייזט אויס, ביזט איהם מקנא.

וואיניצקי: יא, מקנא! און וואָס פאר אן ערפאָלג ער האָט דאָס ביי פרויען! קיין איין דאָן זשואן האָט ניט געוואוסט פון אזא גרויסען ערפאָלג! זיין ערשטע פרוי, מיין שוועסטער, א ליעבע, צארטע בעשעפעניש, ריין ווי אָט דער בלויער הימעל דאָ, אן איידעלע, א גרויסמוטהיגע וואָס האָט געהאט מעהר פערעהרער איידער ער שילער — האָט איהם ליעב געהאט, אזוי ווי נאָר ריינע מלאכים קענען ליעב האָבען פונקט אזעלכע ריינע און שעהנע, ווי זיי אליין זיינען. מיין מוטער, זיין שוויגער, פערגעטערט איהם ביז'ן היינטיגען טאָג, און אויך איצט יאָגט ער אויף איהר אָן א

הייליגען שרעק. זיין צווייטע פרוי, א שעהנע, א קלוגע — איהר האט זי נאר וואס געזעהן — האט חתונה געהאט מיט איהם, ווען ער איז שוין אלט געווען, האט איהם אבגעגעבען איהר יוגענד, שענהייט, פרייהייט, איהר גלאנץ. פאר וואס? פאר ווען?

אסטאראוו: זי איז טריי דעם פראפעסאר?

וואיניצקי: צום בעדויערן, יא.

אסטראוו: פארוואס עפעס צום בעדויערן?

וואיניצקי: ווייל די טרייהייט איז פאליש פון אנהויב ביז צום סוף. אין דער טרייהייט איז פארהאן א סך ריטאריק, אבער ניט קיין לאגיק. אונטריי זיין אן אלטען מאן, וועמען מען קען ניט ליידען, — איז אונמאראליש; און זוכען צו דערשטיקען אין זיך די עלענדע יוגענד און דאס לעבעדיג געפיהל, — דאס הייסט ניט אונמאראליש!

טיעליעגין (מיט א וויינענדיגער שטימע): וואניא, כ'האב ניט ליעב ווען דו רעדסט אזוי. נו זעהסט... ווער עס איז אונטריי א ווייב אדער א מאן, דער, הייסט עס, איז אן אונטרייער מענש, דער קען אויך דעם פאטערלאנד אונטריי זיין!

וואיניצקי (פערדראסיג): פערמאך דעם פאנטאן, וואפלע!

טיעליעגין: הער מיך אויס, וואניא. מיין ווייב איז אנטלאפען פון מיר מיט א געליעבטען אויף דעם אנדערן טאג נאך אונזער חתונה צוליעב מיין ניט־אנציהענדען אויסזעהען. איך האב אבער נאך דעם מיין פליכט ניט איבערגעטרעטען. איך האב איהר ביז איצט ליעב און בין איהר טריי, העלף איהר מיט וואס איך קען, און כ'האב מיין גאנצען פערמעגען אבגעגעבען אויף דער ערציהונג פון די מיידלעך, וואס זי האט געהאט מיט איהר געליעבטען. דאס גליק האב איך פערלארען, אבער דער שטאלץ איז מיר געבליבען. און זי? די יוגענד איז שוין אוועק, די שעהנקייט איז אונטער דער ווירקונג פון די נאטור־געזעצען פערוויאנעט געווארען, דער געליעבטער איז געשטארבען... וואס איז איהר איצט געבליבען?

ס'געהען אריין סאניא און העלענא אנדרעיעוונא; א ווייל־ע

שפּעטער קומט אַריין מאַריאַ וואַסיליעוונאַ מיט אַ בוך; זי זעצט זיך און לעזט; מען דערלאַנגט איהר טהעע און זי טרינקט, ניט קוקענדיג.

סאָניא (אײלענדיג, צו דער ניאַניע): דאָרט זענען פויערן געקומען, ליעבע ניאַניע. געה רייד מיט זיי, און טהעע וועל איך שוין אליין... (גיסט אָן טהעע).

די ניאַניע געהט אוועק. העלענאַ אַנדרעיעוונאַ נעהמט איהר גלאָז און טרינקט, זיצענדיג אין הוידעלקע.

אסטראוו (צו העלענאַ אַנדרעיעוונאַ): איך בין דאָך צו אייער מאַן געקומען. איהר האָט געשריבען, אז ער איז זעהר קראַנק, רעוומאַטיזם און נאָך עפּעס דערצו, לאָזט זיך אויס אז ער איז געזונד, ווי אַ שטיין.

העלענא אנדרעיעוונא: נעכטען ביינאַכט איז ער געוועזן מרה־שחורה'דיג, האָט זיך געקלאָגט, אז די פיס ברעכען איהם, און היינט איז ניש־קשה.

אסטראוו: און איך בין געפלויגען משוגע'נערוויז דרייסיג ווי־אַרסט. נו, עס מאַכט ניט אויס, ניט דעם ערשטען מאָל. דערפאַר וועל איך שוין בלייבען ביי אייך ביז מאָרגען און וועל זיך, אם וועניגסטען, אויסשלאָפען ווי געהעריג איז.

סאניא: איז זעהר גוט. עס טרעפט דאָך אזוי זעלטען, איהר זאָלט ביי אונז נעכטיגען. איהר האָט אודאי נאָך ניט געמיטאגט?

אסטראוו: ניין. כ'האָב ניט געמיטאגט.

סאניא: וועט איהר טאקע מיט אונז עסען מיטאג. ביי אונז איז איצט מיטאג זיעבען א זייגער (טרינקט). דער טהעע איז קאַלט.

טיעליעגין: די טעמפּעראטור פון סאמאָוואר איז שטאַרק געפאַלען.

העלענא אנדרעיעוונא: ס'מאַכט ניט אויס, איוואן איוואנאָוויטש, מיר וועלען קאַלטע אויך אויסטרינקען.

טיעליעגין: ענטשולדיגט... מיין נאָמען איז ניט איוואן איוואנאָוויטש, נאָר איליא איליטש... איליא איליטש טיע־

ליעגין, אָדער ווי אנדערע רופען מיך צוליעב מיין געשטופּעלטען פּנים, וואַפּלע. איך בין אַמאָל געווען סאָניעטשקע׳ס טויפּ־פּאַטער. און זייער עקסעלענץ, אייער מאַן, קען מיך זעהר גוט. איצט וואוין איך ביי אייך, אין דעם גוט. אויב אייך איז געפעליג געווען צו בע־מערקען, בין איך יעדען טאָג צו מיטאג ביי איין טיש מיט אייך.

סאָניאַ: איליא איליאיטש איז אונזער העלפער, אונזער רעכטע האנד. (צארט). לאָזט, ליבער טויפּ־פּאַטער, איך וועל אייך נאָך אָנגיסען.

מאַריא וואַסיליעוונא: אַך!

סאָניאַ: וואָס איז אייך, באבעניו!

מאַריא וואַסיליעוונא: כ׳האָב פערגעסען זאָ־גען אלעקסאנדער׳ן... דעם זכרון פערלוירען... כ׳האָב געקרי־גען אַ בריעף פון כארקאוו פון פּאַוועל אלעקסעיעוויטש׳ן... ער האָט צוגעשיקט זיין נייע בראָשור...

אַסטראָוו: אינטערעסענט?

מאַריא וואַסיליעוונא: אינטערעסאנט, נאָר עפּעס מאָדנע. ער לייקענט אָב דאָס וואָס ער האָט אַליין מיט זיע־בען יאָהר צוריק פערטיידיגט. דאָס איז שרעקליך!

וואָיניצקי: ניטאָ אין דעם קיין שרעק. טרינקט איי־ער טהעע, מאַמאַ.

מאַריא וואַסיליעוונא: אָבער איך וויל ריידען!

וואָיניצקי: אָבער ס׳איז שוין פופציג יאָהר, ווי מיר ריידען אַלץ און ריידען, און לייענען בראָשורען. ס׳וואָלט שוין צייט געווען אויפצוהערען.

מאַריא וואַסיליעוונא: עפּעס איז דיר ניט אנגענעהם צו הערען, ווי איך רייד. פערצייה מיר, זשאַן, אָבער דעם לעצטען יאָהר האסטו זיך אזוי געביטען, אז איך דערקען דיך גאָר־ניט... דו ביזט געווען אַ מענש פון בעשטימטע איבערצייגונגען, אַ ליכטיגע פּערזענליכקייט...

וואָיניצקי: אָה, יאָ! איך בין געווען אַ ליכטיגע פּערזענליכקייט, וואָס האָט קיינעם ניט ליכטיג געמאַכט... (פּויז־

זע). איך בין געווען א ליכטיגע פערזענליכקייט... מען קען ניט שפּאַסען גיפּטיגער! איצט בין איך אַלט 47 יאָהר. ביז פאַר־אַ־יאָהרען האָב איך, ווי איהר, זיך געסטאַרעט צו פערבלענדען זיך די אויגען מיט דער סחאָלאַסטיק אייערער, כדי ניט צו זעהן דאָס אמת'ע לעבען, — און כ'האָב געמיינט, אַז איך טהו גלייך. אָבער איצט, ווען איהר וואָלט נור וויסען! גאַנצע נעכט מאַך איך קיין אויג ניט צו פון פערדרוס, פון כעס, וואָס כ'האָב אַזוי נאַריש פער־שלאָפען מיין צייט, ווען כ'האָב נאָך געקענט האָבען אַלצדינג, פון וואָס איך מוז זיך איצט אָבזאָגען וועגען מיין עלטער.

סאָניא: אָנקעל וואַניא, ס'איז לאַנגווייליג!

מאַריא וואַסיליעוונא (צום זוהן): עס קלינגט גלייך ווי דו בעשולדיגסט אין עפּעס דיינע אַלטע איבערצייגונגען... אָבער שולדיג זיינען ניט זיי, נאָר דו אַליין. דו האָסט פערגעסען, אַז איבערצייגונגען אַן און פאַר זיך זענען גאָרניט, א טויטער בוכ־שטאַב... טהאָן עפּעס האָט מען געדאַרפט.

וואָיניצקי: טהאָן? ניט יעדערער איז פעהיג צו זיין א שרייבענדע „פערפּעטואום מאָבילע", ווי אייער הערר פּראָפעסאָר.

מאַריא וואַסיליעוונא: וואָס ווילסטו דערמיט זאָגען?

סאָניא (בעט זיך): באָבעניו! אָנקעל וואַניא! האָט רחמנות!

וואָיניצקי: איך שווייג. איך שווייג און ענטשולדיג זיך.

פּאוזע.

העלענא אַנדרעיעוונא: און דער וועטער איז היינט פיין... ניט היים...

פּאוזע.

וואָיניצקי: אין אַזא וועטער איז גוט זיך אויפצו־הענגען...

טיעליעגין שטעלט אָן די גיטאַרע. מאַרינאַ געהט אַרום הויז און רופט צונויף די היהנער.

מ א ר י נ א: ציפ, ציפ, ציפ...

ס אָ נ י א: ליעבע ניאניע, וועגען וואָס זענען די פויערן נעקומען?

מ א ר י נ א: אלץ די זעלבע מעשה. אלץ מכח דער פוסט־קע. ציפ, ציפ, ציפ...

ס אָ נ י א: וועמען רופסטו עס?

מ א ר י נ א: די ראבע הוהן איז אוועק מיט די היהנדלעך... ווארענעס וועלען נאָך צושלעפען... (געהט אוועק).

טיעליעגין שפיעלט אַ פּאָלקע, אלע הערען זיך איין שווייגענדיג; ס'געהט אריין אַן ארבייטער.

ד ע ר א ר ב י י ט ע ר: דער הערר דאָקטאָר איז דאָ?

(צו אסטראוו'ן): זייט אזוי גוט, מיכאאיל לוואָוויטש, מען איז נעקומען אייך רופען.

א ס ט ר א ו ו: פון וואנען?

ד ע ר א ר ב י י ט ע ר? פון פאבריק.

א ס ט ר א ו ו (מיט פערדרוס): איך דאנק שעהן. א ברירה האָב איך, מען מוז פאָהרען... (זוכט מיט די אויגען דאָס היטעל). א פערדראס, דער רוח זאָל עס כאפען...

ס אָ נ י א: ווי אונאנגענעהם דאָס איז, כ'לעבען... פון דער פאבריק קומט צוריק צום מיטאג.

א ס ט ר א ו ו: ניין, ס'וועט שוין שפעט זיין. אך, וואו... ווי קען מען... (צום ארבייטער): אָט וואָס, ברייננ מיר, מיין ליע־בער, א גלעזעל בראנפען, נו, יא. (דער ארבייטער געהט אוועק). וואו... ווי... (האָט געפונען דאָס היטעל). ביי אָסטראָוושקי'ן אין א פּיעסע איז פאראַן א מענש מיט גרויסע וואָנסען און קליינע פעה־גקייטען... דאָס בין איך. נו, כ'האָב די עהרע, מיינע הערען... (צו העלענאָ אַנדרעיעוונאַ): אויב איהר וועט ווען עס איז אריינפאָהרען צו מיר, אָט צוזאמען מיט סאפיא אלעקסאנדראָוונא, וועט דאָס מיך הארציג פרעהען. איך האָב א קליין פאָלווארקעל, אין גאנצען א דרייסיג דעסיאטין, נאָר, אויב ס'אינטערעסירט אייך, א סאָד, א מוסטער, און א פלאנצען־גאָרטען, וואָס איהר וועט ניט

געפינען זיין גלייכען אין טויזענד וויארסט ארום. נעבען מיר איז די וואלד־ווירטשאפט פון דער רעגיערונג... דער וואלד־אויפזעהער איז אן אלטער, איז תמיד קראנק, אזוי, אז אייגענטליך, פערוואלט איך איבער די גאנצע ארבייט.

העלענא אנדרעיעוונא: מען האט מיר שוין דערצעהלט, אז איהר האט זעהר ליעב וועלדער. געווים קען מען דערמיט בריינגען א גרויסען נוצען, נאר שטערט עס דען ניט אייער אמת'ן בערוף? איהר זייט דאך א דאקטאר.

אסטראוו: איין גאט וויים, וואס איז אונזער אמת'ער בערוף.

העלענא אנדרעיעוונא: און ס'איז אינטערעסאנט?

אסטראוו: יא, ס'איז אן אינטערעסאנטע ארבייט.

וואיניצקי (איראניש): זעהר!

העלענא אנדרעיעוונא (צו אסטראוו'ן): איהר זייט נאך א יונגער מענש. איהר זעהט אוים, נו, א יאהר זעקס־זיבען און דרייסיג... און, ס'מוז אודאי גאר ניט זיין אזוי אינטערעסאנט, ווי איהר זאגט... אלץ וואלד און וואלד. איך מיין, ס'איז איינארטיג.

סאניא: ניין, דאס איז זעהר אינטערעסאנט. מיכאאיל לוואוויטש פלאנצט יעדען יאהר נייע וועלדער, און מען האט איהם שוין געשיקט א בראנזענעם מעדאל און א דיפלאם. ער סטארעט זיך, מען זאל ניט אויסראטען די אלטע. ווען איהר הערט איהם אוים, וועט איהר אינגאנצען זיין איינשטימיג מיט איהם. ער זאגט, אז וועלדער זיינען א ציערונג פאר דער ערד, אז זיי לערנען דעם מענש'ן פערשטעהן דאס שעהנע און דערוועקען אין איהם אן ערהאבענע שטימונג. וועלדער מאכען ווייכער דעם רויען קלימאט. אין לענדער, וואו דער קלימאט איז ווייכער, פערשווענדט מען ווע־ניגער כחות אויף'ן קאמפף מיט דער נאטור, און דעריבער איז דארט דער מענש ווייכער און צארטער; דארט זיינען די מענשען שעהן, בויגיג, לייכט עמפפינדליך, זייער רעדען איז פראכטפול,

די בעוועגונגען — גראציעז. ביי זיי בליהט די וויסענשאפט און קונסט, זייער פילאָזאָפיע איז ניט קיין מרה־שחורה'דיגע, די בע־ציהונגען צו פרויען זיינען פול מיט שעהנער איידעלקייט...

וואיניצקי (לאַכט): בראוואָ, בראוואָ!.. דאָס אלץ איז ליעב, אָבער ניט איבערצייגענד, איז דעריבער (צו אסטראוו'ן) ערלויב מיר, מיין פריינד, ווייטער הייצען די אויוועגס מיט האָלץ און בויען שפייכלערס פון קלעצער.

אסטראוו: די אויוועגס קענסטו הייצען מיט טאָרף, און די שפייכלערס בויען פון שטיינער. נו, איך פערשטעה, מען האקט די וועלדער אויס נויט, אָבער צו וואָס אויסראָטען זיי? די רוסישע וועלדער קראכען אונטער'ן האק, ס'קומען אום מיליאָנען בוימער, ס'ווערען צושטערט די וואוינונגען פון חיות און פייגעל, ס'ווערען פלאך און ס'טריקענען אויס די טייכען, ס'ווערען פער־שוואונדען אויף אייביג וואונדער־שעהנע פייזשאזשען — און אלץ דערפאר, וואָס דער פוילער מענש האָט קיין שכל ניט איינצובויגען זיך און אויפהייבען פון דער ערד דאָס ברען־מאטעריאל. (צו העלע־נא אנדרעיעוונא): ניט אזוי, מאדאם? מען דארף זיין א ווילדער בארבאר צו פערברענגען אין אויוועץ אָט די שעהנהייט, חרב צו מאַ־כען דאָס, וואָס מיר קענען ניט בעשאפען. גאָט האָט דעם מענש געשאנקען שכל און שאפונגס־קראַפט, ער זאָל פעמעהרען דאָס, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען, אָבער ביז היינטיגען טאָג האָט ער ניט געשאפען, נאָר צושטערט. וועלדער ווערען אלץ וועניגער און וועניגער, טייכען טריקנען אויס, די יאגד־חיות פערשווינדען, דער קלימאט ווערט פערדאָרבען, און מיט יעדען טאָג ווערט די ערד אלץ אָרימער און מיאוס'ער. (צו וואיניצקי'ן): אט קוקסטו אלץ אויף מיר מיט איראָניע און אלץ וואָס איך זאָג דיר, דוכט זיך דיר, איז ניט ערנסט און... און, אפשר איז עס טאקע ניט מעהר ווי מאָד־נע איינפאלען; ווען איך געה דורך די פויערשע וועלדער, וואָס איך האָב געראטעוועט פון דער האק, אָדער איך הער ווי עס רוישט מיין יונגער וואלד, וואָס איך האָב מיט מיינע אייגענע הענד גע־פלאנצט, פיהל איך, אז איך האָב אויך א שטיקעל מאכט איבער'ן

קלימאט, און אויב דער מענש וועט אין טויזענד יאָהר ארום זיין גליקליך, וועל איך אויך אביסעל שולדיג זיין דערין. ווען איך פלאַנץ א בעריאזקע און דערנאָך זעה איך ווי זי גרינט און שאָקעלט זיך פונ'ם ווינד, ווערט מיין הארץ איבערפילט מיט שטאָלץ, און איך... (דערזעהט דעם ארבייטער, וואָס האָט געבראכט אויף אַ טאַץ אַ גלעזעל בראנפען) אָבער... (טרינקט) שוין צייט. סוף כל סוף, איז דאָס אודאי ניט מעהר ווי מאָדנע איינפאַלען. צום ווידער־זעהן! (געהט צום הויז).

ס אָ נ י א (נעהמט איהם אונטער'ן האַנד און געהט מיט איהם): ווען זשע וועט איהר קומען צו אונז?

א ס ט ר א ו ו: איך ווייס ניט...

ס אָ נ י א: ווידער אין א חדש ארום?

אסטראוו און סאניא געהען אוועק אין הויז אריין; מאריא וואַסיליעוונא און טיעליעגין בלייבען ביים טיש; העלענאַ אַנדרעיעוונאַ און וואיניצקי געהען צו דער טעראסע.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר י ע ו ו נ א: און איהר, איוואן פּיעטראָוויטש האָט זיך ווידער אויפגעפיהרט אונמעגליך. איהר האָט נויטיג בעדאַרפט דערצערנען מאריא וואסיליעוונא'ן, רײדען וועגען א „פּערפּעטואום מאָבילע" ! און היינט ביים אָנבייסען האָט איהר זיך ווידער געקריעגט מיט אלעקסאנדער'ן. ווי קליינליך!

ו ו א י נ י צ ק י: אָבער וואָס זאָל איך טהאָן, אז איך האס איהם!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: האסען אלעקסאנדער'ן איז ניטאָ פארוואָס, ער איז פּונקט אזוי, ווי אלע. ניט ערגער פון אייך.

ו ו א י נ י צ ק י: ווען איהר וואָלט געקענט זעהן אייער פּנים, אייערע בעוועגונגען... ווי פויל איהר זייט צו לעבען! אוי, ווי פויל!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: אוי, ווי פויל און לאנגווייליג! אלע שימפּען מיין מאן, אלע קוקען אויף מיר מיט רחמנות: אָן אומגליקליכע, זי האָט אַן אלטען מאן! דאָס

רחמנות צו מיר — אָ, ווי איך פערשטעה עס! ווי אסטראוו האָט ערשט געזאָגט: איהר אַלע מאכט אהן איבערלעגונג א תל פון די וועלדער, און באלד וועט אויף דער ערד גאָרניט בלייבען. גלייך אזוי מאכט איהר אָהן איבערלעגונג א תל פון מענשען, און אין גי־כען וועט, א דאנק אייך, אויף די ערד ניט בלייבען, ניט קיין טריי־הייט, ניט קיין ריינהייט, ניט קיין פעהיגקייט צו אָפּפּערען זיך. פּארוואָס קענט איהר ניט גלייכגילטיג קוקען אויף א פרוי, אויב זי געהערט ניט אייך? דערפאר — דער דאָקטאָר איז גערעכט —וואָס אין אייך אַלעמען זיצט דער דבוק פון צושטערונג. אייך איז ניט א שאָד, ניט די וועלדער, ניט די פייגעל, ניט פרויען, ניט איינער פאר דעם אנדערן...

וואינניצקי: כ׳האָב ניט ליעב די פילאָסאָפיע!

פּאוזע.

העלענא אנדרעיעוונא: דער דאָקטאָר האָט א פערמאטערט, נערוועז געזיכט. אַן אינטערעסאנט געזיכט. סאָ־ניא׳ן, ווייזט אוים, געפעלט ער, זי איז פערליעבט אין איהם, און איך פערשטעה איהר. פאר מיין צייט איז ער שוין דאָ געוועזען דריי מאָל, נאָר איך בין שעמעוודיג, און כ׳האָב קיין איין מאָל ניט גע־רעדט מיט איהם, ווי ס׳בעדארף צו זיין, קיין גוט וואָרט איהם גע־זאָגט. ער האָט אודאי געמיינט, אז איך בין א שלעכטע. כ׳רעכען, איוואַן פּיעטראָוויטש, מיר זיינען דערפאר אזעלכע גוטע פריינד, וואָס מיר זיינעןביידע נודנע, לאַנגווייליגע מענשען! נודנע! קוקט ניט אזוי אויף מיר, כ׳האָב עס ניט ליעב.

וואיניצקי: קען איך דען קוקען אויף אייך אנדערש, אז איך האָב אייך ליעב? איהר זייט מיין גליק, מיין לעבען, מיין יוגענד! איך ווייס מיינע שאנסען אויף אייער ליעבע זיינען אונ־געהויער־קליין, זיינען גלייך ווי א נול, נאָר איך דארף קיין זאך ניט, ערלויבט מיר נאָר קוקען אויף אייך, הערען אייער שטימע...

העלענא אנדרעיעוונא: שטילער, מען קען נאָך דערהערען! (זיי געהען אין הויז).

וואיניצקי (געהט איהר נאך): ערלויבט מיר רעדען

װעגען מײן ליעבע, פעריאָגט מיך ניט, און דאָס אלײן װעט שױן זײן פאר מיר דאָס גרעסטע גליק...

ה ע ל ע נ א   א נ ד ר ע י ע װ נ א: דאָס איז פײנליך...
(בײדע געהען ארײן אין הויז).

טיעליעגין קלאפט איבער די סטרונעס און שפּיעלט אַ פּאָלקע; מאריא װאסיליעװנאַ פערשרײבט עפּעס אױף די ראַנדען פון אַ בראָשור.

פ אָ ר ה אַ נ ג.

צווייטער אקט.

עס־צימער ביי סערעבריאקאָוו׳ן אין הויז. — נאַכט. — מען הערט ווי אין גאָרטען קלאַפּט דער וועכטער.

סערעבריאקאָוו זיצט אין א פאטער־שטוהל ביים אָפּענעם פענסטער און דרעמעלט; העלענאַ אנדרעיעוונאַ זיצט דערביי און דרעמעלט אויך.

סערעבריאקאוו (כאַפּט זיך אויף): ווער איז דאָס? סאָניא, דו?

העלענא אנדרעיעוונא: דאָס בין איך.

סערעבריאקאוו: דו, ליענאָטשקא... אַן אונער־טרעגליכער וועהטאָג!

העלענא אנדרעיעוונא: דיין פּלעד איז ארונ־טערגעפאלען (וויקעלט איהם איין די פיס). כ׳וועל פערמאכען דעם פענסטער, אלעקסאנדער.

סערעבריאקאוו: ניין, מיר איז דושנע... כ׳בין נאָר וואָס אנדרעמעלט געוואָרען, און מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט, אז מיין לינקע פוס איז ניט מיינע, כ׳האָב זיך אויפגעכאפּט פון א שרעקליכען וועהטאָג. ניין, דאָס איז ניט גיכט, גיכער איז עס רעוו־מאטיזם. וויפיעל איז איצט דער זייגער?

העלענא אנדרעיעוונא: צוואנציג צו איינס.

פּאוזע.

סערעבריאקאוו: אין דער פריה וועסטו א זוך טהאָן אין דער ביבליאָטעק באַטיושקאָוו׳ן; דוכט זיך, פארהאַן ביי אונז.

העלענא אנדרעיעוונא: הא?

סערעבריאקאוו: טהו א זוך אין דער פריה באַ־טיושקאָוו׳ן. מיר דוכט, ער איז געוועזן ביי אונז. נאר פאר וואָס איז מיר עפּעס אזוי שווער צו אטעמען?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דו ביזט מיעד, שוין די צווייטע נאכט, ווי דו שלאפסט ניט.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: מען זאגט, ביי טורגעניעוו'ן איז פון דער גיכט געווארען א ברוסט־אנגינע. כ'האב מורא, עס זאל ביי מיר ניט זיין. פערפלוכטע, העסליכע עלטער. דער רוח זאל איהר נעהמען. אז כ'בין אלט געווארען, בין איך זיך אליין דער־ווידער געווארען און אייך אלעמען מוז שוין אויך דערווידער זיין צו קוקען אויף מיר.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דו רעדסט ווענען דיין עלטער אין אזא טאן, ווי מיר אלע וואלטען שולדיג געווען, וואס דו ביזט אלט.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: פריהער פאר אלע בין איך מסתמא ד י ר דערווידער.

העלענא אנדרעיעוונא געהט אב און זעצט זיך פון דערווייטענס.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: אודאי ביזטו גערעכט. איך בין ניט קיין נאר, איך פערשטעה. דו ביזט יונג, געזונד, שעהן, ווילסט לעבען, און איך בין אן אלטער, כמעט א פגר. וואס זשע? איך פערשטעה דען ניט? נו, אודאי איז נאריש, וואס איך לעב נאך ביז איצט. ווארט אקארשט, אין גיכען וועל איך אייך אלעמען בע־פרייען. ניט לאנג וועל איך שוין ציהען.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך געה אויס פון די כחות... אין גאטעס ווילען, שוויינ!

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: ס'הייסט, אז דורך מיר זיינען אלע פון די כחות ארויס, לאנגווייליגען זיך, מאכען א תל פון זייער יוגענד, איך אליין נאר האב הנאה פון לעבען און בין צופרידען. נו, יא, אודאי!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: שוויינ שוין! האסט מיך פערמוטשעט!

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: כ'האב אלעמען פערמוטשעט. אודאי.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א (װײנט): ניט אויסצו־האלטען! זאג, װאס װילסטו פון מיר?

ס ע ר ע ב ר י א ק א װ: גארניט.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: נו, טא שװײג, איך בעט דיך.

ס ע ר ע ב ר י א ק א װ: א מאדנע זאך, הױבט אן צו רײ־דען איװאן פיעטראװיטש, אדער די אלטע אידיאטקע, מאריע װא־סיליעװנא, — און ס'איז גוט, אלע הערען זיך אײן; און זאל איך אױסרײדען א װארט, הױבען זיך אלע אן צו פיהלען אומגליקליך. אפילו מײן קול איז זײ דערװידער. נו, גוט, לאמיר זאגען, איך בין אבשטױסענד, כ'בין אן עגאאיסט, א דעספאט, — נאר ניט שױן זשע האב איך ניט אין די עלטערע יאהרען קײן געװיסען רעכט אויף עגאאיזם? ניט שױן זשע האב איך ניט פערדיענט? ניט שױן זשע — פרעג איך — האב איך ניט קײן רעכט אויף א רו־היגע עלטער, אויף מענשען'ס אויפמערקזאמקײט צו מיר?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: קײנער פרובט גאר ניט צו צװײפלען אין דײנע רעכט (דער װינד קלאפט אין פענסטער). באלד װעט געהן א רעגען. קײנער פרובט ניט צו צװײפלען אין דײנע רעכט.

פאוזע. דער װעכטער אין גארטען קלאפט און זינגט א ליעדעל.

ס ע ר ע ב ר י א ק א װ: א גאנצען לעבען ארבײטען פאר דער װיסענשאפט, צוגעװאוינט װערען צום קאבינעט, אודיטא־ריום, געעהרטע קאלעגען, — און פלוצלונג — מיר ניט, דיר ניט — ארײנפאלען אין אזא קבר, זעהען יעדען טאג נארישע מענשען, הערען פוסטע שמועסען... איך װיל לעבען, איך האב ליעב ער־פאלג, כ'האב ליעב בעריהמטהײט, טומעל, און דא ביזטו װי א פערשיקטער. יעדע מינוט בענקען נאך דעם, װאס איז פערגאנגען, צוזעהן װי אנדערע האבען ערפאלג; שרעקען זיך פאר'ן טויט, — כ'קען ניט, קײן כחות ניטא! און דערצו נאך זענען זײ מיר ניט מוחל מײן עלטער!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: װארט אקארשט, האב

גערולד: אין אַ פינף־זעקס יאָהר ארום וועל איך אויך אלט זיין.

ס'געהט אריין סאָניא.

ס אָ נ י א: פאפא, דו האָסט אליין געהייסען שיקען נאָך דאָקטאָר אסטראוו און איצט אז ער איז געקומען ווילסט איהם ניט צונעהמען. דאָס איז ניט דעליקאט. אומזיסט בעאונרוהיגט א מענשען...

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: וואָס דארף איך דיין אסטראוו'ן. ער פערשטעהט אזוי פיעל אין מעדיצין וויפיעל איך — אין אסטראָ־נאָמיע.

ס אָ נ י א: מען קען דאָך ניט רופען אהער צוליעב דיין גיכט א גאנצען מעדיצינישען פאקולטעט.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: מיט דעם תם וויל איך גאָר ניט ריידען.

ס אָ נ י א: ווי דו ווילסט. (זעצט זיך) מיר איז אלץ איינס.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: וויפיעל איז דער זייגער?

ה עלענא אנדרעיעוונא: א זייגער איינס.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: דושנע... סאָניא, דערלאנג מיר פון טיש די טראָפּענס!

ס אָ נ י א: באלד. (דערלאַנגט די טראָפּענס).

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו (צורייצט): אָך, ניט די. אז מען קען קיין זאך ביי זיי ניט דערבעטען!

ס אָ נ י א: זיי ניט קאפריזנע, כ'בעט דיך. אפשר געפעלט עס עמיצען, אָבער מיך לאָז צורוה, טהו מיר א טובה! איך האָב עס ניט ליעב. און קיין צייט האָב איך אויך ניט, איך דארף מאָר־גען פריה אויפשטעהן, ביי מיר איז היי־שניט.

ס'געהט אריין וואיניצקי אין א כאלאט און מיט אַ ליכט.

ו ו א י נ י צ ק י: אין דרויסען וועט באלד זיין א געוויטער (ס'בליצט). זעה נאָר, העלענא און סאָניא! געהט לעגט זיך, איך בין געקומען אייך אָבביימען.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו (דערשראָקען): ניין, ניין! לאָזט

מיך ניט מיט איהם! ניין. ער וועט מיך פערמוטשען מיט זיינע רייד!

וואניציצקי: מען דארף זיי דאך לאָזען אָברוהען! שוין די צווייטע נאכט, אז זיי שלאָפען ניט.

סערעבריאקאוו: זאָלען זיי געהן לעגען זיך, נאר דו געה אויך אוועק. א דאנק. האָב רחמנות אויף מיר! אין נאָמען פון אונזער אמאָליגער פריינדשאפט, פראָטעסטיר ניט! מיר וועלען שפּעטער דורכריידען.

וואניציצקי (מיט אַ שמייכעל): אונזער אמאָליגער פריינדשאפט... אמאָליגער...

סאָניא: שווייג, אָנקעל וואניא.

סערעבריאקאוו (צו דער פרוי): טייערע, לאָז מיך ניט מיט איהם! ער וועט מיך פערמוטשען מיט זיינע רייד.

וואניציצקי: עס ווערט דאָך ענדליך לעכערליך.

ס'געהט אריין מארינא מיט א ליכט.

סאָניא: דו לעג זיך בעסער, ליעבע ניאניע. ס'איז שוין שפּעט.

מארינא: דער סאמאוואר איז נאָך פון טיש ניט צוגענומען — געה לעג זיך.

סערעבריאקאוו: קיינער שלאָפט נאָך ניט, פון די כחות געהט מען אויס, איך איינער בין דער גליקליכער.

מארינא (געהט צו צו סערעבריאקאוו'ן, צאַרט): וואָס, ליעבינקער? ס'טהוט וועה? ביי מיר אליין ברעכען די פיס, אוי, ווי זיי ברעכען. (פעררוקט דעם פּלעד). דאָס איז ביי אייך א לאַנגיעריגע קרייניק. די פערשטאָרבענע וויערא פּיעטראָוונא, סאָנעטשקא'ס מוטער, פלעגט גאנצע נעכט ניט שלאָפען, צום הארצען זיך גענומען... זי האָט אייך זעהר ליעב געהאט... (פּאוזע). אלטע זיינען ווי קליינע, ס'ווילט זיך, עמיצער זאָל רחמנות האָבען, און אויף אלטע האָט קיינער קיין רחמנות ניט (קושט סערעבריאקאוו'ן אין פּלייצע). קום, ליעבינקער, לעגען זיך... קום, טייערער... איך

וועל דיך מיט ליפּאווען טהעע אָנפּאָיען, די פּיסלעך — אנוואַרע־מען... כ'וועל גאָט בעטען פאר דיר...

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו (געריהרט): קום, מארינא.

מ א ר י נ א: און ביי מיר אליין ברעכען די פיס, אוי, ווי זיי ברעכען! (פיהרט איהם צוזאַמען מיט סאָניאָ'ן). וויערא פּיעט־ראָוונא פלעגט אלץ וויינען, צום הארצען זיך נעהמען... דו, סאָ־ניושקא, ביזט נאָך געווען א קליינע, א נארישע... געה, געה, טייערינקער... (סערעבריאקאוו, סאָניאָ און מאַרינאַ געהען אוועק).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך האָב זיך פערמור־טשעט מיט איהם. קוים וואָס איך שטעה אויף די פיס.

ו ו א י נ י צ ק י: איהר מיט איהם, און איך מיט זיך אליין. שוין די דריטע נאכט, ווי איך שלאָף ניט.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ניט היימליך דאָ אין דעם הויז. אייער מוטער האָט פיינט אלצדינג אין דער וועלט, אוי־סער איהרע בראָשורען און דעם פּראָפעסאָר; דער פּראָפעסאָר איז צורייצט; מיר גלויבט ער ניט, פאר אייך האָט ער מורא; סאָניא איז אין כעס אויף'ן פאָטער, אין כעס אויף מיר און רעדט ניט מיט מיר שוין צוויי וואָכען; איהר האָט פיינט מיין מאן און פעראכט אָפען אייער מוטער; איך בין צורייצט, און כ'האָב שוין היינט אמאָל צוואנציג געהאלטען ביי וויינען... ניט היימליך דאָ אין דעם הויז.

ו ו א י נ י צ ק י: גענוג פילאסאפירען!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איהר, איוואן פּיעט־ראָוויטש, זייט געבילדעט און קלוג. און איהר האָט געדארפט, דוכט זיך, פערשטעהן, אז די וועלט ווערט חרב ניט פון גזלנים, ניט פון שרפות, נאָר פון שנאה, פיינדשאפט, פון די אלטע קליינליכע צאנ־קערייען... איהר האָט געדארפט ניט בורטשען, נאָר שלום מאכען צווישען אלע.

ו ו א י נ י צ ק י: פריהער מאכט מיך שלום מיט זיך אליין! מיין טייערע... (פאַלט צו צו איהר האַנד).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: לאָזט אָב! (נעהמט צו די האַנד). געהט אװעק!

װ ו אָ י נ י צ ק י: באַלד װעט אױפהערען צו רעגענען, און אַלץ אין דער נאַטור װעט דערפרישט װערען און לײכט אױפאָטמען. מיך אײנעם נאָר װעט דער געװיטער ניט דערפרישען. טאָג װי נאַכט שטיקט מיך, װי א שד, דער געדאַנק, אַז מײן לעבען איז פערלױרען אױף אײביג. די פערגאַנגענהײט איז אװעק, נאַריש האָב איך זי פערטהאָן אױף פוסטע זאַכען, און די געגענװאַרט איז שרעקליך אין איהר אונזיניגקײט. דאָס איז מײן לעבען, און דאָס איז מײן ליעבע: װאו זאָל איך זײ אהינטהאָן? מײן געפיהל געהט פערלױרען אומזיסט, װי א זונען־שטראַהל װאָס איז אַרײנגעפאַלען אין א גרוב, װי איך אַלײן געה פערלױרען אומזיסט.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: װען איהר הײבט אָן צו רײדען פון אײער ליעבע, װער איך עפּעס א צוטומעלטע, און כ׳װײס ניט װאָס צו זאָגען. פערצײהט מיר, איך קען אײך גאָרניט זאָגען. (װיל אװעקגעהן) א גוטע נאַכט.

װ ו אָ י נ י צ ק י (פערשטעלט איהר דעם װעג): און װען איהר זאָלט װיסען, װי איך לײד פון דעם געדאַנק, אַז דאָ אין הױז נעבען מיר געהט פערלױרען אַן אַנדער לעבען — אײער לעבען! װאָס װאַרט איהר? װאָס פאַר א פערפלוכטע פילאָסאָפיע שטעהט אײך אין װעג? פערשטעהט זשע, פערשטעהט...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א (קוקט אױף איהם שטאַר): איװאַן פּיעטראָװיטש, איהר זײט שכור!

װ ו אָ י נ י צ ק י: ס׳קען זײן, ס׳קען זײן...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: װאו איז דער דאָקטאָר?

װ ו אָ י נ י צ ק י: ער איז דאָרט... ער נעכטיגט בײ מיר. ס׳קען זײן, ס׳קען זײן... אַלץ קען זײן.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: הײנט אױך געטרונקען? צו װאָס?

וואַיניצקי: דאָך עפּעס א שטיקעל לעבען... שטערט מיר ניט, העלענע!

העלענא אנדרעיעוונא: פריהער פלעגט איהר קיינמאָל ניט טרינקען און קיינמאָל ניט ריידען אזוי פיעל... געהט שלאָפען! מיר איז לאנגווייליג מיט אייך.

וואַיניצקי (פאלט צו צו איהר האנד): טייערע מיינע... נוטע!

העלענא אנדרעיעוונא (מיט פערדרוס): לאָזט מיך אב. ס'ווערט דאָך נמאס סוף כל סוף (געהט אָב).

וואַיניצקי (איינער אליין): זי איז אוועק... (פּאוזע.) מיט צעהן יאהר צוריק פלעג איך איהר בעגעגנען ביי דער פערשטארבענער שוועסטער. דאמאָלס איז זי אלט געווען 17, און איך 37 יאהר. פארוואָס האָב איך זיך דאמאָלס ניט פערליעבט אין איהר און ניט געבעטען איהר האנד? דאָס איז דאָך געווען אזוי מעגליך! און איצט וואלט זי מיין פרוי געווען... יא... איצט וואלטען מיר זיך ביידע פון געוויטער אויפגעכאפּט; זי וואלט זיך דערשראקען פאר'ן דונער, און איך וואלט איהר געהאלטען אין מיינע ארימס און געשעפּטשעט: „האָב ניט מורא, איך בין דאָ". א, ס'ארא וואונדער־שעהנע געדאנקען, ווי גוט! איך לאַך אפילו... אבער גאט מיינער, די געדאנקען מישען זיך ביי מיר אין קאָפּ... פארוואָס בין איך אלט, פארוואָס פערשטעהט זי מיך ניט? איהר ריטאָריק, איהר פוילע מאָראל, די פּוסטע, פוילע געדאנקען וועגען דעם אונטערגאנג פון דער וועלט, — דאס אלץ האָב איך פיינט פון טיעפען הארצען. (פּאוזע) יאָ, ווי איך בין גענארט! איך האָב פערגעטערט דעם פּראָפעסאָר, דעם עלענדען גיכטיגען, און געארבייט אויף איהם, ווי אן אָקס! איך און סאָניא האָבען פון דעם גוט אויסגעפּרעסט אלץ, וואָס מען האָט נאָר געקענט; מיר האָבען, ווי דאָרף־קולאקעס, געהאנדעלט מיט אלצדינג, מיט זאמען־אויל, מיט ארבעס, מיט טוואָרעך, אליין ניט פערגינט זיך קיין איבריגען ביסען, אבי צומאכען פון די גראשענס און קאָפּיקעס טויזענדער און איהם אוועקשיקען. איך בין געווען שטאָלץ אויף איהם און זיין ווי־

סענשאפט, איך האָב געלעבט, כ'האָב געאָטעמט מיט איהם! אלץ וואס ער האָט אנגעשריבען און אויסגערעדט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען געניאל... גאָט מיינער, און איצט? אָט איז ער איצט אין דעמיסיע, זעהט מען דעם גאנצען סך־הכל פון זיין לעבען: נאָך איהם וועט ניט בלייבען קיין איין בלעטעל פון א ווערק, ער איז לחלוטין אונבעקאנט, ער איז א גאָרניט! א זייפען־בלאָז! און איך בין גענארט... כ'זעה, — נאריש גענארט... (ס'געהט אריין אסטראוו אין א ראָק, אָהן א זשילעט און א שניפס; ער איז שכור'לעך; נאָך איהם טיעליעגין מיט א גיטארע.)

אסטראוו: שפּיעל!

טיעליעגין: אלע שלאָפען!

אסטראוו: שפּיעל!

טיעליעגין שפּיעלט שטיל צו.

אסטראוו (צו וואָיניצקי'ן): ביזט איינער אליין דאָ? קיינער איז ניטא? (האלט זיך פאר ביידע זייטען, זינגט): חאָדי חאטא, חאָדי פּעטש, חאָזאאינו נעגדיע ליעטש... מיך האָט דער געוויטער אויפגעוועקט. א פיין רעגענדיל. ווי שפּעט איז?

וואָיניצקי: דער רוח וויים עס.

אסטראוו: מיר האָט זיך אויסגעוויעזען, ווי כ'האָב געהערט העלענא אנדרעיעווגא'ס שטימע.

וואָיניצקי: זי איז נאָר וואס געווען דאָ.

אסטראוו: א פּרעכטיגע פרוי (בעקוקט די פלעשלעך אויפ'ן טיש.) רפואות. פון גאר דער וועלט רעצעפּטען! אי כאר־קאָווער, אי מאָסקאָווער, אי טולער... אלע שטעדט דערעסען מיט זיין גיכט. ער איז טאקע קראנק, אָדער ער מאכט זיך?

וואָיניצקי: קראנק (פּאוזע.)

אסטראוו: וואס ביזטו מיר היינט אזוי טרויעריג? האָסט רחמנות אויף'ן פּראָפעסאר, אפשר?

וואָיניצקי: לאָז מיך צורוה.

אסטראוו: און אפשר ביזטו גאר פערליעבט אין דער פּראָפעסאָרשע?

ו ו אָ י נ י צ ק י: זי איז מיין פריינד.

א ס ט ר אָ ו ו: שוין?

ו ו אָ י נ י צ ק י: וואס הייסט „שוין“?

א ס ט ר א ו ו: א פרוי קען זיין א פריינד פון א מאנסביל נאר אין אזא סדר: צוערשט א גוטע בעקענטע, דערנאָך א ליו־באָווניצע, און דאן ערשט א פריינד.

ו ו אָ י נ י צ ק י: א וואולגארע פילאָסאָפיע.

א ס ט ר אָ ו ו: ווי? יא... איך מוז זיך מודה זיין, — כ׳ווער וואולגאר. זעהסט, איך בין אפילו שכור. געוועהנליך שכור איך זיך אן אזוי איינמאָל א חדש. ווען איך בין אין אזא צושטאנד, ווער איך חוצפה׳דיג און פרעך אָהן א שעור. איך לאָך זיך דאַ־מאָלסט אויס פון דער גאנצער וועלט! כ׳נעהם זיך פאר די שווער־סטע אפעראציעס און מאַך זיי זעהר גוט; איך מאָהל מיר די גרעסטע צוקונפטס־פּלענער; דאמאָלסט רעכן איך זיך ניט פאר א מאָדנע בריאה, און כ׳גלויב אז איך ברענג דער מענשהייט אן אונגעהויער גרויסען נוצען... אן אונגעהויער־גרויסען! דאמאָלסט האָב איך מיר מיין אייגענעם פילאָסאָפישען סיסטעם, און איהר, ברידערלעך, זייט אין מיינע אויגען אזעלכע קליינע ווערמלעך... מיקראָבען (צו טעליעגין) שפּיעל, וואפלע!

ט י ע ל י ע ג י ן: טייערינקער, מיט׳ן גאנצען הארצען וויל איך אלעס טהאָן פאר דיר; פערשטעה אבער, — מען שלאָפט אין הויז!

א ס ט ר א ו ו: שפּיעל!

טעליעגין שפּיעלט שטיל צו.

א ס ט ר א ו ו: מען דארף נעהמען א טרונק בראנפען. קום, ביי אונז איז דאָרט געבליבען, דוכט זיך, א ביסעל קאָניאק. און ווי ס׳וועט טאגען, וועלען מיר פאָהרען צו מיר אין הויז. געיעט עס? איך האָב א פעלדשער, וואס וועט קיינמאָל ניט זאגען „ס׳געהט“, נאר „ס׳געיעט“. א גרויסער שווינדלער. נו, „געיעט“ עס? (דער־זעהט די אריינגעהענדע סאָניא.) ענטשולדיגט, איך בין אָהן א שניפּס (געהט גיך אוועק; טעליעגין געהט איהם נאָך.)

ס אָ נ י א: און דו, אנקעל וואניא, האָסט זיך ווידער אנ־געשכור'ט מיט'ן דאקטאר. גוטע ברידער געווארען. נו, יענער איז שוין פון אלעמאָל אזוי, אבער דו, וואס איז מיט דיר? אין דיינע יאהרען איז עס גארניט שעהן.

וו אָ י נ י צ ק י: מיט די יאהרען האָט עס גארניט צו טהאן. אז ס'איז ניטא קיין אמת לעבען, לעבט מען מיט מיראזשען. אלץ בעסער, ווי גארנישט.

ס אָ נ י א: די היי איז ביי אונז אבגעשניטען שוין אינ־גאנצען, יעדען טאָג רעגענט, אלעס פוילט, און דו פערנעהמסט זיך מיט מיראזשען. האָסט אינגאנצען פערוואָרפען די בעלי־בית'יש־קייט... איך ארבייט אליין, כ'בין גאָר ארוים פון די כחות... (צו־שראָקען) ביי דיר שטעהען טרערען אין די אויגען!

וו אָ י נ י צ ק י: וואָסערע טרערען? ס'איז גארניט... נאַ־רישקייטען... האָסט נאָר וואס אקוק געטהון אויף מיר, ווי דיין פער־שטארבענע מוטער. מיין ליעבע... (קושט זשעדנע איהרע הענד און געזיכט.) מיין שוועסטער... די ליעבע שוועסטער מיינע... וואו איז זי איצט? ווען זי זאָל וויסען! אך, ווען זי זאָל וויסען!

ס אָ נ י א: וואס? וו אָ ס וויסען, אנקעל?

וו אָ י נ י צ ק י: ס'איז שווער. ניט גוט... גאָרניט... דערנאָך... גארניט... כ'וועל אוועקגעהן... (געהט אוועק.)

ס אָ נ י א (קלאָפּט אין טהיר): מיכאאיל לוואָוויטש! איהר שלאָפט ניט? אויף איין רגע!

א ס ט ר א ו ו: (הינטער'ן טהיר) באלד! (א ווײלע שפּע־טער געהט ער אריין. ער איז שוין אין א זשילעט און שניפּס) וואס בעפעהלט איהר?

ס אָ נ י א: טרינקט אליין, אויב ס'איז אייך ניט דערווידער, נאָך כ'בעט אייך זעהר, לאָזט ניט טרינקען דעם אנקעל. פאר איהם איז עס שעדליך.

א ס ט ר אָ ו ו: גוט. מיר וועלען מעהר ניט טרינקען (פּאו־זע). באלד פאָהר איך צו זיך אהיים. בעשלאָסען און גע'חתמ'עט. ביז וואנען מען וועט איינשפּאנען, וועט שוין טאָגען.

ס אָ נ י א: ס'רעגענט. וואַרט צו ביז אינדערפריה.

א ס ט ר א ו ו: דאָס געוויטער געהט פערביי. ס'וועט מיך קוים פערטשעפּען. איך פאָהר. און, כ'בעט אייך, רופט מיך מעהר ניט צו אייער פאטער. איך זאָג איהם — גיכט, און ער — רעוומאַ־טיזם; איך בעט איהם ליעגען, ער זיצט. און היינט האָט ער גאַר־ניט געוואָלט ריידען מיט מיר.

ס אָ נ י א: ער נעהמט זיך איבער. (זוכט אין בופעט). איהר ווילט עפּעס איבערבאַפּען?

א ס ט ר אָ ו ו: פאַרוואָס ניט, גיט.

ס אָ נ י א: כ'האָב ליעב ביידערנאַכט עפּעס איבערבאַפּען. אין בופעט איז, דוכט זיך, עפּעס פאַראַן. מען זאָגט, ער האָט אין לעבען געהאַט א גרויסען ערפאָלג ביי פרויען, און דאַמען האָבען איהם פערוועהנט. נעהמט א שטיקעל קעז. (ביידע שטעהען ביי'ם בו־פעט און עסען.)

א ס ט ר אָ ו ו: איך האָב היינט גאַרניט געגעסען, בלויז געטרונקען. אייער פאַטער האָט א שווערען כאַראַקטער. (נעהמט ארויס פון בופעט א פלאַש.) מ'קען? (טרינקט אויס א גלעזעל.) קיינער איז דאָ ניטא, און מ'קען ריידען אָפען. איהר ווייסט, מיר דוכט, אז אין אייער הויז וואָלט איך ניט אויסגעהאַלטען קיין איין חדש, מיך וואָלט די לופט דערשטיקט... אייער פאַטער, וואָס האָט תמיד צו טהאָן נאָר מיט זיין גיכט און מיט זיינע ביכער, דער אָנקעל וואַניא מיט זיין מרה־שחורה, אייער באָבע, און ענדליך, אייער שטיפמוטער.

ס אָ נ י א: וואָס — שטיפמוטער?

א ס ט ר אָ ו ו: אין א מענשען דאַרף אַלצדינג שעהן זיין: אי דער פּנים, אי די קליידער, אי די נשמה, אי די געדאַנקען. זי איז שעהן, געוויס, נאָר... זי טהוט דאָך ניט מעהר, נאָר זי עסט, טרינקט, שפּאַצירט, פער'כשופ'ט אונז אַלעמען מיט איהר שעהנ־קייט — און מעהר גאַרניט. זי האָט ניט קיינע פליכטען, אויף איהר ארבייטען אנדערע... ניט אזוי? און דאָס לעבען פון א לע־דיג־געהער קען ניט זיין ריין (פּאַוזע). און אפשר, בין איך צו

שטרענג. דאס לעבען בעפריעדיגט מיך ניט, גלייך ווי אייער אנקעל וואניא'ן, און מיר ביידע הויבען אָן אָהן אן אויפהער צו בורטשען.

ס אָ נ י א: און איהר זייט ניט צופריעדען פון לעבען?

א ס ט ר אָ ו: דאס לעבען בכלל האָב איך ליעב, אבער אונזער לעבען, דאס קליינשטעדטעלדיגע, דאס רוסישע, דאס בעל־הבית'שע לעבען, קען איך ניט פערטראָגען און פעראכט עס מיט אלע כחות פון מיין נשמה. און וואָס אנבעלאנגט מיין אייגען, פערזענליך לעבען, מעגט איהר מיר גלויבען, אז אין איהם איז ניטאָ קיין שום גוטס. איהר ווייסט, אז מען געהט אין א פינסטערער נאכט דורך א וואלד, און פון דערווייטענס לייכט א פייערל, קוקט מען ניט אויף מיעדקייט, ניט אויף דער פינסטערניש, ניט אויף די שטעכעדיגע צווייגען, וואָס שמייסען אין פנים... איך ארבייט, דאָס ווייסט איהר, ווי קיינער ניט אין דעם אויעזד. דאָס שיקזאל שלאָגט מיך אָהן אויפהער, צייטענווייז לייד איך, ניט אויסצוהאלטען, נאר פאר מיר איז אין דער ווייטענס קיין פייערל נישטא. פאר זיך ווארט איך שוין אויף קיין זאך ניט, איך האָב ניט ליעב קיין מענשען... שוין לאנג, ווי איך האָב קיינעם ניט ליעב.

ס א נ י א: קיינעם ניט?

א ס ט ר א ו ו: קיינעם. עפעס א ליעבשאפט פיהל איך בלויז צו אייער ניאניע — פון אמאָליגע צייטען נאָך. די פויערן זענען איינער ווי דער אנדערער, אונענטוויקעלט, לעבען אין שמוץ, און מיט דער אינטעליגענץ איז שווער אויסצוקומען. זי פערמאטערט. זיי אלע, אונזערע גוטע בעקאַנטע, דענקען קליינליך, פיהלען קליינליך און געהען ניט ווייטער פון זייער אייגענער נאָז — פּראָסט גערעדט, זיי זענען נאראָנים. און די, וואס זענען אביסעל קליגער און בעדייטענדער, זענען היסטעריש, פון זיי מאכט א תל דאס אייביגע חקרנ'ען, דאס גריבלען זיך... תמיד קלאָגען זיי זיך, אלעמען האָבען זיי פיינד און בערעדען קרענקליך; געהען צו א מענשען צו פון דער זייט; קוקען אויף איהם קרום און מאכען ביי זיך אב: „אָ, דאס איז א פסיכאָפּאט!“ אדער: „דאס איז א פראזיאָר!“ און ווייסען זיי ניט, וואס פאר

אין עטיקעטעל מיר צו צוקלעפּען צום שטערען, זאָגען זיי: אַ, „דאס איז א מאדנער מענש, א מאדנער!“ איך האָב ליעב דעם וואלד — איז עס מאָדנע; איך עס ניט קיין פלייש — איז עס אויך מאָדנע. און אונמיטעלבארע, ריינע, פרייע בעציהונג צו נאטור און מענשען איז שוין ניטא... ניטא און ניטא! (וויל טרינקען.)

ס א נ י א: (לאזט איהם ניט) ניין, איך בעט אייך, האָט רחמנות, טרינקט ניט מעהר.

א ס ט ר א ו ו: פארוואס?

ס א נ י א: דאס פאסט אזוי ניט פאר אייך! איהר זייט עלעגאנט, איהר האָט אזא צארטע שטימע... נאָך מעהר, איהר זייט ווי קיינער פון די, וואָס איך קען, — איהר זייט שעהן, פארוואס־זשע ווילט איהר עהנליך זיין צו געוועהנליכע מענשען, וואס טרינקען און שפּיעלען אין קארטען? אָ, טהוט עס ניט, איך בעט אייך זעהר! איהר זאגט שטענדיג, אז מענשען שאפען ניט, נאָר זיי מאכען א תל פון אלעם, וואָס איז זיי געגעבען געווארען פון אויבען. פארוואס מאכט איהר א תל פון זיך אליין? מען דארף ניט, מען דארף ניט, איך בעט אייך, איך בעשווער אייך.

א ס ט ר א ו ו (שטרעקט איהר אויס די האַנד): מעהר וועל איך ניט טרינקען.

ס אָ נ י א: גיט מיר אייער וואָרט.

א ס ט ר א ו ו: מיין עהרען־וואָרט.

ס א נ י א (דריקט איהם שטארק די האנד): א דאנק!

א ס ט ר א ו ו: באסטא! איך האָב זיך אויסגעניכטערט. איהר זעהט, איך בין שוין גאר ניכטער, און ניכטער בלייב איך ביז'ן לעצטען טאָג פון מיין לעבען (קוקט אויפ'ן זייגער). אלזא, וועלען מיר ווייטער רעדען. איך זאָג: מיין צייט איז שוין אריבער, שוין שפעט פאר מיר... כ'בין אלט געווארען, זיך איבערגעארבייט, געווארען וואולגאר, אלע געפיהלען פערטעמפּט, און, עס דוכט מיר, איך וואלט שוין ניט געקענט זיך צובינדען צו א מענ־

שען. קיינעם האָב איך ניט ליעב, און וועל שוין ליעב ניט קרי־גען. וואָס עס נעהמט מיך נאָך, איז שעהנהייט. צו שעהנהייט בין איך ניט גלייכגילטיג. מיר דוכט, אז אויב העלענא אנדרע־יעוונא וואלט זיך פערגלוסט, וואלט זי געקענט מיר דעם קאָפּ פערדרעהען אין איין טאָג... אבער דאס איז דאך ניט קיין ליעבע... ניט קיין צוגעבונדענקייט... (פערדעקט די אויגען מיט דער האנד, ציטערט אויף.)

ס אָ נ י א: וואס איז מיט אייך?

א ס ט ר א ו ו: יא... אין גרויסען פּאָסט איז ביי מיר א קראנקער געשטארבען אונטער'ן כלאָראָפאָרם.

ס אָ נ י א: ס'איז שוין צייט דאָס צו פערגעסן. (פּאוזע). זאָגט מיר, מיכאאיל לוואָוויטש... ווען איך וואָלט געהאט א חבר'טע, אדער א יונגערע שוועסטער, און איהר וואלט פּלוצלונג געוואהר געווארען, אז זי... נו, לאמיר זאגען, האָט אייך ליעב, ווי וואָלט איהר זיך בעצויגען צו דעם?

א ס ט ר א ו ו (קוועטשט מיט די פּלייצעס): איך ווייס ניט. איך רעכען, איך וואלט זיך גארניט בעצויגען. איך וואלט איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז ליעב קריגען איהר קען איך ניט... און דערצו ליעגען מיר אזעלכע זאכען ניט אין קאָפּ. אזוי צו אזוי, אויב פאהרען, איז שוין צייט. זייט געזונד, הארציגע, אניט וועלען מיר ביז אינדערפריה ניט פארטיג ווערען. (דריקט איהר האנד). איך וועל געהן דורכ'ן גאסט־צימער, אויב איהר ער־לויבט, אניט האָב איך מורא אייער אנקעל זאל מיך ניט פערהאל־טען (געהט אוועק).

ס א נ י א (איינע אליין): ער האָט מיר גארניט גע־זאָגט... זיין נשמה און הארץ זענען נאָך אלץ פערבאָרגען פאר מיר, פארוואס־זשע פיהל איך זיך אזוי גליקליך? (לאַכט פון גליק.) איך האָב איהם געזאגט: איהר זייט עלעגאנט, איידעל, איהר האָט אזא צארטע שטימע... איז דאס אפשר געווען ניט פּאסיג? זיין שטימע ציטערט, לאשטשעט... אט פיהל איך איהר אין לופט. און ווען איך האָב איהם געזאגט וועגען א יונגער

שוועסטער, האָט ער ניט פערשטאַנען... (ברעכט די הענד.) אָ, ווי שרעקליך דאָס איז, וואָס איך בין ניט שעהן! ווי שרעקליך! און איך ווייס, אז איך בין ניט שעהן, איך ווייס, איך ווייס... פאראכטאגען זונטאג, ווען מען איז געגאנגען פון קירכע, האָב איך געהערט, ווי מען האָט גערעדט וועגען מיר און א פרוי האָט גע־זאגט: „זי איז א גוטע, א גרויסמוטהיגע, נאר א שאד, וואס זי איז ניט קיין שעהנע"... ניט קיין שעהנע...

ס'קומט אריין העלענא אנדרעיעוונא.

העלענא אנדרעיעוונא (עפענט די פענסטער): דאָס געוויטער איז אריבער. ווי פיין איז דרויסען איז! (פאוזע.) וואו איז דער דאקטאר?

סאניא: ער איז אוועק. (פאוזע.)

העלענא אנדרעיעוונא: סאפיע!

סאניא: וואס?

העלענא אנדרעיעוונא: ווי לאנג וועט איהר זיך בלאָזען אויף מיר? מיר האבען איינער דעם אנדערן קיין שלעכטס ניט געטהאן, פארוואס זאלען מיר זיין שונאים? גע־נוג שוין...

סאניא: איך האָב אליין געוואלט... (נעהמט איהר ארום.) גענוג ברוגז זיין.

העלענא אנדרעיעוונא: איז טאקע גוט. (ביידע זענען אויפגערעגט.)

סאניא: פאפא האָט זיך געלעגט?

העלענא אנדרעיעוונא: ניין, ער זיצט אין גאסט־צימער... מיר רעדען ניט איינער מיט'ן אנדערן גאנצע וואָ־כען, און גאָט ווייס צוליעב וואס... (דערזעהט, אז דער בופעט איז אָפען.) וואָס איז דאָס?

סאָניא: מיכאאיל לוואָוויטש האָט געגעסען אבענד־ברויט.

העלענא אנדרעיעוונא: און ווין איז איך דאָ... לאָמיר אויסטרינקען ברודערשאפט.

ס אָ נ י א: לאָמיר.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פון איין גלעזעל...
(גיסט אן.) אזוי איז בעסער. נו, הייסט עס — דו?

ס אָ נ י א: דו. (טרינקען און קושען זיך.) כ׳האָב שוין לאנג געוואלט שלום מאכען, נאר כ׳האָב זיך אלץ געשעהמט...
(וויינט.)

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וואס־זשע וויינסטו?

ס א נ י א: גאָרניט, אזוי זיך.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: נו, גענוג שוין, גע־נוג... (וויינט.) א מאָדנע בריאה, וואס איך בין, כ׳האָב אויך אנ־געהויבען וויינען... (פּאוזע.) דו ביזט ברוגז אויף מיר, וואס איך האָב חתונה געהאט מיט דיין פאטער צוליעב געלד... אויב דו גלויבסט א שבועה, וועל איך דיר שווערען, — איך האָב חתונה געהאט מיט איהם אוים ליעבע. ער האָט מיך צוגעצויגען, ווי א געלעהרטער און בעריהמטער מענש. די ליעבע איז געווען ניט קיין אמת׳ע, א קינסטליכע, נאָר מיר האָט זיך דאָך דאן אויסגע־וויזען, אז זי איז אן אמת׳ע. איך בין ניט שולדיג. און דו האָסט פון דער חתונה אָן ניט אויפגעהערט צו שטראָפען מיך מיט דיינע קלוגע אויגען, וואָס האָבען מיר אין עפּעס חושד געווען.

ס א נ י א: נו, שלום, שלום! לאָמיר פערגעסען.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: מען דארף ניט קו־קען אזוי — דיר פּאסט עס ניט. מען דארף אלעמען גלויבען — אנדערש קען מען ניט לעבען (פּאוזע).

ס א נ י א: זאָג מיר דעם ריינעם אמת, ווי א פריינד... דו ביזט גליקליך?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ניין.

ס א נ י א: איך האָב עס געוואוסט. נאָך איין פראגע: זאג אפענהערציג, — דו וואָלסט געוואלט האָבען א יונגען מאן.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ס׳ארא קינד דו ביזט נאָך. אודאי, וואָלט איך געוואָלט. (לאַכט.) נו, פרעג נאָך עפּעס, פרעג...

ס אָ נ י א: דיר געפעלט דער דאקטאר?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: יא, זעהר.

ס א נ י א (לאַכט): איך האָב א נאריש געזיכט... יא? אַט איז ער אוועק, און איך הער אלץ זיין שטימע און זיינע טריט, און טהו איך א קוק אויפ'ן דונקעלען פענסטער — שטעלט זיך מיר פאר זיין פנים. לאָז מיר זיך אויסרעדען... נאר איך קען ניט רעדען אזוי הויך, איך שעהם זיך. קום צו מיר אין צימער, דארט וועלען מיר רעדען. דו מוזט רעכנען, איך בין א נארעלע? זיי זיך מודה... זאג מיר עפּעס וועגען איהם...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וואָס־זשע?

ס אָ נ י א: ער איז א קלוגער... אלץ קען ער, אלץ ווייס ער... ער היילט, פלאנצט וואלד...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ניט וועגען וואלד און ניט וועגען מעדיצין געהט עס... מיין ליעבע, פערשטעה, דאס איז א טאלאנט! ווייסטו, וואס טאלאנט הייסט? מוט, א פרייער קאָפּ, א הויכער שוואונג... פלאנצט ער א בוים, פרעגט ער זיך שוין, וואס וועט זיין דערפון אין טויזענד יאהר ארום, און שוין חלום'ט זיך איהם דאָס גליק פון דער מענשהייט. אזעלכע מענשען זענען זעלטען, מען דארף זיי ליעב האָבען... ער טרינקט, אפטמאָל איז ער א ביסעל גראָב, — וואס פאר אן אומגליק איז עס? א טאלאנטפולער מענש אין רוסלאנד קען ניט זיין קיין רייני נקער. דו טהו נאר א טראכט, ס'ארא לעבען עס לעבט דאס דער דאקטאר! שרעקליכע בלאטעס אויף די וועגען, פרעסט, זאַ־ווערוכעס, אונענדליכע שטרעקעס, מענשען גראָבע, ווילדע, ארום און ארום נויט, קראנקהייט, און ביי אזעלכע בעדינגונגען איז שווער פאר א מענשען, וואס ארבייט און קעמפּפט טאג איין טאג אויס בלייבען צו פערציג יאהר ריין און ניכטער... (קושט איהר.) איך ווינש דיר פון גאנצען הארצען, דו ביזט ווערט גליק... (שטעהט אויף.) און איך בין א נודנע, אן עפּיזאדישע פערזאן... אין מוזיק, אין מאן'ס הויז, אין אלע ראָמאנען — אומעטום, מיט איין וואָרט, בין איך געוועזן נאר אן עפּיזאדישע פערזאן. אייגענטליך, סאָניא,

מען זאָל זיך אריינטראַכטען, בין איך זעהר, זעהר אומגליקליך!
(געהט ארום אן אויפגערעגטע אויף דער סצענע.) ניטאָ פאַר מיר קיין גליק אויף דער וועלט. ניטאָ! וואָס לאַכסטו?

סאָניאַ: (לאַכט, פערדעקענדיג דעם פּנים.) איך בין אַזוי גליקליך... גליקליך!

העלענאַ אַנדרעיעוונאַ: מיר ווילט זיך שפּיעלען... איך וואָלט איצט עפּעס געשפּיעלט.

סאָניאַ: שפּיעל! (נעהמט איהר ארום.) איך קען ניט שלאָפען... שפּיעל!

העלענאַ אַנדרעיעוונאַ: באַלד. דיין פאטער שלאָפט ניט. ווען ער איז קראַנק, רעגט איהם מוזיק אויף. געה פרעג. אויב איהם אַרט ניט, וועל איך שפּיעלען. געה.

סאָניאַ: באַלד. (געהט אַוועק.)

אין גארטען קלאַפּט דער וועכטער.

העלענאַ אַנדרעיעוונאַ: שוין לאַנג, ווי כ'האָב ניט געשפּיעלט. כ'וועל שפּיעלען און וויינען, וויינען ווי אַ נאַרעלע. (אין פענסטער) דאָס קלאַפּסט דו, יעפים?

די שטימע פון וועכטער: איך.

העלענאַ אַנדרעיעוונאַ: קלאַפּ ניט, דער הערר איז ניט געזונד.

די שטימע פון וועכטער: באַלד געה איך אוועק! (פייפט צו. רופט זיינע הינד.) היי, איהר זשוק, מאַלטשיק, זשוק! (פּאוזע.)

סאָניאַ (קעהרט זיך אום): מ'קען ניט.

פאָרהאַנג.

דריטער אקט.

גאַסט־צימער ביי סערעבריאַקאָוו'ן אין הויז. דריי טירען: רעכטס, לינקס און אינמיטען. טאָג.

וואָיניצקי און סאָניא זיצען. העלענאַ אַנדרעיעווּנאַ געהט ארום אויף דער סצענע, טראַכטענדיג וועגען עפּעס.

וואָיניצקי: דעם הערר פּראָפעסאר איז געפעליג געווען אויסצודריקען זיין וואונש, אז מיר זאלען זיך אלע היינט פערזאמלען אין גאַסט־צימער אום איינס אזייגער (קוקט אויפ'ן זייגער) א פיערטעל צו איינס. ער וויל עפּעס מודיע זיין דער וועלט.

העלענא אנדרעיעוונא: עפּעס אן ענין, אודאי.

וואָיניצקי: קיין שום ענינים האָט ער ניט. שרייבט נארישקייטען, בורטשעט און איז איפּערזיכטיג, מעהר גארנישט.

סאָניא (מיט א פארוואורף): אָנקעל!

וואָיניצקי: נו, נו, ענטשולדיגט (ווייזט אויף העלענאַ אַנדרעיעווּנאַ) קלייבט נחת; זי געהט ארום און וויעגט זיך פון פוילקייט. זעהר פיין! זעהר פיין!

העלענא אנדרעיעוונא: א גאנצען טאג זשומעט איהר, האלט אין איין זשומען — ווי זאל עס ניט דערעסען! (טרויעריג) איך שטארב פון לאנגווייליגקייט, כ'ווייס ניט, וואס צו טהאן.

סאניא (קוועטשט מיט די פּלייצעס): פאראן ווייניג ארבייט? זאָלסט נאָר חשק האָבען.

העלענא אנדרעיעוונא: צום ביישפּיעל?

סאָניא: פערנעהם זיך מיט דער בעל־הבית'ישקייט, לערן, הייל. איז דאס דיר ווייניג? ווען דו און פּאפּא זייט ניט

געוועזן אין דערהיים, פלעגען מיר פאהרען אליין, איך און אנקעל וואניא, אויפ'ן מארק מיט מעהל האנדלען.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א : איך קען ניט. און דערצו איז עס ניט אינטערעסאנט. דאס היילט מען און מען לערנט פויערן נאר אין די טענדרענץ־ראָמאנען, איך אָבער — ווי וועל איך עס, מיר ניט דיר ניט, פלוצלונג נעהמען און אוועק צו די פויערן, לערנען זיי אדער היילען?

ס אָ נ י א : און איך פערשטעה ניט, ווי געהט מען עס ניט און מען לערנט ניט. ווארט אקאָרשט, וועסט זיך אויך צוגעוואוי־נען. (נעהמט איהר ארום.) לאנגווייליג זיך ניט, מיין טייערע (לא־בענדיג). דו לאנגווייליגסט זיך, געפינסט זיך ניט קיין אָרט, און לאנגוויילינקייט און לעדיג־געהן זענען אנשטעקיג. קוק זיך איין: אָנקעל וואניא טהוט גארניט, געהט דיר נאָך ווי א שאטען, איך האָב געלאזען מיין ארבייט און געקומען צולויפען צו דיר זיך דורכריידען. פויל געווארען, כ'קען ניט! דאקטאר מיכאאיל לוואָוויטש פלעגט פריהער זיין ביי אונז זעהר זעלטען, איינמאָל אין חדש, שווער געווען צו דערבעטען זיך ביי איהם, און איצט פאהרט ער אהער יעדען טאָג, האָט פערוואָרפען זיינע וועלדער, זיין מעדיצין. דו ביזט א כשוף־מאכערין, ווייזט אוים.

ו ו אָ י נ י צ ק י : ס'בענקט זיך! (לעבהאפט.) נו, טייע־רע מיינע, מיין פראכט, זייט א קלוגע! אין אייערע אדערן פליסט נימפען־בלוט, זייט־זשע א נימפע! טהוט פריי, וואס איהר ווילט כאָטש איינמאָל אין לעבען, פערליעבט זיך גיכער אין עפעס א וואסער־גייסט ביז איבער די אויערן — און בוק מיט'ן קאָפּ אין אבגרונד אריין, אז דער הערר פראָפעסאר און מיר אלע זאלען נאר שטוינען!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א : (צאָרניג) לאָזט מיך צורוה! ווי גרויזאם דאס איז! (וויל אוועקגעהן).

ו ו אָ י נ י צ ק י : נו, נו, מיין פרייד, פערצייט... ענטשול־דיגט מיר (קושט איהר האַנד) שלום.

העלענא אנדרעיעוונא: א מלאך וואלט ניט אויסגעהאלטען, איהר מוזט אליין צוגעבען.

וואָיניצקי: פאר א צייכען פון שלום און איניג־קייט וועל איך באלד ברייננגען א בוקעט רויזען; נאָך אין דערפריה האָב איך פאר איך אנגעגרייט... הערבסט־רויזען — ליעבע, טרויעריגע רויזען... (געהט אוועק.)

סאָניא: הערבסט־רויזען — ליעבע, טרויעריגע רויזען... (ביידע פרויען קוקען אין פענסטער.)

העלענא אנדרעיעוונא: אָט איז שוין סעפ־טעמבער. ווי וועלען מיר דאָ איבערלעבען דעם ווינטער! (פּאו־זע.) וואו איז דער דאָקטאר?

סאָניא: ביי אנקעל וואניא'ן אין צימער. ער שרייבט עפּעס. כ'בין צופריעדען, וואס אנקעל וואניא איז אוועק, כ'דארף עפּעס רעדען מיט דיר.

העלענא אנדרעיעוונא: וועגען וואס?

סאָניא: וועגען וואָס? (לעגט דעם קאָפּ אויף איהר ברוסט).

העלענא אנדרעיעוונא: נו, גענוג שוין, גע־נוג... (גלעט איהר די האָר.) גענוג...

סאָניא: איך בין ניט שעהן.

העלענא אנדרעיעוונא: דו האָסט שעהנע האָר.

סאָניא: ניין! (קוקט זיך אום, טהוט א קוק אין שפּי־געל) ניין! איז א פרוי ניט שעהן, זאגט מען איהר: „איהר האָט שעהנע אויגען, איהר האָט שעהנע האָר"... איך האָב איהם ליעב שוין זעקס יאהר, כ'האָב איהם ליעב מעהר, ווי מיין אייגענע מוטער; יעדע מינוט הער איך איהם, פיהל דעם דרוק פון זיין האנד; און כ'קוק אלץ אויף דער טיר, כ'ווארט, מיר דוכט אלץ, אז אָט וועט ער אריינגעהן. און זעהסט דאָך, איך געה אלץ אריין צו דיר, צו ריידען וועגען איהם. איצט איז ער דאָ יעדען טאָג, נאָר ער קוקט ניט אויף מיר, ער זעהט ניט... דאס איז אזא פּיין!

כ'האָב קיין שום האָפנונג ניט, קיין האָפנונג, קיין האָפנונג! (אין פערצווייפלונג) אָ, גאָט מיינער, גיעב מיר קראפט... א גאנ־צע נאכט האָב איך תפלה געטהאָן... אָפט געה איך צו צו איהם, הייב אן רעדען די ערשטע, קוק איהם אין די אויגען אריין... כ'האָב שוין מעהר ניט קיין שטאלץ, כ'האָב ניט קיין כח צו האל־טען זיך אין די הענד... זיך ניט איינגעהאלטען, און האָב נעכטען זיך מודה געווען פאר אנקעל וואניא, אז איך האָב ליעב... און אלע בעדיענטע ווייסען, אז איך האָב איהם ליעב. אלע ווייסען.

העלענא אנדרעיעוונא: און ער?

סאָניא: ער בעמערקט מיך ניט.

העלענא אנדרעיעוונא: (פערטראַכט) א מאד־נער מענש איז ער... ווייסטו וואס? לאָז מיר זיך דורכריידען מיט איהם... איך וועל פאָרזיכטיג, מיט אנצוהערענישען... (פאוזע.) נו, טאקע, וויפיעל איז דער שעור ניט צו ווימען, וואו מען האַלט... לאָז מיר!

סאניא שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יא.

העלענא אנדרעיעוונא: איז טאקע גוט. צי ער האָט ליעב, צי ער האָט ניט ליעב — איז ניט שווער צו דער־געהן. דו זאָרג זיך ניט, מיין הארציגע, זיי ניט אונרוהיג, — איך וועל איהם אויספרעגען פאָרזיכטיג, ער וועט גאר ניט בעמערקען. מיר דארפען נאר וויסען: יא, צו ניין? (פאוזע.) אויב ניין, זאל ער ניט קומען אהער. ניט אזוי?

סאָניא שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יא.

העלענא אנדרעיעוונא: ס'איז גרינגער, אז מען זעהט זיך ניט. אבלייגען אויף דער לאנגער באנק דארף מען ניט, מיר וועלען איהם אויספרעגען טאקע באלד. ער האָט זיך גע־קליבען ווייזען מיר עפּעס צייכנונגען... געה זאג איהם, אז איך וויל איהם זעהן.

סאָניא (שטארק אויפגערעגט): דו וועסט מיר זאגען דעם גאנצען אמת?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: יאָ, אודאי. מיר דוכט, אַז דער אמת,וואָס ער זאָל ניט זיין, איז אַלץ ניט אַזוי שרעקליך, ווי די אונגעווּיסהייט. פערלאָז זיך אויף מיר, מיין טייערע.

ס אָ נ י א: יאָ, יאָ... איך וועל זאָגען, אז דו ווילסט זעהן זייַנע צייכנונגען... (געהט אָב און בלייבט שטעהן ביי דער טהיר) ניין, אונגעווּיסהייט איז בעסער... דאָך א האָפנונג פאָרהאַן...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: וואָס רעדסטו?

ס אָ נ י א: גאָרניט (געהט אַוועק).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א (איינע אליין): ניטאָ קיין ערגערע זאַך, ווי וויסען א פרעמדען סוד און ניט קענען העלפען (פערטראַכט זיך). ער איז אין איהר ניט פערליעבט — דאָס איז קלאָר, נאָר פאַר וואָס זאָל ער ניט חתונה האָבען מיט איהר? זי איז ניט קיין שעהנע, נאָר פאַר א דאָרפישען דאָקטאָר, אין זיינע יאָהרען, וואָלט זי געווען א גאַנץ פיינע פרוי. א קלוגע, א גוטע, א ריינע... ניין, דאָס איז ניט דאָס, ניט דאָס... (פאוזע) איך פערשטעה דאָס אָרימע מיידעל. ס'איז לאַנגווייליג משוגע צו ווערען. אַרום און אַרום בלאָנדזשען אַנשטאָט מענשען עפּעס גרויסע פלעקען. מען הערט ניט מעהר ווי וואולגאַרע רייד, מען ווייס ניט מעהר, ווי עסען, טרינקען, שלאָפען. און פון צייט צו צייט קומט צופאָהרען ער, גאָר אַן אַנדערער ווי די איבעריגע, א שעהנער, אַן אינטערעסאַנטער, א בעצויבערענדער, גלייך ווי אין א פינסטערער נאַכט שיינט אויף די העלע לבנה... אָבגעבען זיך דעם צויבער פון אַזאַ מענש, פערגעסען זיך... דוכט זיך, ער האָט מיך אויך אַביסעל צוגעצויגען. יאָ, מיר איז אָהן איהם לאַנגווייליג. אָט שמייכעל איך, ווען איך טראַכט פון איהם... דער אָנקעל וואַניאַ זאָגט, אַז אין מיינע אָדערן פליסט נימפען־בלוט. כאָטש איין מאָל אין לעבען טהוט פריי, וואָס איהר ווילט. ווער ווייס? אפשר דאַרף מען אַזוי... אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט אַוועקפליהען פון אייך ווייט־ווייט, ווי א פרייער פויגעל, אַוועקפליהען פון אייערע פערשלאָפענע צורות, פון אייערע שמועסען. פערגעסען אַז איהר אַלע עקזיסטירט אויף דער וועלט... נאָר איך בין א שרעקעדיגע, א שעמעוודיגע... מיך וועט פערמוטשען דאָס

געווינען... אַט קומט ער אַהער יעדען טאָג, איך שטוים זיך אַז צו וואָס ער קומט, און שוין פּיהל איך זיך שולדיג, בין גרייט צו פאַלען אויף די קניה פאַר סאָניאַ'ן, ענטשולדיגונג בעטען, וויינען...

אַ ס ט ר אָ ו ו (געהט אַריין מיט אַ קאַרטאָגראַם): גוט מאָר־גען! (דריקט איהר די האַנד). איהר האָט געוואָלט זעהן מיין מאָ־לעריי?

ה ע ל ע נ אַ אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ: נעכטען האָט איהר מיר צוגעזאָגט צו ווייזען אייער אַרבייט... איהר זייט פריי?

אַ ס ט ר אָ ו ו: אָ, געווים. (שפּרייט אויס די קאַרטאָגראַם אויף'ן לאָמבער־טיש און שלאָגט איהר צו מיט נעגעלער). וואו זייט איהר גע־בוירען געוואָרען?

ה ע ל ע נ אַ אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ: אין פּעטערבורג.

אַ ס ט ר אָ ו ו: און געלערענט האָט איהר זיך — ?

ה ע ל ע נ אַ אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ: אין קאָנסערוואַטאָריע.

אַ ס ט ר אָ ו ו: פאַר אייך איז עס אפשר ניט אינטערעסאַנט.

ה ע ל ע נ אַ אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ: פאַרוואָס? אמת איז, אַז איך קען ניט דאָס דאָרף, אָבער איך האָב אַ סך געלעזען.

אַ ס ט ר אָ ו ו: דאָ אין הויז האָב איך מיין אייגענעם טיש... ביי איוואַן פּעטראָוויטש'ען אין צימער. ווען איך ווער אינגאַנצען מיעד, גאָר טעמפּ, וואַרף איך אַלצדינג און לויף אַהער, און שפּיעל זיך מיט אַט דער זאַך אַ שעה — צוויי... איוואַן פּעטראָוויטש און סאָפיאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ קלאַפּען אויפ'ן רעכען־ברעטעל, און איך זיץ מיר נעבען זיי ביי מיין טיש און שמיר — און מיר איז וואַרעם, רוהיג. ערגעץ וואו שרייט אַ גריל. נאָר דעם פאַרגניגען ערלויב איך זיך ניט אָפט, איינמאָל אין חדש... (ווייזט אויף דער קאַרטאָגראַם) איצט קוקט אַהער. דאָ האָט איהר אַ בילד פון אונזער אויעזד, ווי ער האָט אויסגעזעהן מיט 50 יאָהר צוריק. די טונקעל־ און העל־גרינע פאַרב בעצייכענט וועלדער; אַ העלפט פון דעם גאַנצען שטח איז פאַרנומען מיט וואַלד. וואו די גרינע פאַרב איז בעדעקט מיט אַ רויטער נעץ, דאָרט פלעגען לעבען עלענטירען און ציעגען... איך ווייז דאָ אי די פלאַנצען אי די חיות פון דעם געגענד. אין דער

אזערע האבן געלעבט שוואנען, גענז, קאטשקעס און, ווי זאגן די אלטע, ס'איז געווען א וועלט מיט פייגעל; זיי האבן זיך געטראגן אין דער לופטן ווי א כמארע. אויסער דערפער, זעהט איהר, זיינען דא פאנאנדער געווארפען פערשיעדענע ישובים, הויפען, שטיבלעך פון ראסקאלניקעס, וואסער־מיהלען... געווען א סך פיה און פערד. מען זעהט עס אן דער בלויער פארב. אין דעם וואלאסט, צום ביישפיעל, האט זיך די בלויע פארב צושפרייט געדיכט; דאס זיינען געווען גאנצע טאבונעס פערד, און אויף יעדען הויף פלעגט אויסקומען צו דריי פערד. (פאוזע). איצט לאמיר א קוק טהאן ניעדעריגער, דאס, וואס איז געווען מיט 25 יאהר צוריק. דא איז שוין מיט וואלד פערנומען נאר א דריטעל פון דעם שטח. קיין ציגען איז שוין ניטא, נאר ס'איז נאך פארהאן עלענטירען. די גריינע און בלויע פארבען זיינען שוין בלאסער. און אזוי ווייטער, און אזוי ווייטער. געהען מיר צו דער דריטער טייל: דאס בילד פון'ם אויעזד אין דער געגענווארט. די גרינע פארב איז נאך פארהאן וואו ניט וואו, אבער ניט געדיכט, נאר פלעקענווייז; פערשוואונדען די עלענטירען, די שוואנען, די אויערהעהנער... פון די פריהערדיגע ישובים, הויפען, שטיבלעך פון ראסקאלניקעס און מיהלען איז אפילו קיין שפור ניט געבליעבען. בכלל, א בילד פון ביסלעכווייזער און אונצווייפעלהאפטער ענטארטונג, וואס דארף דויערן נאך א וועלכע ניט איז 10—15 יאהר, כדי צו ווערען פאלשטענדיג ענטארטעט. איהר וועט זאגען, אז דאס זיינען די ווירקונגען פון דער קולטור, אז דאס אלטע לעבען האט נאטירליך געמוזט אבטרעטען דאס ארט דעם נייען. יא, איך פערשטעה, ווען אנשטאט די אויסגעראטעטע וועלדער זאל מען אויסבויען שאסיי־וועגען, אייזענבאהנען, אז דא זאלען זיין זאוואדען, פאבריקען, שולען, — דאס פאלק זאל ווערען געזונדער, רייכער, קליגער. נאר דא איז דאך ניטא קיין זכר דערפון! אין אויעזד זיינען דיזעלבע בלאטעס, קאמארעס; דיזעלבע שלעכטע וועגען, ארימקייט, טיפוס, דיפטעריט, שרפות... דא האבען מיר צו טהאן מיט ענטארטונג צוליעב א קאמפף פאר עקזיסטענץ, וואס איז איבער די כחות; דאס איז ענטארטונג פון פאסיוויטעט, פון אונוויסענ־

הייט, פון דעם, וואָס איז לחלוטין ניטאָ קיין זעלבסט־בעוואוסטזיין, און דער פערפרוירענער, הונגעריגער, קראַנקער מענש כאַפּט זיך פאַר אַלצדינג; כדי צו ראַטעווען די רעשט פונ׳ם לעבען, כדי צו פערהיטען פון הונגער די קינדער, כאַפּט ער זיך אינסטינקטיוו, אונבע־וואוסטזיניג פאַר אַלצדינג, מיט וואָס מען קען נאָר שטילען דעם הונ־גער, דערוואַרימען זיך, און ער צושטערט אַלצדינג, ניט טראַכטענ־דיג וועגען מאָרגענדיגען טאָג... ס׳איז שוין צושטערט כמעט אַלצ־דינג, נאָר אַנשטאַט דעם איז גאָרניט בעשאַפען געוואָרען (קאַלט). כ׳זעה נאָך אייער פּנים, אַז איך איז ניט אינטערעסאַנט.

העלענא אנדרעיעוונא: איך פערשטעה דאָך אַזוי ווייניג דעריין...

אסטראָוו: ניטאָ וואָס צו פערשטעהן, ס׳איז פּשוט ניט אינטערעסאַנט.

העלענא אנדרעיעוונא: אָפּען גערעדט, ליעגט עס מיר איצט ניט אין קאָפּ. פערצייט מיר. איך דאַרף אייך מאַכען אַ קליינעם פערהער, און איך בין צוטומעלט, כ׳ווייס ניט, ווי אָנצו־הויבען.

אסטראָוו: אַ פערהער?

העלענא אנדרעיעוונא: יאָ. אַ פערהער, נאָר... אַ גאַנץ אונשולדיגען. לאָמיר זיך זעצען! (זעצען זיך). עס געהט דאָ וועגען אַ געוויסער יונגער פערזאָן. מיר וועלען רעדען, ווי עהר־ליכע מענשען, ווי פריינד, אָהן דריידלעך. מיר וועלען זיך דורכריי־דען און פערגעסען, וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט. יאָ?

אסטראָוו: יאָ.

העלענא אנדרעיעוונא: עס האַנדעלט זיך וועגען מיין שטיפ־טאָכטער סאָניאַ. זי געפעלט אייך?

אסטראָוו: יאָ. איך אַכט איהר.

העלענא אנדרעיעוונא: זי געפעלט אייך אַלס אַ פרוי?

אסטראָוו (ניט באַלד): ניין.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: נאך צוויי־דריי ווערטער — און גענוג. איהר האט גארניט בעמערקט?

א ס ט ר א ו ו: גארניט.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (נעהמט איהם פאר׳ן האנד): איהר האט זי ליעב, איך דערקען עס אין אייערע אויגען... זי ליידט... פערשטעהט עס, און... הערט אויף צו קומען אהער.

א ס ט ר א ו ו (שטעהט אויף): מיין צייט איז שוין אריבער... ניטא קיין געלעגענהייט... (קוועטשט מיט די פלייצעס). ווען קען איך? (ער איז צוטומעלט).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פוי, ס׳ארא ניטאנגע־נעהמער שמועס! כ׳בין אזוי אויפגערעגט, ווי איך וואלט געשלעפט אויף זיך טויזענד פוד. נו, גאט צו דאנק, געענדיגט. לאמיר פערגע־סען, ווי מיר וואלטען גארניט גערעדט, און... און פאהרט אוועק. איהר זייט א קלוגער מענש, איהר וועט פערשטעהן... (פאוזע) איך בין אזש רויט געווארען.

א ס ט ר א ו ו: ווען איהר וואלט מיר געזאגט מיט א חדש צוויי צוריק, וואלט איך נאך א טראכט געטהאן, איצט אבער... (קוועטשט מיט די פלייצעס). און אויב זי ליידט, איז, אודאי... איין זאך פערשטעה איך נאר ניט: צו וואס האט איהר בעדארפט דעם פערהער? (קוקט איהר אין די אויגען און סטראשעט מיט׳ן פינגער) איהר זייט א כיטרע!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וואס בעטייט עס?

א ס ט ר א ו ו (לאכענדיג): א כיטרע! לאמיר זאגען, אז סאניע ליידט, גערן גלויב איך עס, צו וואס איז אבער אייער פער־הער? (לאזט איהר ניט רעדען, לעבהאפט) טהוט מיר צוליעב, מאכט ניט קיין פערוואונדערטען פנים, איהר ווייסט אויסגעצייכענט, צו וואס איך קום אהער יעדען טאג... צו וואס און צוליעב וועמען איך קום, דאס ווייסט איהר אויסגעצייכענט. קוקט ניט אזוי אויף מיר, ליעבע רויב־חיה, איך בין אן אלטער פויגעל...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (ערשטוינט): רויב־חיה? כ׳הייב ניט אן צו פערשטעהן.

א ס ט ר א ו ו: א שעהנער, פוכיגער טחויר'ל... איהר דארפט האבען אפפער! שוין א גאנצען חדש טהו איך גארניט, האב אלץ אוועקגעווארפען, זשעדנע זוך איך אייך — און דאס געפעלט אייך שרעקליך, שרעקליך... איז וואס? איך בין בעזיעגט, איהר האט עס געוואוסט אהן א פערהער (לעגט צונויף די הענד אויף'ן ברוסט און בייגט איין דעם קאפ). כ'גיעב זיך אונטער. נאט, פערצוקט!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איהר זייט פון זין אראב!

א ס ט ר א ו ו (לאכט צווישען די ציין): איהר זייט א שעמעוודיגע...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: א, איך בין בעסער און העכער, ווי איהר מיינט! איך שווער אייך! (וויל אוועקגעהן).

א ס ט ר א ו ו (פערשטעלט איהר דעם וועג): איך וועל היינט אוועקפאהרען, וועל מעהר דא ניט זיין, נאר... (נעהמט איהר פאר'ן האנד, קוקט זיך אום) וואו וועלען מיר זיך זעהן? זאגט גיכער: וואו? מען קען אהער ארייננעהן, זאגט גיכער... (ליידענשאפטליך) ס'ארא וואונדער־שעהנע, פרעכטיגע... איין קוש... נאר איין קוש טהאן אייערע וואויל־שמעקעדיגע האר...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך שווער אייך...

א ס ט ר א ו ו (לאזט איהר ניט רעדען): צו וואס שווערען! מען דארף ניט שווערען. מען דארף ניט קיין איבעריגע רייד... א, ס'ארא שעהנע! ס'ארא הענד! (קושט איהרע הענד).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: אבער גענוג שוין, גענוג... געהט אוועק... (נעהמט צו די הענד). איהר האט זיך פערגעסען.

א ס ט ר א ו ו: זאגט זשע, זאגט, וואו וועלען מיר זיך מארגען זעהן? (נעהמט איהר פאר'ן טאליע). דו זעהסט, דאס איז אונפערמיידליך, מיר דארפען זיך זעהן (קושט איהר; אין דער צייט קומט אריין וואיניצקי מיט א בוקעט רויזען און בלייבט שטעהן ביי'ן טהיר).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דערבארעמט זיך...

לאזט מיך אב... (לעגט דעם קאפ אויף אסטראוו׳ס ברוסט). ניין! (וויל אוועקגעהן).

א ס ט ר א ו ו (האלט איהר פעסט פאר׳ן טאליע): קום מארגעז אין וואלד־ווירטשאפט... א זייגער צוויי... יא? יא? דו וועסט קומען?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (דערזעהט וואיניצקי׳ן): לאזט! (שטארק צוטומעלט געהט זי אב צום פענסטער). דאס איז שרעקליך.

ו ו א י נ י צ ק י (לעגט דעם בוקעט אויף א שטול; אן אויפגערעגטער, ווישט ער מיט׳ן ארבעל דעם פנים און הינטער׳ן קאלנער): גארניט... יא... גארניט...

א ס ט ר א ו ו (זיך בלאזענדיג): היינט, געעהרטער איוואן פעטראוויטש, איז גארניט קיין שלעכטער וועטער. אין־דער־פריה איז געווען כמארנע, ס׳האט זיך געדוכט, אז ס׳וועט באלד רעגנען, און איצט איז זוניג. אין דער אמת׳ען געערעדט האבען מיר א פיינעם הערבסט... און די ווינטער־תבואות זיינען ניש־קשה (וויקעלט צונויף די קארטאגראם, ווי א רערעל). דאס יא: די טעג זיינען געווארען קירצער... (געהט אוועק).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (געהט ראש צו צו וואיניצקי׳ן): איהר וועט זיך סטארען, איהר וועט אויסנוצען אייער גאנצען איינפלוס, אז איך און מיין מאן זאלען אוועקפאהרען נאך היינט! איהר הערט? נאך היינט!

ו ו א י נ י צ ק י (ווישט דעם פנים): הא? נו, יא... גוט... איך האב, העלענא, אלץ געזעהן, אלץ.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (נערוועז): איהר הערט? איך מוז אוועקפאהרען פון דאנען נאך היינט!

ס׳געהען אריין סערעבריאקאוו, סאניא, טיעליעגין און מארינא.

ט י ע ל י ע ג י ן: איך אליין, עקסעלענץ, בין עפעס ניט אינגאנצען געזונד. שוין צוויי טאג, ווי איך בין קראנק. דער קאפ איז עפעס...

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: וואו זשע זיינען די איבעריגע?

כ'האב ניט ליעב דאס הויז. עפּעס א לאבירינט. זעקס און צוואנ־
ציג צימערן, צוגעהן זיך אלע דער אהין און דער אהער און ס'איז
ניט מעגליך צו געפינען עמיצען (קלינגט). רופט אהער מאריא וואַ־
סיליעוונא'ן און העלענא אנדרעיעוונא'ן!

העלענא אנדרעיעוונא: איך בין דא.

סערעבריאקאוו: איך בעט אייך, מיינע הערן, זיצען.

סאניא (געהט צו צו העלענא אנדרעיעוונא'ן, אונגעדולדיג): וואס האט ער געזאגט?

העלענא אנדרעיעוונא: דערנאך.

סאניא: דו ציטערסט? דו ביסט אויפגערעגט? (קוקט זיך איין פארשענדיג אין איהר פנים). איך פערשטעה... ער האט געזאגט, אז מעהר וועט ער שוין ניט קומען אהער... יא? (פּאוזע). זאג: יא?

העלענא אנדרעיעוונא שאקעלט מיט'ן קאפּ אויף יא.

סערעבריאקאוו (צו טיעליעגין'ען): דאס ניט־געזונד־זיין איז נאך ווי ס'איז צו דערליידען, נאר, וואס איך קען ניט פער־דייען, איז דער גאנצער שטייגער פון דארפישען לעבען. עפּעס פיהל איך, ווי איך וואלט פון דער ערד אראבגעפאלען אויף עפּעס א פרעמדע פלאנעטע. זעצט זיך, מיינע הערן, איך בעט אייך. סאַ־ניא! (סאניא הערט ניט, זי שטעהט מיט א טרויעריג אראבגעלאזטען קאפּ). סאניא! (פּאוזע). זי הערט ניט. (צו מארינא'ן). און דו, ניאניע, זעץ זיך (די ניאניע זעצט זיך און שטריקט א זאק). איך בעט אייך מיינע הערן. הענגט אויף, אזוי צו זאגען, אייערע אויערן אויף'ן נאגעל פון אויפמערקזאמקייט (לאכט).

וואינציצקי (אויפגערעגט): אפשר בין איך אן איבע־ריגער? כ'קען אוועקגעהן?

סערעבריאקאוו: ניין, דו ביזט דא אם נויטיגסטען.

וואינציצקי: וואס ווילט איהר פון מיר?

סערעבריאקאוו: איהר... וואס זשע ביזטו ברוגז? (פּאוזע). אויב כ'האב זיך אין וואס ניט איז פערשולדיגט געגען דיר, טא זיי מיר מוחל, איך בעט דיך.

וואיניצקי: לאז אב דעם טאז. לאמיר צוטרעטעז צום עניז... וואס דארפסטו?

ס'געהט אריין מאריא וואסיליעוונא.

סערעבריאקאוו: אט איז מאמא. איך פאנג אז, מיינע העררז (פאוזע). איך האב אייך פערבעטעז, מיינע העררז, צו ערקלערעז אייך, אז צו אונז פאהרט א רעוויזאר. איבריגענס, שפאס אז א זייט. ס'איז אז ערנסטע זאך. איך האב אייך, מיינע העררז, צונויפגערופעז, כדי צו בעטעז ביי אייך הילף און אז עצה, און וויסענדיג, ווי ליעבליך איהר זייט שטענדיג, האף איך, אז איהר וועט עס מיר טהאז. א מענש בין איך א געלערנטער, א ביכער־מענש, און כ'בין שטענדיג געווען ווייט פון פראקטישען לעבעז. בעגעהן זיך אהן די עצות פון ערפאהרענע מענשעז קען איך ניט און איך בעט דיך, איוואז פעטראוויטש, אייך איליא איליאיטש, אייך, מאמא... די מעשה איז, וואס manet omnes una nox דאס הייסט, מיר זיינעז אלע איז גאט'ס האנד. איך בין אלט, קראנק, און דאריבער רעכעז איך, אז ס'איז צייט צו רעגולירעז מיינע פערמעגענס־פערהעלטניסעז, אויף וויפיעל זיי זיינעז נוגע מיין פאמיליע. מיין לעבעז איז שוין געענדיגט, וועגעז זיך טראכט איך ניט, נאר איך האב א יונגע ווייב, א טאכטער — א מיידעל (פאוזע). ווייטער לעבעז איז דארף איז פאר מיר אונמעגליך. מיר זיינעז ניט בעשאפעז געווארעז פאר'ז דארף. לעבעז אבער איז שטאדט מיט דעם געלד, וואס דער גוט ברייננגט אונז איז אונמעגליך. זאלעז מיר פערקויפעז, לאמיר זאגעז, דעם וואלד, איז דאס אז אויסערגעוועהנליכער מיטעל, וואס מעז קעז ניט בענוצעז יעדעז יאהר. מעז דארף אויסזוכעז אזעלכע מיטלעז, וואס זאלעז אונז גאראנטירעז א שטענדיגע, מעהר אדער וועניגער בעשטימטע הכנסה. איך האב אויסגעטראכט איין מיטעל אזעלכעז, און כ'האב די עהרע פארצולעגעז איהם פאר אייך, איהר זאלט איהם בעטראכטעז. אויסמיידענדיג די פרטים, וועל איך עס אייך ערקלערעז איז אלגעמיינע שטריכעז. אונזער גוט טראגט דורכשניטליך ניט מעהר ווי צוויי פראצענט. איך לעג פאר מעז זאל עס פערקויפעז. אויב מיר וועלעז פאר די געלד קויפעז פראצענט־פאפי־

רען, וועלען מיר בעקומען פון פיער ביז פינף פראצענט, און איך מיין, אז ס'וועט נאך בלייבען א פאר טויזענד רובל, פאר וועלכע מיר וועלען קענען קויפען א קליינע דאטשע אין פינלאנד.

װ א י נ י צ ק י: װארט אקארשט... מיר דוכט, אז איך האב שלעכט געהערט. זאג נאכאמאל, וואס האסטו געזאגט?

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: פאר דעם געלד קויפען פראצענט־פאפירען, און פאר די איבעריגע — א דאטשע אין פינלאנד.

װ א י נ י צ ק י: ניט פינלאנד... דו האסט נאך עפעס געזאגט...

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: איך לעג פאר מען זאל פערקויפען דאס גוט.

װ א י נ י צ ק י: דאס מיין איך טאקע. דו װעסט פערקויפען דאס גוט, אויסגעצייכענט, א רייכע אידעע... און וואו זאל איך זיך אהינטהאן, און די אלטיטשקע מוטער און סאניא?

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: דאס אלעס וועלען מיר בעצייטענס ארומריידען. מען קען דאך ניט מיט אמאל.

װ א י נ י צ ק י: װארט אקארשט. אפנים כ'האב ביז איצט ניט געהאט קיין טראפען געזונדען מענשען־פערשטאנד. ביז איצט בין איך נאריש געווען און געטראכט, אז דאס גוט געהערט סאניא'ן. מיין פערשטארבענער פאטער האט עס געקויפט מיין שוועסטער אלס נדן. ביז איצט בין איך געווען נאאיוו, כ'האב פערשטאנען געזעצען ניט ווי אין טערקיי, און כ'האב געמיינט אז דאס גוט איז פון דער שוועסטער איבערגעגאנגען צו סאניא'ן.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: יא, דאס גוט געהערט סאניא'ן. ווער זאגט דען, אז ניט? אהן סאניא'ס איינשטימונג וועל איך ניט בעשליסען דאס גוט צו פערקויפען. דערצו נאך וויל איך עס טהאן פאר סאניא'ס טובה וועגען.

װ א י נ י צ ק י: דאס איז אונבעגרייפליך, אונבעגרייפליך! אדער איך בין פון זין אראב, אדער... אדער...

מ א ר י א װ א ס י ל י ע װ נ א: זשאן, רייד ניט אנקע־

געז אלעקסאנדער'ן. זיי זיכער, ער ווייס בעסער פון אונז, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט.

וואיניצקי: ניין, גיט מיר וואסער (טרינקט וואסער). זאגט, וואס ווילט איהר, וואס ווילט איהר!

סערעבריאקאוו: איך פערשטעה ניט, וואס דו רעגסט זיך אויף. איך זאג ניט, אז מיין פראיעקט איז דער אידעאלער. אויב אלע וועלען געפינען, אז עס טויג ניט, וועל איך ניט בעשטעהן דערויף. (פאוזע).

טיעליעגין (צוטומעלט): איך, עקסעלענץ, האב צו דער וויסענשאפט ניט נאר געפיהלען פון עהרפורכט, נאר אויך קרוב'שע געפיהלען. מיין ברודער'ס גריגארי איליאיטש'עס פרוי'ס ברודער, אפשר קענט איהר איהם, קאנסטאנטין טראפימאוויטש לאקעדעמאָנאוו, איז געווען א מאגיסטער...

וואיניצקי: ווארט אקארשט, וואפלע, מיר רעדען וועגען אן עניין... ווארט א ווייל, שפעטער... (צו סערעבריאקאוו'ן) אט פרעג איהם. דאס גוט איז געקויפט געווארען ביי זיין אנקעל.

סערעבריאקאוו: אה, צו וואס זאל איך פרעגען? צו וואס?

וואיניצקי: דאס גוט איז געקויפט געווארען, נאך יענע צייטען נאך, פאר פינף און נײַנציג טויזענד רובל. דער פאטער האט בעצאהלט נאר זיעבעציג און איז געבליבען שולדיג פינף און צוואנציג טויזענד. איצט הערט זיך איין... דאס גוט וואלט מען ניט געקענט קויפען, ווען איך וואלט זיך ניט אבגעזאגט פון מיין ירושה צו גונסטען פון מיין שוועסטער, וועלכע כ'האב היים ליעב געהאט. נאר דאס איז נאך ניט אלץ, איך האב צעהן יאהר געארבייט ווי אן אקס, און אויסגעצאהלט דעם גאנצען חוב...

סערעבריאקאוו: כ'האב שוין חרטה, וואס כ'האב אנגעהויבען דעם שמועס.

וואניצקי: דאס גוט איז פריי פון חובות און איז ניט רואינירט נאר א דאנק מיינע פערזענליכע אנשטרענגונגען. און

איצט, אז איך בין אלט געווארען וויל מען מיך פון דאנען ארויס־טרייבען!

סערעברי אקאוו: איך ווייס ניט וואס דו ווילסט!

וואיניצקי: פינף און צוואנציג יאהר האב איך פערוואל־טעט דאס גוט, געארבייט, געשיקט דיר געלד, ווי דער געווויסענהאפ־טעסטער משרת, און די גאנצע צייט האסטו מיר אפילו קיין איין מאל ניט געדאנקט. די גאנצע צייט, ווען כ'בין יונג געוועזן, און איצט — האב איך בעקומען פון דיר פינף הונדערט רובל א יאהר געהאלט — א בעטלעריש געהאלט! — און דיר איז קיין איין מאל ניט איינגעפאלען צולעגען מיר כאטש א רובל מעהר!

סערעברי אקאוו: איוואן פעטראוויטש, ווי האב איך עס געקענט וויסען? איך בין א מענש ניט קיין פראקטישער, און כ'פערשטעה גארניט. האסט זיך געקענט אליין צולעגען, וויפיעל דיין הארץ גלוסט.

וואיניצקי: פארוואס האב איך ניט גע'גנב'עט? פאר־וואס פעראכט איהר מיך ניט אלע, דערפאר וואס איך האב ניט גע'־גנב'עט? דאס וואלט געוועזן א גערעכטע זאך, און איצט וואלט איך קיין ארימאן ניט געוועזן!

מאריא וואסיליעווונא (שטרענג): זשאן!

טיעליעגין (אין אויפגערעגטער): וואניא, טייערער, מען דארף ניט, מען דארף ניט... איך ציטער... צו וואס א תל מאכען פון גוטע בעציהונגען? (קושט איהם). מען דארף ניט.

וואיניצקי: פינף און צוואנציג יאהר בין איך מיט דער מוטער, ווי א קראט, געזעסען איינגעשפארט אין די פיער ווענד... אלע אונזערע געדאנקען און געפיהלען האבען געהערט דיר, נאר דיר. בייטאג פלעגען מיר רעדען וועגען דיר, וועגען דיינע ארביי־טען, שטאלץ געוועזן אויף דיר, מיט עהרפורכט דיין נאמען אויסגע־רעדט; די נעכט האבען מיר פערטהון אויף לייענען די זשורנאלען און ביכער, וועלכע איך פעראכט איצט טיעף!

טיעליעגין: מען דארף ניט, וואניא, מען דארף ניט... איך קען ניט...

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו (צאָרניג): כ׳פערשטעה ניט, וואָס ווילסטו?

וו א י נ י צ ק י: דו ביזט פאַר אונז געווען עפּעס א העכע־רעס וועזען, און דיינע ארטיקלען פלעגען מיר לערנען אויף אויסענ־וועניג.. נאָר איצט האָבען זיך מיינע אויגען געעפענט! איך זעה אַלעס! שרייבסט וועגען קונסט, און הייבסט ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס קונסט איז! אַלע דיינע ווערק, וואָס איך האָב אַזוי ליעב גע־האַט, זיינען ניט ווערטה קיין קופּערנעם גראָשען! דו האָסט אונז גענאַרט!

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: אָבער שטילט איהם שוין איין אַמאָל, מיינע העררן! איך געה אַוועק!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע וו נ א: איך פאָדער, איוואַן פּע־טראָוויטש, איהר זאָלט אַנטשווייגען ווערען! איהר הערט?

וו א י נ י צ ק י: איך וועל ניט אַנטשווייגען ווערען (פער־שטעלט סערעבריאקאָוו׳ן דעם וועג). וואַרט א ווײַלע, איך האָב נאָך ניט געענדיגט! דו האָסט א תל געמאַכט פון מיין לעבען! איך האָב ניט געלעבט, ניט געלעבט! צוליעב דיר האָב איך חרב גע־מאַכט, פערניכטעט די בעסטע יאָהרען פון מיין לעבען! דו ביזט מיין ערגסטער שונא!

ט י ע ל י ע ג י ן: איך קען ניט... איך קען ניט... איך געה אַוועק... (געהט אַוועק אין שטאַרקער אויפרעגונג).

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: וואָס ווילסטו פון מיר? און וואָס פאַר א רעכט האָסטו צו רעדען מיט מיר אין אַזא טאָן? דו גאָר־נישט איינער! אויב דאָס גוט איז דיינס, טאָ נעהם עס דיר, איך דאַרף עס ניט!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע וו נ א: די רגע פאָהר איך אַוועק פון דעם גיהנם! (שרייט). איך קען לענגער ניט אויסהאַל־טען!

וו א י נ י צ ק י: פערפאַלען מיין לעבען! איך בין טאַלאַנט־פול, קלוג, מוטיג... ווען איך זאָל לעבען נאָרמאַל, וואָלט פון מיר געקענט אַרויסקומען א שאָפּענהויער, א דאָסטאָיעווסקי... עט...

כ'האָב זיך פערדעדט! איך געה פון זין אראב... מאמע, איך בין פערצווייפעלט, מאמע!

מאריא וואסיליעוונא (שטרענג): פאָלג אלעקסאנדער'ן!

סאניא (שטעלט זיך פאר דער ניאניע'ן אויף די קניה און טוליעט זיך צו איהר): ניאניעטשקע! ניאניעטשקע!

וואיניצקי: מאמע! וואס זאָל איך טהאָן! מען דארף ניט, רעדט ניט, כ'ווייס אליין, וואס כ'האָב צו טהאָן! (צו סערעבריאקאוו'ן): ווערסט מיך האבען צו געדענקען! (געהט אוועק אין דער מיטעלסטער טהיר; מאריא וואסיליעוונא געהט איהם נאך).

סערעבריאקאוו: מיינע הערדן, וואס איז עס דאָך, ענדליך? נעהמט צו פון מיר דעם משוגע'נעם! כ'קען ניט לעבען מיט איהם אונטער איין דאך! ער וואוינט דא (ווייזט אויף דער מיטעלסטער טהיר), כמעט נעבען מיר... זאָל ער זיך איבערקלייבען אין דארף אריין, אין פליגעל אריין, אדער איך וועל זיך ארויסקלייבען פון דאנען, נאר בלייבען מיט איהם אין איין הויז קען איך ניט...

העלענא אנדרעיעוונא (צום מאן): מיר וועלען היינט אוועקפאהרען פון דאנען! מען דארף זעהן בעזארגען אלצדינג שוין די מינוט.

סערעבריאקאוו: א נישטיגער מענש!

סאניא (שטעהט אויף די קניה, ווענדט זיך צום פאטער; נערוועז אין טרערען): מען דארף רחמנות האבען, פאפא! איך און אנקעל וואניא זיינען אזוי אומגליקליך! (האלט זיך איין פון פערצווייפלונג). מען דארף רחמנות האבען! דערמאָן זיך, ווען דו ביזט יונגער געווען, האבען אנקעל וואניא און די באבע גאנצע נעכט איבערגעזעצט פאר דיר ביכער, איבערגעשריבען פאפירען... אלע נעכט, אלע נעכט! איך און אנקעל וואניא, מיר האבען ביידע געארבייט אהן אברוה, מיר האבען געציטערט אויסצוגעבען א קאָפיקע אויף זיך און אלץ געשיקט דיר... מיר האבען ניט געגעסען אומזיסטען ברויט! איך רייד ניט דאס, ניט דאס רייד איך... נאָר דו דארפסט אונז פערשטעהן, פאפא. מען דארף רחמנות האבען!

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (אן אויפגערעגטע, צום מאַן): אלעקסאנדער, איך גאָטעס ווילעז, געה רייד איבער מיט איהם... איך בעט דיך.

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו: גוט, איך וועל איבעררײדען מיט איהם... איך בעשולדיג איהם אין קיין זאך ניט, איך בין ניט ברוגז. אָבער זייט זיך מודה, זיין אויפפיהרונג איז, אלענפאלס, מאָדנע. נו גוט, איך וועל געהן צו איהם (געהט אוועק אין דער מיטעלסטער טהיר).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: זיי מיט איהם ווייכער, בערוהיג איהם... (געהט אוועק נאך איהם).

ס אָ נ י א (טוליעט זיך צו דער ניאניע): ניאַניעטשקע! ניא־ניעטשקע!

מ א ר י נ א: ס'שאַדט ניט, קינד מיינס. די גאנערס וועלען זיך דורכשרייען און אויפהערען... דורכשרייען זיך — און אויפ־הערען...

ס אָ נ י א: ניאַניעטשקע!

מ א ר י נ א (גלעט איהר דעם קאָפּ): ציטערסט, ווי אין א פראָסט! נו, נו, יתומה'לע, גאָט איז בארמהערציג. ליפּאַווע טהעע, אָדער מאַלינעס, וועט עס אריבער... נעהם זיך ניט צום הארצען, יתומה'לע דו מיינס... (קוקט אויף דער מיטעלסטער טהיר מיט האַרץ). צווישעט זיך, די גאנערס, א, דער רוח זאָל זיי נעהמען!

הינטער דער סצענע — א שאָס; מען הערט ווי העלענאַ אַנדרעיעוו־נאַ טהוט אַ געשריי; סאָניאַ ציטערט אויף.

מ א ר י נ א: א, דער רוח זאָל דאָס נעהמען!

ס ע ר ע ב ר י א ק א ו ו (לויפט אריין, זיך וואקלענדיג פון שרעק): האַלט איהם אָב, האַלט איהם אָב! ער איז אראָב פון זיין!

העלענאַ אַנדרעיעווואַ און וואָיניצקי ראַנגלען זיך אין טהיר.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (סטאַרעט זיך אָבנעהמען ביי איהם דעם רעוואָלווער): גיט אָב! גיט אָב, זאָגט מען אייך!

ו ו א י נ י צ ק י: לאָזט, העלענאַ! לאָזט מיך! (בעפרייענ־דיג זיך, לויפט ער אריין און זוכט מיט די אויגען סערעבריאקאָוו'ן). וואו איז ער? א, דאָ איז ער! (שיסט אין איהם). באַש! (פּאוזע).

ניט געטראפען ? וויעדער ניט געטראפען ? ! (צאָרניג). א, דער טייוועל, דער טייוועל... דער טייוועל זאָל עס כאפען... (קלאַפּט מיט'ן רעוואָלווער אין פּאדלאגע, און א פער'חלש'טער זעצט ער זיך אויף א שטול. כערעבריאקאוו איז צומישט; העלענא אַנדרעיעוונאַ האָט זיך צוגעטוליעט צום וואַנד, איהר איז ניט גוט).

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פיהרט מיך אוועק פון דאנען! פיהרט מיך אוועק, דער'הרג'עט מיך, נאָר... איך קען דאָ ניט בלייבען, איך קען ניט!

ו ו א י נ י צ ק י (אַ פערצווייפעלטער): אַ, וואָס טהו איך! וואָס טהו איך!

ס אָ נ י א (שטיל): ניאניעטשקע! ניאניעטשקע!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

פ י ע ר ט ע׳ ר אַ ק ט.

איוואַן פּעטראָוויטש׳עס צימער, דאס איז אויך זיין שלאפצימער און די קאנטאר פונ׳ם גוט. ביי׳ן פענסטער — א גרויסער טיש מיט גע־שעפטס־ביכער און פערשיעדענע פּאַפּירען, אַ שרייבטיש, שראַנקען, א וואג. א קלענערער טיש פאר אסטראוו׳ן; אויף דעם טיש — צייכנונגס־מאַטעריאלען, פארבען, דערביי א פּאַרטפעל. אַ שטייג, און אין שטייג אַ פויגעל. אויף׳ן וואַנד אַ מאפּע פון אַפריקע, וואס איז קיינעם, ווייזט אויס, ניט נויטיג. אַ גרויסע סאפע, בעשלאגען מיט צעראטע. לינקס — אַ טהיר, וואס פיהרט אין די צימערן אריין; רעכטס — א פּאַרהויז; נעבען דער רעכטער וואַנד ליעגט א מאַטע, די פויערן זאלען ניט פערשמו־צען די פּאדלאגע. — אַ הערבסט־אָוונד. שטילקייט.

טיעליעגין און מארינא זיצען איינער אנקעגען דעם אנדערן און וויקלען אויף זאָקען־וואָל.

ט י ע ל י ע ג י ן: מאכט עס גיכער, מארינא טימאפעיעוונא, מען וועט דאַך באלד רופען זעגענען זיך. מען האט שוין געהייסען אנגרייטען די דראזשקע.

מ א ר י נ א (סטאַרעט זיך צו וויקלען גיכער): ניט פיעל גע־בליבען.

ט י ע ל י ע ג י ן: פאהרען אוועק קיין כארקאוו. דאָרט וועלען זיי וואוינען.

מ א ר י נ א: בעסער אזוי.

ט י ע ל י ע ג י ן: איבערגעשראָקען זיך... קיין איין שעה מעהר, זאָגט העלענא אנדרעיעוונא, וויל איך דאָ ניט וואוינען... פאָהרען, נאָר פאָהרען... מיר וועלען אביסעל לעבען אין כארקאוו, ארומקוקען זיך, וועלען מיר דאמאָלס שיקען נאָך די זאכען...“ פאָה־רען אוועק, ווי זיי שטעהען און געהען. הייסט עס, מארינא טיע־

מאפעיעוונא, ניט בעשערט זיי צו לעבען דא... ניט בעשערט... א פאטאלע פאראויסבעשטימונג.

מ א ר י נ א: בעסער אזוי. אט האבען זיי געטומעלט, גע־שאסען — א שאנדע פאר לייטען!

ט י ע ל י ע ג י ן: יא, א סוזשעט פאר איוואזאווסקי'ס פענזעל.

מ א ר י נ א: וואלטען מיינע אויגען עס ניט זעהן (פאוזע). וועלען מיר ווידער לעבען ווי אמאל, ווי אין די אלטע צייטען. אינ־דער־פריה אכט א זייגער טהע, איינס — מיטאג, אבענד־צייט — וועטשערע; אלץ, ווי ס'בעדארף צו זיין, ווי ביי לייטען... ווי ביי אמת'ע קריסטען. (מיט א זיפץ): שוין לאנג האב איך, זינדיגע פרוי, קיין לאקשען ניט געגעסען.

ט י ע ל י ע ג י ן: יא, שוין לאנג ווי מען האט ביי אונז קיין לאקשען ניט געקאכט. (פאוזע). שוין לאנג.. היינט אינ־דער־פריה, מארינא טימאפעיעוונא, געה איך מיר דורך'ן דארף, שרייט מיר דער קרעמער נאך: „העי, דו, וואס דו לעבסט אויף פרעמדע קעסט!" און מיר איז אזוי ביטער געווארען אויף'ן הארצען!

מ א ר י נ א: דו קוק ניט דערויף, פאטער'ל. מיר זיינען אלע ביי גאט אויף קעסט. אי דו, אי סאניא, אי איוואן פעטראוויטש — קיינער זיצט ניט אהן ארבייט, אלע הארעווען מיר... אלע... וואו איז סאניא?

ט י ע ל י ע ג י ן: אין גארטען. געהט אלץ ארום מיט'ן דאק־טאר, זוכט איוואן פעטראוויטש'ן. זיי האבען מורא, ער זאל זיך ניט נעהמען דאס לעבען.

מ א ר י נ א: און וואו איז זיין פיסטאלעט?

ט י ע ל י ע ג י ן (שעפטשענדיג): איך האב אין קעלער בע־האלטען.

מ א ר י נ א (מיט א שמייכעל): דערלעבט צייטען!

ס'געהען אריין פון הויף וואיניצקי און אסטראוו.

ו ו א י נ י צ ק י: לאזט מיך אב. (צו מארינא'ן און טיעליע־גין'ען): געהט אוועק פון דאנען, לאזט מיך אליין כאטש אויף א שעה! כ'קען ניט פערטראגען די אפעקונשאפט.

ט י ע ל י ע נ י ן: די מינוט, וואניא. (געהט אוועק אויף די שפּיץ פינגער).

מ א ר י נ א: א גאנער: גאַ־גאַ־גאַ! (קלייבט צונויף די וואָל און געהט אוועק).

ו ו א י נ י צ ק י: לאָזט מיך אָב!

א ס ט ר א ו ו: מיט'ן גרעסטען פערגניגען, איך דארף שוין פון לאַנג אוועקפאָהרען פון דאנען, נאָר איך זאָג עס נאָכאמאָל, איך וועל ניט אוועקפאָהרען, ביז דו וועסט מיר ניט אָבגעבען, וואָס דו האָסט ביי מיר צוגענומען.

ו ו א י נ י צ ק י: כ'האָב ביי דיר גאָרניט גענומען.

א ס ט ר א ו ו: איך רייד ערנסט — פערהאַלט מיך ניט. כ'האָב שוין לאַנג געדאַרפט פאָהרען.

ו ו א י נ י צ ק י: כ'האָב ביי דיר גאָרניט גענומען. (ביידע זעצען זיך).

א ס ט ר א ו ו: יאָ? נו, וועל איך וואַרטען נאָך אביסעל, דערנאָך, ענטשולדיג, ס'וועט אויסקומען צו בענוצען געוואַלט. מיר וועלען דיך בינדען און ארומזוכען. כ'רייד עס גאַנץ ערנסט.

ו ו א י נ י צ ק י: ווי דיר געפעלט. (פּאוזע). מאַכען זיך אזוי צום נאַרען: שיסען צוויי מאָל און קיין איין מאָל ניט טרעפען! דאָס וועל איך זיך קיינמאָל ניט מוחל זיין!

א ס ט ר א ו ו: פערגלוסט זיך צו שיסען, שיסט מען זיך אליין אין שטערן אריין.

ו ו א י נ י צ ק י (קוועטשט מיט די פּלייצעס): א מאָדנע זאַך. איך האָב געמאַכט א מאָרד־פערזוך, און מען ארעסטירט מיך ניט, מען גיט מיך ניט איבער צום געריכט. הייסט עס, מען האַלט מיך פאַר א משוגע'נעם. (אַ בייזער געלעכטער). איך — בין א משוגע'נער, און ניט משוגע זיינען די, וואָס בעהאַלטען אונטער דער מאַסקע פון א פּראָפעסאָר, פון א געלערנטען מאַן, זייער אונפעהיגקייט, טעמפּ־קייט, שרייענדע הארצלאָזיגקייט. ניט משוגע זיינען די, וואָס האָבען חתונה מיט זקנים און דערנאָך נאַרען זיי זייערע מענער פאַר אלע־

מען אין די אויגען. איך האב געזעהן, געזעהן, ווי דו האסט איהר ארומגענומען!

אסטראוו: יא, ארומגענומען, און דיר—נא! (שטעלט אויס א נאז).

וואיניצקי (קוקט אויף'ן טהיר): נייז, משוגע איז די ערד, וואס טראגט אייך נאך!

אסטראוו: נו, געזאגט א נארישקייט.

וואיניצקי: איז וואס? איך בין משוגע, אונפערראנט־ווארטליך, איך האב רעכט צו רעדען נארישקייטען.

אסטראוו: אן אלטע מעשה. דו ביזט ניט משוגע, נור פשוט א מאדנע בריה, א ליץ. אמאל פלעג איך יעדע מאדנע בריאה האלטען פאר א קראנקען, אוננארמאלען, און איצט מיין איך, אז ס'איז גאנץ נארמאל פאר א מענשען צו זיין א מאדנע בריאה. דו ביזט אינגאנצען נארמאל.

וואיניצקי (פערדעקט דאס געזיכט מיט די הענד): איך שעהם זיך! דו זאלסט וויסען, ווי איך שעהם זיך! דאס שארפע געפיהל פון שאנדע קען מען ניט פערגלייכען מיט קיין וועהטאג (טרויעריג). ניט אויסצוהאלטען! (בויגט זיך אן צום טיש). וואס זאל איך טהאן? וואס זאל איך טהאן?

אסטראוו: גארניט.

וואיניצקי: גיב מיר עפעס! א, גאט מיינער... איך בין 47 יאהר אלט; לאמיר זאגען, אז כ'וועל לעבען ביז 60, בלייבט נאך דרייצעהן. לאנג נאך! ווי וועל איך איבערלעבען אט די דריי־צעהן יאהר? וואס וועל איך טהאן, מיט וואס וועל איך זיי אנפי־לען? א, דו פערשטעהסט... (דריקט קאנוואולסיוו אסטראוו'ס האנד). פערשטעהסט, ווען איך זאל קענען די לעצטע מיינע יאהרען לעבען אנדערש, ניט ווי אמאל. איך זאל זיך אויפכאפען אין א קלארען, שטילען פריהמארגען און דערפיהלען, אז כ'האב אנגעהויבען אויף'ם ניי צו לעבען, אז אלץ, וואס איז געווען, איז פערגעסען, איז פער־שוואונדען ווי א רויך (וויינט). אנהויבען א ניי לעבען... זאג מיר, ווי אנהויבען... פון וואס אנהויבען...

א ס ט ר א ו ו (מיט פערדרוס): ע, געגוג שוין! וואס פאר א נייַ לעבען? אונזער לאגע, דיינע ווי מיינע, איז האפנונגלאַז.

ו ו א י נ י צ ק י: א יאָ?

א ס ט ר א ו ו: איך בין זיכער, אז ס'איז אזוי.

ו ו א י נ י צ ק י: גיב מיר עפּעס... (ווייזט אויף'ן הארץ). ס'ברענט אינווענינג.

א ס ט ר א ו ו (שרייט אין כעס): הער אויף! (ווייכער) די, וואס וועלען לעבען אין הונדערט, צוויי הונדערט יאָהר ארום, און וועלען אונז פעראכטען, וואס מיר האבען אויסגעלעבט אונזע־רע לעבענס אזוי נאריש און געשמאַקלאַז, — ז י י וועלען אפשר געפינען א וועג, ווי גליקליך צו זיין, מיר אבער... מירביידע האבען נאָר איין האפנונג, אז ווען מיר וועלען רוהען אין אונזערע קברים, וועלען פאר אונז שוועבען בילדער, אפשר גאָר אנגענעהמע. (זיפצט). יא, ברודער. אין גאנצען אויעזד איז געווען נאָר צוויי ערענטליכע אינטעליגענטע מענשען: איך און דו. נאָר אין א וועלכע ניט איז צעהן יאָהר האט דאס בעל־הבית'שע לעבען, דאס שענדליכע לעבען אונז אריינגעצויגען: מיט איהר פוילער לופט האט זי פער'סמ'ט אונזער בלוט, און מיר זיינען געווארען די זעלבע פאשליאקעס, ווי אלע. (אויפגעלעבט). אבער דו פעררעד מיר ניט די ציין. גיב מיר אָב, וואס דו האסט צוגענומען ביי מיר.

ו ו א י נ י צ ק י: איך האב ביי דיר גאָרניט גענומען.

א ס ט ר א ו ו: דו האסט צוגענומען פון מיין רייזע־אפטייקעל א סלאָיק מיט מאָרפיום. (פּאוזע). הער זיך איין, אויב דיר ווילט זיך ניט אנדערש, ווי נעהמען זיך דאס לעבען, טאַ געה דיר אין וואלד און שיס זיך דאָרט. דעם מאָרפיום אבער גיעב מיר אָב, אניט וועט מען אנהויבען שמועסען, טרעפען, מען וועט מיינען, אז איך האב עם דיר געגעבען... פאר מיר איז גענוג, וואס איך וועל דיך מוזען פאלמעסען... מיינסט, דאס איז אינטערעסאנט? (ס'געהט אריין סאָניאַ).

ו ו א י נ י צ ק י: לאז מיך אָב.

א ס ט ר א ו ו (צו סאָניאַ'ן): סאפיא אלעקסאנדראָוונא, איי־

ער אַנקעל האָט אוועקגעשלעפּט פון מיין אַפּטייק אַ סלאָאיק מיט מאָרפיום און גיט ניט אָב. זאָגט איהם אז ס'איז סוף כל סוף... ניט קלוג. און כ'האָב קיין צייט אויך ניט. כ'דאַרף שוין פאָהרען.

סאָניאַ: אַנקעל וואַניאַ, דו האָסט גענומען דעם מאָרפיום? (פּאוזע).

אסטראוו: ער האָט גענומען. איך בין זיכער.

סאָניאַ: גיב אָב. פאַרוואָס שרעקסטו אונז? (צאַרט). גיב אָב, אַנקעל וואַניאַ! איך בין אומגליקליך אפשר ניט ווייניגער פון דיר, פון דעסטוועגען בין איך זיך ניט מיאש. איך לייד און וועל ליידען, ביז מיין לעבען וועט זיך ניט ענדיגען פון זיך... לייד דו אויך. (פּאוזע). גיב אָב! (קושט איהם די הענד). טייערער, גוטער אַנקעל, ליעבער, גיב אָב! (וויינט). דו ביזט אַ גוטער, וועסט רחמנות האָבען אויף אונז און וועסט אָבגעבען. לייד, אַנקעל! לייד!

וואַיניצקי (נעהמט ארויס פון טישקעסטעל אַ סלאָאיק און דערלאַנגט אסטראוו'ן): נאַ, נעהם! (צו סאָניאַ'ן): נאָר מען דאַרף גיכער ארבייטען, גיכער טהאָן עפּעס, אַ ניט קען איך ניט... קען איך ניט...

סאָניאַ: יאָ, יאָ, ארבייטען. ווי נאָר אונזערע וועלען אוועקפאָהרען, וועלען מיר זיך זעצען ארבייטען... (קלייבט איבער נערוועז די פּאַפּירען אויף'ן טיש). אַלץ איז ביי אונז פערלאָזען.

אסטראוו (לעגט אריין דעם סלאָאיק אין אַפּטייקעל און פער־ציהט די רימענס): איצט קען מען שוין לאָזען זיך אין וועג.

העלענאַ אנדרעיעוונאַ (קומט אריין): איוואַן פּעטראָוויטש, איהר זייט דאָ? מיר פאָהרען באַלד אוועק. געהט צו אַלעקסאַנדער'ן, ער וויל אייך עפּעס זאָגען.

סאָניאַ: געה, אַנקעל וואַניאַ. (נעהמט וואַיניצקי'ן פאַר'ן ארים). לאָמיר געהן. פּאַפּאַ און דו דאַרפען שלום ווערען. דאָס איז נויטיג.

סאָניאַ און וואַיניצקי געהען אוועק.

העלענאַ אנדרעיעוונאַ: איך פאָהר אוועק (גיט אסטראוו'ן די האַנד). זייט געזונד.

א ס ט ר א װ : שױן?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א : די דראָזשקע איז שױן גרײט.

א ס ט ר א װ : זײט געזונט.

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א : איהר האָט מיר הײנט צוגעזאָגט, אז איהר װעט אװעקפאָהרען פון דאַנען.

א ס ט ר א װ : איך געדענק. באַלד װעל איך אװעקפאָהרען. (פּאױזע). איהר האָט זיך דערשראָקען? (נעהמט איהר פאַר׳ן האַנד). איז דאָס אזױ שרעקליך?

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א : יאָ.

א ס ט ר א װ : אז ניט װאָלט איהר געבליבען! האַ? מאָר־גען איז דער װאַלד־װירטשאַפט...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א : נײן... שױן בעשלאָסען... און דאַריבער קוק איך אױף אײך אזױ מוטיג, װײל דאָס אָבפאָהרען איז שױן בעשלאָסען... איך בעט בײ אײך אײן זאַך: דענקט װעגען מיר בעסער. מיר װילט זיך, איהר זאָלט מיך אַכטען.

א ס ט ר א װ : ע! (מאַכט אַ בעװעגונג פון אונגעדולד). בלײבט, איך בעט אײך! זײט זיך מודה, װאָס צו טהאָן אױף דער װעלט האָט איהר ניט, קײן ציעל אין לעבען האָט איהר ניט, מיט װאָס צו פערנעהמען זיך האָט איהר ניט, און פריהער אָדער שפּעטער װעט אײך דאָס געפיהל סײ װי סײ גובר זײן, — דאָס איז אונפער־מײדליך. איז שױן בעסער, דאָס זאָל געשעהען ניט אין כאַרקאָװ און ניט ערגעץ אין קורסק, נאָר דאָ, אױף׳ן שױס פון דער נאַטור... פּאָעטיש, אַם װעניגסטען, אפילו דער הערבסט איז שעהן... דאָ איז פאַראַן אַ װאַלד־װירטשאַפט, האַלב־ צושטערטע פּאַלװאַרקען אין גײסט פון טורגעניעװ׳ן...

ה ע ל ע נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א : ס׳אַרא לעכערליכער איהר זײט... איך בין אין כעס אױף אײך, און דאָך... װעל איך זיך דערמאָהנען אָן אײך מיט פערגניגען. איהר זײט אַן אינטערעסאַנ־טער, אָריגינעלער מענש. מעהר װעלען מיר זיך שױן קײנמאָל ניט זעהן, און דאַריבער — צו װאָס בעהאַלטען? איהר האָט אפילו גע־

מאכט אויף מיר א געוויסען איינדרוק. נו, לאמיר דריקען איינער דעם אנדערן די הענד און לאמיר זיך צוגעהן, ווי פריינד. דערמאנט מיך ניט צום שלעכטען.

א ס ט ר א ו ו (האט געדריקט איהר האנד) : יא, פאהרט אוועק... (פערטראכט). ס'דוכט זיך, אז איהר זייט א גוטער, הארציגער מענש, און אין דערזעלבער צייט דוכט זיך, אז ס'איז פארהאן אין אייך עפעס מאדנעס. אט זענט איהר געקומען אהער מיט אייער מאן, און אלע, וואס האבען דא געארבייט, געהאוועט, געשאפען עפעס, אלע האבען געמוזט אוועקווארפען זייער ארבייט און א גאנצען זומער פערנעהמען זיך מיט אייער מאן'ס גיכט און מיט אייך. ביידע — ער און איהר — האט איהר אונז אנגעשטעקט מיט אייער פוילקייט. איך האב זיך פערגעסען, א גאנצען חדש גארניט געטהאן, און אין דער צייט האבען מענשען געקרענקט, אין מיינע וועלדער, די יונגע וועלדער, האבען פויערן געפאשעט זייער פיה... אלזא, וואו איהר טהוט ניט א טראט, איהר און אייער מאן, אומעטום ברייגנט איהר מיט זיך צושטערונג... איך שפאס, אודאי, נאר דאך... א מאדנע זאך, און איך בין איבערצייגט, אז ווען איהר בלייבט, וואלט געווא־רען א מורא'דיג־ גרויסער חורבן. איך וואלט אומגעקומען, און איהר וואלט... אויך ניט גוט אבגעשניטען. נו, פאהרט אוועק! „פיניטא לא קאמעדיא!"

ה ע ל ע נ א   א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (נעהמט פון זיין טיש א בלייפעדער און בעהאלט גיך) : די בלייפעדער נעהם איך זיך פאר אן אנדענקען.

א ס ט ר א ו ו : עפעס א מאדנע זאך... בעקאנט געווען און פלוצלינג כ'וויים ניט צוליעב וואס... וועלען מיר זיך שוין קיינמאל ניט זעהן. אזוי איז אלעס אויף דער וועלט... ביז וואנען קיינער איז דא ניטא, ביז וואנען אנקעל וואניא קומט ניט אריין מיט א בוקעט, ערלויבט מיר... אייך א קוש טהאן... דעם לעצטען מאל... יא? (קושט איהר אין באק). נו... גוט.

ה ע ל ע נ א   א נ ד ר ע י ע ו ו נ א : כ'ווינש אייך אל־דאס־גוטס. (קוקט זיך אום). הע, כאטש איין מאל אין לעבען! (נעהמט

איהם ארום שטאַרק, און ביידע געהען ראַש אב איינער פון אַנדערן). מען דאַרף פאַהרען.

אסטראוו: פאַהרט גיכער. אויב די דראַזשקע איז גרייט, טאַ פאַהרט.

העלענא אנדרעיעוונא: מען געהט אהער, דוכט זיך (ביידע הערען זיך צו).

אסטראוו: "פיניטאַ!"

ס'געהען אריין סערעבריאקאוו, וואיניצקי, מאַריא וואסיליעוונא מיט אַ בוך, טיעליעגין און סאָניאַ.

סערעבריאקאוו (צו וואיניצקי'ן): לאָמיר פערגעסען דאָס אַלטע. נאָך דעם, וואָס איז געשעהן, האָב איך אין די פּאָר שעה אַזוי פיעל איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט, אַז, מיר דוכט, כ'וואָלט געקענט אנשרייבען אַ גאַנצען טראַקטאַט וועגען דעם, ווי מען דאַרף לעבען, די קומענדיגע דורות זאָלען אראָבנעהמען אַ מוסר. גערן נעהם איך אָן דיין ענטשולדיגונג, און כ'בעט אַליין ענטשולדי־גונג ביי דיר. זיי געזונד! (קושט זיך מיט וואיניצקי'ן דריי מאָל).

וואיניצקי: דו וועסט פּינקטליך בעקומען, וואָס דו פלעגסט בעקומען פריהער. אַלעס וועט זיין, ווי אַמאָל.

העלענאַ אַנדרעיעוונאַ נעהמט ארום סאָניאַ'ן.

סערעבריאקאוו (קושט מאַריא וואסיליעוונא די האנד): מאַמאַ...

מאַריא וואסיליעוונא (קושט איהם): אלעקסאַנ־דער, פאָטאָגראַפירט זיך נאָכאַמאָל און שיקט מיר אייער בילד. איהר ווייסט, ווי טייער איהר זייט מיר.

טיעליעגין: זייט געזונד, עקסעלענץ! פערגעסט ניט אָן אונז!

סערעבריאקאוו (קושט די טאָכטער): זיי געזונד... זייט אַלע געזונד! (גיט די האנד אסטראוו'ן). איך דאַנק אייך פאַר דער אנגענעהמער געזעלשאַפט... איך האָב אכטונג צו אייער אַרט דענקען, צו אייער היץ און יוגענד־אילוזיעס, נאָר ערלויבט אַן על־טערן מענשען מאַכען ביי'ן זעגנען זיך נאָר איין בעמערקונג: מען

דארף, מיינע העררן, ארבייטען, טהאן! מען דארף ארבייטען, טהאן עפּעס! (פערבייגט זיך פאר אלעמען). אל־דאס־גוטס! (געהט אוועק; מאריא וואסיליעוונא און סאָניא געהען איהם נאך).

וואיניצקי (קושט שטארק העלענאַ אַנדרעיעוונאַ'ס האַנד): זייט געזונד!.. פערצייט... מיר וועלען זיך שוין קיינמאָל ניט זעהן.

העלענא אנדרעיעוונא (גערירהרט): זייט געזונד, טייערער (קושט איהם אין קאָפּ און געהט אוועק).

אסטראוו (צו טיעליעגין): זאָג דארט, וואפלע, אז מען זאָל פּאַקען אייך וועג פאר מיר אויך אנגרייטען א דראַזשקע.

טיעליעגין: איך הער, טייערער. (געהט אוועק).

ס'בלייבען נאר אסטראוו און וואיניצקי.

אסטראוו (נעהמט צו די פארבען און בעהאלט זיי אין רייזע־טאַש): וואס זשע געהסטו ניט בעגלייטען?

וואיניצקי: זאָלען זיי אוועקפאָהרען, נאר איך... איך קען ניט. מיר איז שווער. מען דארף זיך גיכער פערנעהמען מיט וואס ניט איז... ארבייטען, ארבייטען! (גראבט זיך אין די פּאפּירען אויף'ן טיש).

פּאוזע; גלעקלעך לאזען זיך הערען.

אסטראוו: אוועקגעפאָהרען. דער פּראָפעסאָר, רעכן איך, איז צופריעדען. מען וועט זיך שוין ניט דערבעטען ביי איהם, ער זאָל קומען אהער.

מארינא (געהט אריין): אוועקגעפאָהרען. (זעצט זיך אין א פאטער־שטול און שטריקט א זאָק).

סאָניא (געהט אריין: אוועקגעפאָהרען. (ווישט די אויגען). זאָל גאָט געבען, אין א גוטער שעה. (צום אָנקעל): נו, אָנקעל וואַניא, לאָמיר עפּעס טהאָן.

וואיניצקי: ארבייטען,ארבייטען...

סאָניא: שוין לאַנג, שוין לאַנג, ווי מיר זיינען ניט געזעסען ביי דעם טיש. (צינדט אָן א לאָמפּ אויף'ן טיש). קיין טינט, דוכט זיך, ניטאָ... (נעהמט דעם טינטער, געהט צום שראַנק און גיסט אָן טינט). און מיר איז אומעטיג, וואס זיי זיינען אוועקגעפאָהרען.

מ א ר י א ו ו א ס י ל י ע ו ו נ א (געהט פאמעלעך אריין) : אוועקגעפאהרען. (זעצט זיך און פערטיעפט זיך אין לייענען).

ס א נ י א (זעצט זיך ביי'ן טיש און בלעטערט דעם קאנטאר־בוך) : לאמיר, אנקעל וואניא, פריהער פאר אלץ, אנשרייבען די רעכנונגען. ביי אונז איז שרעקליך פערלאזען. היינט האט מען ווידער געשיקט נאך א רעכנונג. שרייב. דו שרייב איין רעכנונג, איך — דעם אנ־דערן...

ו ו א י נ י צ ק י (שרייבט) : „רעכנונג... פאר הערר...“ (ביידע שרייבען שווייגענדיג).

מ א ר י נ א (גענעצט) : ליו־ליו האט זיך פערגלוסט...

א ס ט ר א ו ו : א שטילקייט. די פעדערס סקריפען, דער גריל שרייט. ווארעם, היימליך... ס'ווילט זיך ניט אוועקפאהרען פון דאנען. (גלעקלעך לאזען זיך הערען). אט איז שוין גרייט די דראזשקע... בלייבט, הייסט עס, צו זעגנען זיך מיט אייך, מיינע פריינד, זעגנען זיך מיט מיין טיש און — אי־די! (לעגט אריין די קארטאגראמען אין פארטפעל).

מ א ר י נ א : וואס איז די איילעניש? זיץ.

א ס ט ר א ו ו : אונמעגליך.

ו ו א י נ י צ ק י (שרייבט) : „און פון אלטען חוב איז געבלי־בען צוויי פינף און זיבעציג...“

ס'געהט אריין אן ארבייטער.

ד ע ר א ר ב י י ט ע ר : מיכאאיל לוואוויטש, די דראזשקע איז גרייט.

א ס ט ר א ו ו : געהערט. (דערלאנגט איהם דאס אפטייקעל, דעם רייזע־טאש און דעם פארטפעל). נא, נעהם עס. זעה, צוקנייטש ניט דעם פארטפעל.

ד ע ר א ר ב י י ט ע ר : כ'הער. (געהט אוועק).

א ס ט ר א ו ו : נו — ס... (געהט זעגנען זיך).

ס א נ י א : איז ווען וועלען מיר זיך זעהן?

א ס ט ר א ו ו : ניט פריהער ווי זומער, מסתמא. ווינטער גלויב איך קוים... פערשטעהט זיך, אויב ס'וועט עפעס געשעהן,

לאזט וויסען — וועל איך קומען. (דריקט די הענד). א דאנק פאר אייער ברויט און זאלץ, פאר אייער גוטהערציגקייט... מיט איין ווארט, פאר אלעם. (געהט צו דער ניאניע און קושט איהר אין קאפ) זיי געזונד, אלטיטשקע.

מ א ר י נ א: פאהרסטו אוועק אהן טהעע?

א ס ט ר א ו ו: כ'וויל ניט, ניאנקע.

מ א ר י נ א: וועסט אפשר א קאפעלע בראנפען פערזוכען?

א ס ט ר א ו ו (אונענטשלאסען): נו גוט...

מארינא געהט אוועק.

א ס ט ר א ו ו (נאך דער פאוזע): איין פערד מיינס האט עפעס אנגעהויבען צו הינקען. נעכטען האב איך נאך בעמערקט, ווען פיעטרושקא האט איהם געפיהרט פאיען.

וו א י נ י צ ק י: מען דארף איבערשמיעדען.

א ס ט ר א ו ו: ס'וועט אויסקומען אין ראזשדעסטווענגאיע פערפאהרען צו א שמיעד. מען וועט מוזען (געהט צו צו דער מאפע פון אפריקע). אין דער דאזיגער אפריקע איז איצט אודאי א היץ — א שרעק!

וו א י נ י צ ק י: יא, וואהרשיינליך.

מ א ר י נ א (קעהרט זיך אום מיט א טאץ, אויף'ן טאץ א גלעזעל בראנפען און א שטיקעל ברויט): טרינק.

אסטראוו טרינקט די בראנפען.

מ א ר י נ א: צו געזונד, טייערער (פערבייגט זיך ניעדעריג). פערביים א שטיקעל ברויט.

א ס ט ר א ו ו: נייז, ס'וועט זיין גוט אזוי... אלזא, אל־דאס־גוטס! (צו מארינא'ן): בעלייט מיך ניט, ניאנקע. מען דארף ניט.

ער געהט אוועק; סאניא געהט איהם נאך מיט א ליכט, וויל איהם בעלייטען; מארינא זעצט זיך אין איהר פאטער־שטול.

וו א י נ י צ ק י (שרייבט): „דעם 2־טען פעברואר 20 פונט זאמען־אייל... דעם 16־טען פעברואר ווידער 20 פונט זאמען־אייל... גרעטשענע גרויפען...“ (פאוזע).

גלעקלעך לאזען זיך הערען.

מ א ר י נ א : אוועקגעפאהרען.

פּאוזע.

ס אַ נ י א (קעהרט זיך אום, שטעלט די ליכט אויף׳ן טיש): אוועקגעפאהרען...

וו א י נ י צ ק י (האָט צונויפגערעכענט אויף׳ן רעכן־ברעטעל און פערשרייבט): „סך־הכל... פופצעהן... פינף און צוואנציג...“

סאָניא זעצט זיך און שרייבט.

מ א ר י נ א (גענעצט): אַך, דערלעבט צייטען...

טיעליעגין געהט אריין אויף די שפּיץ פינגער, זעצט זיך ביי׳ן טהיר און שטעלט אָן די גיטאַרע.

וו א י נ י צ ק י (צו סאָניא׳ן, גלעטענדיג איהרע האאר): קינד מיינס, ווי שווער מיר איז! דו זאָלסט וויסען, ווי שווער מיר איז!

ס א נ י א : וואָס קען מען טהאָן, מען דאַרף לעבען! (פּאוזע). מיר וועלען לעבען, אַנקעל וואניא. מיר וועלען איבערלעבען א לאנגע־לאנגע רייהע טעג, לאנגע אווענדען; געדולדיג וועלען מיר איבער־טראגען די נסיונות, וואָס דאָס שיקזאַל וועט אונז צושיקען; מיר ווע־לען ארבייטען פאר אנדערע אי איצט, אין דער עלטער, ניט וויסענ־דיג פון קיין אַברוה, און, ווען ס׳וועט אַנקומען אונזער שעה, וועלען מיר אונטערטהעניג שטארבען, און דאָרט אויף יענער וועלט וועלען מיר אויסדערצעהלען, ווי מיר האָבען געליטען, ווי מיר האָבען גע־וויינט, ווי ביטער ס׳איז אונז געווען, און גאָט וועט זיך דערבארימען איבער אונז, און מיר ביידע, איך און דו, אַנקעל, ליעבער אַנקעל, וועלען דערזעהן א לעבען פון ליכט און שעהנהייט און פּראכט, מיר וועלען זיך דערפרעהען, און געריהרטע וועלען מיר זיך אומקוקען אויף אונזערע איצטיגע אומגליקען מיט א שמייכעל — און מיר ווע־לען אַברוהען. איך גלויב, אַנקעל, איך גלויב היים, ליידענשאפט־ליך... (שטעלט זיך פאר איהם אויף די קניה און לעגט דעם קאָפּ אויף זיינע הענד; מיט אַ מיעדער שטימע) מיר וועלען אַברוהען!

טיעליעגין שפּיעלט שטיל אויף אַ גיטארע.

ס א נ י א : מיר וועלען אַברוהען! מיר וועלען פערנעהמען דעם קול פון מלאכים, מיר וועלען דעם גאנצען הימעל אין דימענטען זעהן,

מיר וועלען זעהן ווי דאָס גאנצע ערדישע שלעכטס, אלע אונזערע ליידען וועלען דערטרונקען ווערען אין בארמהערציגקייט, וואָס וועט אָנפילען גאר די וועלט, און אונזער לעבען וועט ווערען אזוי שטיל, צארט, זיס, ווי א קוש. איך גלויב, גלויב... (ווישט איהם מיט אַ טיכעל די טרערען). אָרימער, אָרימער אָנקעל וואניא, דו וויינסט... (אין טרערען): דו האָסט פאר דיין לעבען ניט געוואוסט פון קיין פרייד, נאר ווארט אָנקעל וואניא, ווארט... מיר וועלען אָפּרוהען... (נעהמט איהם ארום) מיר וועלען אָפּרוהען!

ס׳קלאפט דער וועכטער.

טיעליעגין שפּיעלט שטיל צו; מאריא וואסיליעוונא שרייבט אויף די ראַנדען פון דער בראשור; מאַרינא שטריקט אַ זאָק.

סאָניא: מיר וועלען אָפּרוהען!

דער פאָרהאנג פאלט לאנגזאם.

דער וואַסער־פויגעל.

(ЧАЙКА).

פערזאָנען:

אירינא ניקאָלאַיעוונאַ ארקאדינאַ, נאָך'ן מאן טרעפּליעוו, אן אַקטריסע.

קאָנסטאנטין גאווריליאָוויטש טרעפּליעוו, איהר זוהן, א יונגער מענש.

פּיאָטר ניקאָלאַיעוויטש סאָרין, איהר ברודער.

נינאַ מיכאַילאָוונאַ זאַריעטשנאיא, א יונג מיידעל, אַ טאָכטער פון אַ רייכען גוטסבעזיצער.

איליאַ אַפאַנאַסיעוויטש שאמראַיעוו, אַ לייטענאַנט אין דעמי־סיע, פערוואַלטער ביי סאָרין'ען.

פּאָלינאַ אַנדרעיעוונאַ, זיין ווייב.

מאשאַ, זייער טאָכטער.

באָרים אַלעקסיעוויטש טריגאָרין, אַ בעלעטריסט.

יעווגעני סערגעיעוויטש דאָרן, א דאָקטאר.

סעמיאָן סעמיאָנאָוויטש מעדוועדיענקאָ, א לעהרער.

יאַקאָוו, אַן ארבייטער.

א קאָך.

א שטוב־מיידעל.

די האַנדלונג קומט פאָר ביי סאָרין'ען אין פאלווארק. — צווישען דריטען און פערטען אַקט געהט דורך צוויי יאָהר.

ע ר ש ט ע ר א ק ט.

אַ טייל פון פּאַרק אין סאַרין׳ס פּאַלוואַרק. אַ ברייטע אַלעע, וואָס פיהרט טיעף אין פּאַרק אַריין צום אזערע, איז פערשטעלט מיט אַן עסט־ראַדע, וואָס איז אויף גיך צונויפגעקלאַפּט געוואָרען פאַר אַ הויז־ספּעק־טאַקעל אזוי, אַז די אזערע זעהט זיך גאָרניט ארוים. לינקס און רעכטס פון דער עסטראַדע קוסטעס. אַ פּאַר שטולען, אַ טישעל.

די זון איז נאָר וואָס פערגאַנגען. אויף דער עסטראַדע הינטער דעם אַראָבגעלאָזענעם פאָרהאַנג געפינען זיך יאַקאָוו און אַנדערע אַרבייטער; מען הערט אַ הוסטען און אַ קלאַפּען. מאַשאַ און מעדוויעדיענקאָ געהען פון לינקס, אומקעהרענדיג זיך פון שפּאַציר.

מ ע ד װ י ע ד י ע נ ק אָ: פאַרוואָס געהט איהר שטענדיג אנגעטהאָן אין שוואַרצען?

מ אַ ש אַ: דאָס טרויער איך נאָך מיין לעבען. איך בין אומ־גליקליך.

מ ע ד װ י ע ד י ע נ ק אָ: פאַרוואָס? (פערטראַכט). כ׳פער־שטעה ניט... אייער פאָטער איז אמת ניט קיין רייכער, אָבער עפּעס געלד האָט ער. מיר לעבט זיך פיעל שווערער פון אייך. איך קריג אינגאַנצען 23 רובל א חדש, רעכענט מען נאָך דערפון אראָב עמע־ריטור־געלד, און דאָך בין איך ניט אין טרויער.

מ אַ ש אַ: עס געהט ניט וועגען געלד. אַן אָרימאַן קען אויך זיין גליקליך.

מ ע ד װ י ע ד י ע נ ק אָ: אין טעאָריע יאָ, אָבער אין לע־בען קומט אוים אזוי: איך, א מוטער, צוויי שוועסטער און א ברודערל, — און געהאַלט אינגאַנצען 23 רובל. עסען און טרינקען דאַרף מען? טהעע און צוקער דאַרף מען? טאַבאַק דאַרף מען? גיה, זיי א קלוגער.

מ אַ ש אַ (קוקט זיך אום צו דער עסטראַדע) : באַלד וועט זיך אָנהויבען דער ספּעקטאַקעל.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אָ : יאַ. שפּיעלען וועט זאַריעטשנאַיאַ, און די פּיעסע איז קאָנסטאַנטין׳ גאַווריל'אָוויטש׳ס. זיי זענען פערליעבט איינער אין אנדערן, און היינט וועלען זיך זייערע נשמות צונויפגיסען אין זייער שטרעבען צו שאַפען איין און די זעלבע קינסטלערישע געשטאַלט. און צווישען מיין נשמה און אייערער איז ניטאָ קיין שום בעריהרונגס־פּונקט. איך האָב אייך ליעב, כ׳קען פאַר בענקשאַפט אין דערהיים ניט איינזיצען, כ׳געה יעדען טאָג צופוס זעקס וויאָרסט אַהער און זעקס וויאָרסט צוריק, און בעגעגען נאָר אַ גלייכגילטיגקייט פון אייער זייט. ס׳איז אַ פערשטענדליכע זאַך. איך בין אַ מענש אָהן מיטלען, אַ פאַמיליע האָב איך אַ גרויסע... ווער וויל עס חתונה האָבען מיט אַ מענשען, וואָס האָט אַליין ניט וואָס צו עסען?

מ אַ ש אַ : פּוסטע מעשיות. (שמעקט טאַבאַק). אייער ליעבע ריהרט מיך, אָבער איך קען אייך ניט אָפּענטפערן מיט מיין ליעבע, דאָס איז אַלעס. (דערלאַנגט איהם די טאַבאַקערקע). נעהמט אַ ביסעל.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אָ : ס׳ווילט זיך ניט. (פּאַוזע).

מ אַ ש אַ : דושנע. ווייזט אויס, ביי נאַכט וועט זיין אַ געוויטער. איהר האַלט אין איין פילאָסאָפירען, אדער איהר רעדט וועגען געלד. איהר מיינט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין גרעסערער אומגליק, ווי אָרימקייט, און איך מיין, אַז ס׳איז טויזענד מאָל גרינגער ארומצוגעהן אָבגעריסען און בעטלען, ווי... איבריגענס, איהר וועט עס ניט פערשטעהן...

סאָרין און טרעפּליעוו געהען אריין פון דער רעכטער זייט.

ס אָ ר י ן (לעהנט זיך אָן אויף אַ שטעקעל) : איך, ברודער, פיהל זיך אין דאָרף ניט זעהר פויגעלדיג, און, פערשטעהט זיך, כ׳וועל זיך שוין קיינמאָל ניט צוגעוואוינען. נעכטען האָב איך זיך געלעגט צעהן אַ זייגער און היינט אין־דער־פריה אויפגעשטאַנען אום ניין, מיט עפּעס אַ מאָדנעם געפיהל, גלייך ווי פון׳ם לאַנגען שלאָף האָט זיך ביי מיר דער מאָרך צוגעקלעפּט צום שאַרבען, און

נאָך אזוינע זאכען. (לאַכט). און נאָכמיטאג בין איך פּלוצלינג וויע־דער אנטשלאָפען געוואָרען, און איצט בין איך אינגאנצען צוברא־כען, א קאַשמאר דריקט מיך, סוף כל סוף...

ט ר ע פ ל י ע ו ו: דארפסט טאקע לעבען אין שטאָדט. (דערזעהט מאשא׳ן און מעדוויעדיענקא׳ן). זייט אזוי גוט, ווען ס׳וועט זיך אנהויבען וועט מען אייך רופען, אָבער איצט קען מען דאָ ניט זיין. געהט אוועק, איך בעט אייך.

ס אָ ר י ן (צו מאשא׳ן): זייט אזוי גוט, מאריא אנדרעיעווּ־נא, בעט אייער פאָטער, ער זאָל הייסען אָבבינדען דעם הונד, ער וואָיעט אלץ. די שוועסטער איז ווידער א גאנצע נאכט ניט גע־שלאָפען.

מ א ש א: רעדט מיט מיין פאָטער אליין, איך וויל ניט. בעפרייט מיך דערפון, איך בעט אייך. (צו מעדוויעדיענקאָ): קומט!

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אָ (צו טרעפליעוו׳ן): שיקט אָנזאָ־גען, איידער מען וועט אָנהויבען. (ביידע געהען אוועק).

ס אָ ר י ן: הייסט עס, אז א גאנצע נאכט וועט ווידער וואָיען דער הונד. האָסט געהערט א מעשה, כ׳האָב קיינמאָל ניט געלעבט אין דאָרף, ווי איך האָב געוואָלט. עס מאכט זיך אמאָל איך נעהם אורלויב אויף 28 טאג און קום צופאָהרען אהער אָברו־הען, און נאָך אזוינע זאכען; אָבער דאָ דערגעהט מען דיר די יאָה־רען מיט כל המיני נארישקייטען, אז שוין דעם ערשטען טאָג ווילט זיך אוועקגעהן. (לאַכט). איך פלעג תמיד אוועקפאָהרען מיט פער־גניגען פון דאנען... נו, און איצט בין איך אין דעמיסיע, ניטאָ וואו אהינצוטהאָן זיך, סוף כל סוף. צי דו ווילסט, צי ניט — לעב...

י א ק אָ ו ו (צו טרעפליעוו׳ן): מיר וועלען זיך געהן באדען, קאָנסטאַנטין גאווריליטש.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: גוט, אָבער אין צעהן מינוט ארום זאָלט איהר זיין אויף׳ן אָרט. (קוקט אויף׳ן זייגער). באלד וועט זיך אָנ־הויבען.

י א ק אָ ו ו: גוט. (געהט אוועק).

ט ר ע פ ל י ע ו ו (בעקוקט די עסטראדע): נו, אָט האָסטו דיר

א טעאטער, א פאַרהאנג; דערנאך אן ערשטע קוליסע, א צווייטע און ווייטער — א לעדיגער רוים. קיין שום דעקאָראציעס ניט. פאר די אויגען שטעהט גלייך אויף די אָזערע און דער האָריזאָנט. מיר וועלען אויפהויבען דעם פאָרהאנג פונקט האלב ניין, ווען די לבנה וועט אויפגעהן.

ס אָ ר י ן: גרויסארטיג.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: אויב זאַריעטשנאיא וועט זיך פער־שפעטיגען, וועט, פערשטעהט זיך, פערלאָרען געהן דער גאנצער עפעקט. זי האָט שוין געדארפט זיין. דער פאָטער און די שטיפמוטער היטען איהר, און ארויסרייסען זיך פון דער היים איז איהר אזוי שווער ווי פון תפיסה. (פעררוקט דעם אנקעל דעם שניפס). די האָר און די באָרד זענען ביי דיר צושויבערט. וואָלסט זיך געדארפט שערען, צי וואָס...

ס אָ ר י ן (קעמט די באָרד): די טראַגעדיע פון מיין לעבען. יונגערהייט האָב איך אויך געהאט אזא אויסזעהן, גלייך ווי איך וואָלט געהאלטען אין איין שכור'ן, און נאך אזוינע זאכען. מיך האָבען פרויען קיינמאָל ניט ליעב געהאט. (זעצט זיך). פארוואָס איז די שוועסטער עפעס ניט אויפגעלעגט?

ט ר ע פ ל י ע ו ו: פארוואָס? איהר איז לאַנגווייליג. (זעצט זיך נעבען איהם). זי איז אייפערזיכטיג. זי איז אי געגען מיר, אי געגען דעם ספעקטאקעל, אי געגען מיין פיעסע, ווייל שפיע־לען שפיעלט ניט זי, נאָר זאַריעטשנאיא. זי ווייס נאך גאָרניט פון מיין פיעסע, און זי האָט איהר שוין פיינד.

ס אָ ר י ן (לאכט): דו קלערסט אויס, אויף נאמנות...

ט ר ע פ ל י ע ו ו: איהר פערדריסט שוין, וואָס אויף אָט דער קליינער סצענע וועט האָבען אן ערפאָלג זאַריעטשנאיא, און ניט זי. (קוקט אויף'ן זייגער). א פסיכאָלאָגישער קוריאז איז זי, מיין מוטער. אָהן צווייפעל טאלאנטפול, קלוג, פעהיג צו פערגיסען טרערען אויף א ביכעל, וועט דיר אָבזאָגען גאנץ ניעקראסאָוו אויף אויסענווענינג, געהט ארום קראנקע, ווי א מלאך; דערוועג זיך אָבער צו לויבען דוזע פאר איהר אין די אויגען! אָהאָ־הא! לויבען דארף מען נור איהר,

מען דארף שרייען וועגן איהר, טומלען, ענטציקט ווערען פון איהר אונגעוועהנליכען שפּיעלען אין די „קאמיליען דאמע“ אָדער אין „טשאד פון לעבען“. נאָר אזוי ווי דאָ אין דאָרף איז ניטאָ די בעד רווישענדע אטמאָספערע, לאנגווייליגט זי זיך און איז אין כעס, און מיר אלע זענען איהר שונאים, מיר אלע זענען שולדיג. דערצו איז זי אבערגלויביש, האָט מורא פאר דריי ליכט, פאר׳ן דרייצענ־טען. זי איז קארג. זי האָט אין אָדעס אין באנק זיעבציג טויזענד — דאָס וויים איך זיכער. און בעט ביי איהר א הלואה, וועט זי זיך צוואויינען.

ס אָ ר י ן : דו האָסט זיך איינגערעדט, אז דיין פּיעסע גע־פעלט ניט דער מוטער, און ביזט שוין אויפגערעגט, און נאָך אזוינע זאכען. בערוהיג זיך, די מוטער פערגעטערט דיך.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (רייסט אָב די בלעטלעך פון א בלום) : זי ליעבט, זי ליעבט ניט, זי ליעבט, זי ליעבט ניט, זי ליעבט, זי ליעבט ניט. (לאַכט). זעהסט, מיין מוטער האָט מיך ניט ליעב. נו, טאקע! איהר ווילט זיך לעבען, ליעבען, טראָגען העלע בלוזקעס, און איך בין שוין פינף און צוואנציג יאָהר אלט, און דערמאָן איהר שטענדיג, אז זי איז שוין ניט יונג. בין איך ניטאָ, איז זי נאָר צוויי־און־דריי־סיג יאָהר, בין איך אָבער דערביי, איז זי דריי־און־פערציג יאָהר אלט, און דערפאר האָט זי מיך פיינד. זי וויים אויך, אז איך אנער־קען ניט דעם טעאטער. זי האָט ליעב דעם טעאטער, איהר דוכט זיך, אז זי דיענט דער מענשהייט, דער הייליגער קונסט, און נאָך מיין מיינונג איז דער היינטיגער טעאטער ניט מעהר ווי א רוטינע, א פאָראורטייל. ווען עס הויבט זיך אויף דער פאָרהאנג און ווען ביי נאכט־בעלייכטונג, אין א צימער מיט דריי ווענד, שטעלען פאר אָט די גרויסע טאלאנטען, די כהנים פון דער הייליגער קונסט, ווי מענשען עסען, טרינקען, האָבען ליעב, געהען ארום, טראָגען זייערע פּידזשאקעס ; ווען פון די וואולגערע בילדער און פראַזען סטא־רען זיי זיך אויספּרעסען א מוסר, — א קליינינקען, לייכט פער־שטענדליכען מוסר, וואָס קען צוניטץ קומען אין בעל־בית׳ישען לע־בען ; ווען אין טויזענדערליי וואריאציעס טראָגט מען מיר אונטער

אלץ דאָס זעלבע, אלץ דאָס זעלבע, אלץ דאָס זעלבע, — לויף איך, לויף איך, ווי מאָפּאסאן איז געלאָפן פון אייפעל'ס טהורם, וואָס האָט איהם געדריקט דעם מארך מיט זיין וואולגאריטעט.

סאָרין: אָהן א טעאטער קען מען ניט אויסקומען.

טרעפּליעוו: ס'זיינען נויטיג נייע פאָרמען. נייע פאָר־מען זענען נויטיג, און אויב זיי זענען ניטאָ, איז בעסער גאָרניט. (קוקט אויף'ן זייגער). איך האָב ליעב מיין מוטער, שטארק ליעב, נאָר זי לעבט אָהן א טאָלק; שטענדיג טראָגט זי זיך ארום מיט דעם בעלעטריסט; מיט איהר נאָמען האלט מען זיך אין איין ארומ־שליידערן אין די צייטונגען — און דאָס פערמאטערט מיך. און אָפטמאָל רופט זיך אין מיר אָב דער עגאָאיזם פון א געוועהנליכען בשר ודם. עס פערדריסט, וואָס מיין מוטער איז א בעוואוסטע אַק־טריסע, און מיר דוכט אז איך וואָלט געווען גליקליכער, ווען זי זאָל זיין א געוועהנליכע פרוי. וואָס קען זיין, אָנקעל, שרעקליכער און נארישער פון אזא לאגע: ס'פלעגט זיך מאכען, ביי איהר זענען צו גאסט דורכאוים בעריהמטהייטען, ארטיסטען און שרייבער, און צווישען זיי בין איך נאָר איינער — א גאָרניט, און מען פער־טראָגט מיך נאָר דערפאר, וואָס איך בין איהר זוהן. ווער בין איך? וואָס בין איך? ארויס פון דריטען קורס אוניווערזיטעט צוליעב אומשטענדען, וואָס זענען, ווי מען זאָגט ביי אונז, ניט אבהענגיג פון דער רעדאקציע; קיין שום טאלאנט ניטאָ, געלד — ניט קיין גראָשען, און דער פאספּאָרט זאָגט: א קיעווער מיעשטשאנין. מיין פאָטער איז דאָך א קיעווער מיעשטשאנין, כאָטש ער איז אויך גע־ווען א בעוואוסטער אקטיאָר. איז ווען די אלע ארטיסטען און שרייבער פלעגען, זיצענדיג אין איהר גאסט־צימער, מיר שענקען זייער געפעליגע אויפמערקזאמקייט, האָט זיך מיר געדוכט, אז מיט זייערע בליקען מעסטען זיי אוים מיין נישטיגקייט; — איך פלעג פיהלען, וואָס זיי טראכטען און ליידען פון ערנידערונג...

סאָרין: אז ס'האלט שוין דערביי, זאָג מיר, איך בעט דיך וואָס פאר א מענש איז אָט דער בעלעטריסט? ס'איז איהם ניט צו פערשטעהן, ער שווייגט אלץ.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: א מענש איז ער א קלוגער, אן איינפא־כער, אביסעל, פערשטעהסטו מיך, א מעלאנכאָלישער, זעהר אן אָרענטליכער. צו פערציג יאָהר נאָך ווייט, און איז שוין בעריהמט, און זאט איבער׳ן האלז. און זיינע שריפטען . . . איז ווי זאָל איך דיר זאָגען? טאלאנטפול, ליעב... נאָר... נאָך טאָלסטאָי און זאָלא נעהמט ניט אָן קיין חשק צו לייענען טריגאָרין׳ען.

ס אָ ר י ן: און איך, ברודער, האָב ליעב ליטעראטען. אמאָל האָב איך ליידענשאפטליך געוואָלט צוויי זאכען. חתונה האָבען און ווערען א ליטעראט, נאָר מיר האָט זיך ניט איינגעגעבען, ניט דאָס איינע, ניט דאָס אנדערע. יא. אפילו א קליינער ליטעראט איז אנגענעהם צו זיין, סוף כל סוף.

ט ר ע פ ל י ע ו ו (הערט זיך איין): איך הער טריט... (נעהמט ארום דעם אָנקעל). איך קען אָהן איהר ניט לעבען... אפילו דאָס הילכען פון איהרע טריט איז שעהן... איך בין גליקליך, משוגע צו ווערען. (געהט שנעל אנקעגען דער אָנקומענדער נינאַ זאַריעטש־נאַיאַ). כשוף־מאַכערין, חלום מיינער...

נ י נ אַ (אן אויפגערעגטע): איך האָב זיך ניט פערשפע־טיגט... געוויס, ניט פערשפעטיגט...

ט ר ע פ ל י ע ו ו (קושט איהר די הענד): ניין, ניין, ניין...

נ י נ א: א גאנצען טאָג בין איך אונרוהיג געווען, איך האָב זיך אזוי געשראָקען! כ׳האָב מורא געהאט, אז דער פאָטער וועט מיר ניט לאָזען געהן... אָבער ער איז נאָר וואָס אוועקגע־פאָהרען מיט דער שטיפמוטער. דער הימעל איז רויט, די לבנה בע־וויזט זיך שוין, און איך האָב געטריבען דאָס פערד, געטריבען (לאכט). מיך פרעהט אָבער (דריקט שטאַרק סאָרין׳ס האַנד).

ס אָ ר י ן (לאכט): די אויגעלעך זענען, דוכט זיך, פער־ווינט... הע־הע! ניט גוט!

נ י נ א: יא... איהר זעהט, ווי מיר איז שווער צו אטהע־מען. אין א האלבע שעה ארום פאָהר איך אוועק, מען דארף זיך איילען. אונמעגליך, אונמעגליך, אין גאָטעס ווילען האלט מיך ניט אויף. דער פאָטער ווייס ניט, אז איך בין דאָ.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: אין דער אמת'ן, שוין צייט אָנצוהויבען. מען דאַרף געהן רופען אַלעמען.

ס אָ ר י ן: איך וועל א געה טהאָן. די מינוט. (געהט רעכטס און זינגט) „קיין פראנקרייך זענען צוויי גרענאַדיערען"... (קוקט זיך אום). אמאָל האָב איך זיך אויך צוזונגען, טהוט מיר איינער, א געהילף־פּראָקוראָר, א זאָג: „אָבער איז ביי אייך, עקסעלענץ, א שטאַרקע שטימע"... דערנאָך האָט ער געטראַכט א ווײַלע און צו־געלעגט: „נאַר... א מאוס'ע" (לאַכט און געהט אַוועק).

נ י נ א: דער פאָטער און זיין ווייב לאָזען מיך ניט אהער. זיי זאָגען, אַז דאָ איז א באָהעמע... האָבען מורא, כ'זאָל חלילה ניט אַן אַקטריסע ווערען... און מיך ציהט אהער צום אָזערע ווי א וואַסער־פויגעל... מיין הארץ איז פול מיט אייך. (קוקט זיך אום).

ט ר ע פ ל י ע ו ו: מיר זיינען איינע אליין.

נ י נ א: דוכט זיך, אימיצער איז דאָרט.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: קיינער ניט (א קוש).

נ י נ א. וואָס איז דאָס פאַר א בוים?

ט ר ע פ ל י ע ו ו: דאָס איז אַן אולמע.

נ י נ א: פאַרוואָס איז זי אזוי טונקעלע?

ט ר ע פ ל י ע ו ו: עס איז שוין אָוונד, אַלצדינג טונקעלט. פאָהרט ניט אוועק פריה, איך בעט אייך.

נ י נ א: אונמעגליך.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: און ווי, אַז איך וועל פאָהרען צו אייך, נינא? איך וועל א גאַנצע נאַכט שטעהן אין גאָרטען און קוקען אויף אייער פענסטער.

נ י נ א: אונמעגליך, אייך וועט דערזעהן דער וועכטער. טרעזאָר איז נאָך ניט צוגעוואָוינט צו אייך און וועט בילען.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: כ'האָב אייך ליעב.

נ י נ א: טס...

ט ר ע פ ל י ע ו ו (דערהערט טריט): ווער איז דאָס? איהר, יאַקאָוו?

יאקאוו (הינטער דער עסטראַדע): יאָ, מיין הערר.

טרעפּליעוו: שטעלט זיך אויף די פלעצער. ס'איז שוין צייט. די לבנה קומט שוין ארויס?

יאקאוו: יאָ, מיין הערר.

טרעפּליעוו: ספּירט פאראן? שוועבעל פאראן? ווען ס'וועלען זיך בעווייזען די רויטע אויגען, דארף שמעקען מיט שוועבעל (צו נינאַ'ן). געהט, דאָרט איז אלץ שוין צוגעגרייט. איהר זייט אויפגערעגט?...

נינא: יאָ, זעהר. אייער מוטער — מאכט ניט אויס, פאר איהר האָב איך קיין מורא ניט, נאָר ביי אייך איז דאָ טריגאָרין... שפּיעלען, ווען ער איז דערביי, שרעק איך זיך און שעהם זיך... א בעוואוסטער שרייבער... איז יונג?

טרעפּליעוו: יאָ.

נינא: ס'ארא וואונדער־שעהנע ערצעהלונג ער האָט?

טרעפּליעוו (קאַלט): ווייס ניט, האָב ניט געלעזען.

נינא: אין אייער פּיעסע איז שווער צו שפּיעלען. ניטאָ אין איהר קיין לעבעדיגע מענשען.

טרעפּליעוו: לעבעדיגע מענשען?! מען דארף שילדערן דאָס לעבען ניט ווי עס איז און ניט ווי עס דארף זיין, נאָר ווי אונזערע חלומות מאָלען זיך עס אויס.

נינא: אין אייער פּיעסע איז ווייניג האנדלונג. זי איז נאָר צום לעזען. און אין א פּיעסע מוז, נאָך מיין מיינונג, אונבעדינגט זיין ליעבע... (ביידע געהען אוועק הינטער דער עסטראדע).

ס'געהען אריין אַנדרעיעוונאַ און דאָרן.

פּאָלינא אנדרעיעוונא: ס'ווערט פייכט. קעהרט זיך אום, טהוט אָן קאלאָשען.

דאָרן: מיר איז הייס.

פּאָלינא אנדרעיעוונא: איהר היט זיך ניט אָב. דאָס איז אן עקשנות. איהר זייט א דאָקטאָר און איהר ווייסט אויסגעצייכענט, אז פאר אייך איז שעדליך פייכטע לופט, נאָר אייך

ווילט זיך, איך זאָל ליידען. נעכטען זענט איהר אומישנע אבגעזע־
סען דעם גאנצען אָווענד אויף דער טעראסע...

ד אָ ר ן (זינגט צו): „ניט זאָג, די יוגענד איז פערלוירען“.

פ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איהר זענט געווען אזוי פערטהאָן אין געשפרעך מיט אירינא ניקאָלאיעווונא... איהר האָט ניט געפיהלט די קעלט — זייט זיך מודה, זי געפעלט אייך...

ד אָ ר ן: איך בין 55 יאָהר אלט.

פ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: נארישקייטען. ביי א מאנסביל הייסט עס ניט אלט זיין. איהר זעהט נאָך אויס גאנץ יונג און געפעלט נאָך פרויען.

ד אָ ר ן: איז וואָס פערלאנגט איהר?

פ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פאר אן אקטריסע זענט איהר אלע גרייט פאלען צו די פיס. אלע!

ד אָ ר ן (זינגט צו): „וויעדער בין איך נעבען דיר“... אויב מען האָט אין געזעלשאפט ליעב ארטיסטען און מען בעציהט זיך צו זיי אנדערש, ווי צו סוחרים, צום ביישפיעל, איז דאָס גאנץ נאטירליך. דאָס איז אידעאליזם.

פ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פרויען פלעגען זיך שטענדיג פערליעבען אין אייך און הענגען זיך אייך אויף'ן האלז. דאָס איז אויך אידעאליזם?

ד אָ ר ן (ציהט מיט די פלייצעס): איז וואָס? אין די בע־ציהונגען פון פרויען צו מיר איז געווען פיעל גוטעס. מיך האָט מען דער עיקר ליעב געהאט ווי אן אויסגעצייכענטען דאָקטאָר. איהר געדענקט דאָך, מיט א יאָהר 10—15 צוריק ביך איך געווען דער איינציגער רעכטער אקושער אין דער גאנצע גובערניע. דערצו בין איך שטענדיג געווען אן אָרענטליכער מענש.

פ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (כאַפּט איהם אָן פאר'ן האנד): טהייערער מיינער!

ד אָ ר ן: שטילער. מען געהט.

ס'געהען אריין אָרקאַדינאַ געארעמט מיט סאָרין'ען, טריגאָרין, שאַמראַיעוו, מעדוויעדענקאָ און מאַשאַ.

שאמראיעוו: אין 1873 יאָהר אין פּאָלטאַווע אין דער צייט פון יריד, האָט זי געשפּיעלט וואונדערבאַר. ענטציקט צו ווערען! וואונדער־שעהן געשפּיעלט! ווייסט איהר אפשר וואו איז איצט דער קאָמיקער טשאַדין, פּאַוועל סעמיאָניטש? אין דער ראָלע פון ראַספּליוּעוו איז ער געווען ווירקליך גרויס, בעסער פון סאַדאָווסקי'ן, איך שווער איך, הויכגעשעצטע. וואו איז ער איצט?

אַרקאַדינאַ: איהר פרעגט זיך אַלץ נאָך אויף פּאַר'ן מבול'דיגע מענשען. פון וואַנען זאָל איך וויסען! (זעצט זיך).

שאַמראַיעוו (זיפצט אָב): פּאַשקאַ טשאַדין! ניטאָ שוין היינטיגע צייטען אַזעלכע. די סצענע איז געזונקען, אירינאַ ניקאָלאַיעוונאַ! אמאָל זיינען געווען מעכטיגע דעמבעס, און איצט זעהען מיר נאָר קליינוואַרג.

דאָרן: גרויסע טאַלאַנטען איז פאַראַן ווייניג, דאָס איז אמת, אָבער דער מיטעלער אקטיאָר שטעהט איצט פיעל העכער.

שאַמראַיעוו: כ'קען ניט איינשטימען מיט אייך. איבריגענס איז עס אַ געשמאַק־זאַך.

טרעפּליעוו געהט ארויס פון הינטער דער עסטראַדע.

אַרקאַדינאַ (צום זוהן): ווען־זשע הויבט זיך עס אָן, מיין ליעבער זוהן?

טרעפּליעוו: די רגע. כ'בעט אַ מינוט געדולד.

אַרקאַדינאַ (לעזט פאַר פון האַמלעט): „מיין זוהן! דו האָסט ענטפּלעקט פאַר מיינע אויגען די טיעפעניש פון מיין נשמה, און איך האָב דערזעהן זי פול וואונדען בלוטיגע, וואָס טראָגען טויט אין זיך — ניטאָ קיין רעטונג!“

טרעפּליעוו (פון האַמלעט): „און פאַרוואָס האָסט צו זינד זיך איבערגעגעבען, און אין אבגרונד פון פערברעכען געזוכט ליעבע?“

הינטער דער עסטראַדע בלאָזט מען אין אַ האָרן.

טרעפּליעוו: מיינע העררן, ס'הויבט זיך אָן. זייט אויפמערקזאַם! כ'הויב אָן (קלאַפּט מיט אַ שטעקעל און רעדט הויך): אָ, איהר געעהרטע, אַלטע שאָטענס, וואָס שוועבט אין דער פינס־

טערניש פון דער נאכט איבער'ן וואסער דאָ ארום, פערשלעפערט אונז און זאָל אונז צו חלום קומען, וואָס וועט זיין אין צוויי הונדערט טויזענד יאָהר ארום!

סאָרין: אין צוויי הנדערט טויזענד יאָהר ארום וועט גאָר־נישט ניט זיין.

טרעפּליעוו: זאָל מען זשע אונז פארשטעלען אָט דאָס גאָרנישט.

ארקאדינא: זאָל מען. מיר שלאָפען.

ס'הויבט זיך אויף דער פּאָרהאנג, עס ענטפּלעקט זיך די אָזערע; איבער'ן האָריזאָנט — די לבנה, זי שפּיגעלט זיך אָב אין וואסער; אויף א גרויסען שטיין זיצט נינא זאַריעטשנאַיאַ, איינגאַנצען אין ווייסען.

נינא: מענשען, לייבען, אָדלער און רעב־היהנער, גע־האָרנטע הירשען, גענז, שפּינען, שווייגענדיגע פיש, וואָס האָבען געלעבט אין וואסער, ים־שטערן און אלע די, וואָס דאָס אויג האָט ניט געקענט דערזעהן, — מיט איין וואָרט אלע לעבענס, אלע לע־בענס, אלע לעבענס האָבען דורכגעמאכט דעם טרויעריגען קרייז און זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען... שוין טויזענדער דורות, ווי די ערד טראָגט ניט אויף זיך קיין איין לעבעדיג בעשעפעניש, און די אָרימע לבנה צינדט אָן אומזיסט איהר לאמטערן. אויפ'ן לאָנקע ערוואכען שוין ניט מעהר מיט א געשריי די זשוראוויליען, און עס לאָזען זיך שוין מעהר ניט הערען די מאַי־זשוקעס אין די ליפּאָווע וועלדער. ס'איז קאלט, קאלט, קאלט. פּוסט, פּוסט, פּוסט. שרעקליך, שרעקליך, שרעקליך (פּאוזע). די קערפּער פון אלע לעבעדיגע בע־שעפעניסען זענען צו שטויב געוואָרען, און די אייביגע מאַטעריע האָט זיי אלעמען פערוואנדעלט אין שטיינער, וואסער, וואָלקענס, און זייערע נשמות האָבען זיך אלע צונויפגעגאָסען אין איין נשמה. די איינע וועלט־נשמה — בין איך... איך... אין מיר איז די נשמה אי פון אלעקסאנדער דעם גרויסען, אי פון צעזאר'ן, אי פון שעקספּיר'ן, אי פון נאפּאָלעאָן'ען, אי פון דער לעצטער פּיאווקע. אין מיר האָבען זיך די בעוואוסטזיינס פון די מענשען צונויפגעגאָ־

סען מיט די אינסטינקטען פון די טהירען, און איך גערענק אלץ, אלץ, אלץ, און יעדען לעבען לעב איך איבער אין זיך אויף'ס ניי.

ס'בעוויזען זיך זומפף־פייערלעך.

ארקאדינא (שטיל): דאָס איז עפּעס דעקאַדענטישעס.

טרעפּליעוו (מיט געבעט און פאָרוואורף): מאמא!

נינא: איך בין איינזאם. איינמאָל אין הונדערט יאָהר עפען איך די ליפּצען צו רעדען, און מיין שטימע קלינגט טרויעריג אין דער פוסטקייט, און קיינער הערט ניט... און איהר, בלאַסע פייערן, הערט מיך ניט... פריהמאָרגען־צייט געבערט אייך דער פוילער זומפף, און איהר בלאָנדזשעט ביז צום מאָרגען־רויט, נאָר אָהן גערדאנק, אָהן ווילען, אָהן לעבענס־רעגונג. מורא האָבענדיג, אז אין אייך זאָל ניט ערוואכען קיין לעבען, טהוט דער פאָטער פון דער אייביגער מאטעריע, דער שטן, בייטען יעדע רגע די אטאָמען אין אייך, אזוי ווי אין די שטיינער און אין וואסער, און איהר בייט זיך אָהן אן אויפהער. אין וועלטאל בלייבט בעשטענדיג און אונ־פערענדערליך נאָר דער גייסט (פּאוזע). ווי א געפאנגענער וועמען מען האָט אריינגעוואָרפען אין א לעדיגען טיעפען ברונעם, וויים איך ניט וואו איך בין און וואָס מיך ערוואַרטעט. פאר מיר איז נור ניט פארבאָרגען, אז אין איינגעשפּאַרטען, אכזריות'דיגען קאמפּף מיט'ן שטן, דעם אור־פּרינציפּ פון די מאטעריעלע קרעפטען, איז מיר בעשערט צו זיעגען, און ערשט דערנאָך וועלען גייסט און מאטע־ריע זיך צונויפגיסען אין שעהנער הארמאָניע, און ס'וועט אָנקו־מען דאָס קעניגרייך פון'ם וועלט־ווילען. דאָס וועט אָבער זיין ערשט דאָן, ווען ביסלעכווייז־ביסלעכווייז, דורך א לאַנגע, לאַנגע רייהע יאָהרטויזענדער, וועט אי די לבנה, אי דער ליכטיגער סיריוס, אי די ערד, צו שטויב ווערען... און ביז דאמאָלסט — שרעק, שרעק...

(פּאוזע, אויף'ן פאָן פון דער אָזערע בעווייזען זיך צוויי רויטע פּינ־טעלעך). אָט נעהענטערט זיך מיין מעכטיגער שונא, דער שטן. איך זעה זיינע שרעקליכע, בלוט־רויטע אויגען...

ארקאדינא: ס'שמעקט מיט שוועבעל. דאָס דארף מען?

טרעפליעוו: יא.

ארקאדינא (לאַכט): יא, דאָס איז אַן עפעקט.

טרעפליעוו: מאמא!

נינא: איהם איז לאנגווייליג אָהן א מענשען...

פּאָלינא אנדרעיעוונא (צו דאָרן): איהר האָט אויסגעטהאָן דעם הוט. טהוט אָן, אניט וועט איהר זיך פערקיהלען.

ארקאדינא: דאָס האָט דער דאָקטאָר אראָבגענומען דעם הוט פאר'ן שטן, דעם פאָטער פון דער אייביגער מאטעריע.

טרעפליעוו (ווערט אין כעס, הויך): די פּיעסע איז געענדיגט! גענוג! פאָרהאנג!

ארקאדינא: וואָס ביזטו אין כעס?

טרעפליעוו (טופּעט מיט'ן פוס): פאָרהאנג! (דער פאָרהאנג לאזט זיך אראָב). ענטשולדיגט! כ'האָב גאָר פערגעסען, אז שרייבען פּיעסען און שפּיעלען אויף דער סצענע מעגען נאָר עטליכע אויסערוועהלטע. איך האָב איבערגעטראָטען די מאָנאָפּאָליע! מיר... איך... (וויל נאָך עפּעס זאָגען, מאַכט אָבער מיט'ן האַנד און געהט אוועק לינקס).

ארקאדינא: וואָס איז מיט איהם?

סאָרין: מען טאָר ניט אזוי, אירינא, טייערינקע, זיך בעגעהן מיט דער אייגענליעבע פון א יונגען מענשען.

ארקאדינא: וואָס האָב איך איהם דען געזאָגט?

סאָרין: דו האָסט איהם בעליידיגט.

ארקאדינא: ער אליין האָט פריהער געזאָגט, אז דאָס איז א שפּאָס, האָב איך געקוקט אויף זיין פּיעסע ווי אויף א שפּאָס.

סאָרין: דאָך...

ארקאדינא: איצט שטעלט זיך גאָר ארויס, אז ער האָט אָנגעשריעבען א גרויס ווערק! ווי געפעלט עס אייך! האָט ער, הייסט עס, אויפגעפיהרט דעם ספּעקטאַקל און אָנגערויכערט מיט שוועבעל ניט צום שפּאָס, נאָר ווי א דעמאָנסטראציע... ער האָט

געוואָלט לערנען אונז, ווי מען דאַרף שרייבען און וואָס מען דאַרף שפּיעלען. ס'ווערט דאָך, סוף כל סוף, לאַנגווייליג. זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, נאָר די שטענדיגע אָנפאַלען אויף מיר און די שטעכ־ווערטלעך מוזען דאָך דערעסען! אַ קאַפּריזנער אייגענליעביגער יונגעל.

סאָרין: ער האָט דיר געוואָלט טהאָן אַ פערגעניגען.

אַרקאַדינאַ: יאָ? זעהסט דאָך, ער האָט ניט אויס־געקליבען עפּעס אַ געוועהנליכע פּיעסע, נאָר ער האָט אונז גע־נויט אויסצוהערען אָט די דעקאַדענטישע משוגעת'ן. פון שפּאַס ווע־גען בין איך גרייט אויסצוהערען משוגעת'ן אויך, נור דאָ האָט מען דאָך פּרעטענזיעס אויף נייע פאָרמען, אויף אַ נייע עפּאָכע אין דער קונסט. און איך מיין, אַז דאָ איז ניטאָ קיינע נייע פאָרמען נאָר איינפאַך אַ שלעכטער כאַראַקטער.

טריגאָרין: יעדער שרייבט ווי ער וויל און ווי ער קען.

אַרקאַדינאַ: זאָל ער שרייבען ווי ער וויל און ווי ער קען, נאָר מיך זאָל ער לאָזען צורוה.

דאָרן: יופּיטער, ביזט אין כעס...

אַרקאַדינאַ: איך בין ניט יופּיטער, איך בין אַ פרוי (פערדרויכערט). איך בין ניט אין כעס, מיר פערדריסט נאָר, וואָס דער יונגער מענש פערברענגט די צייט אזוי לאַנגווייליג. איך האָב איהם ניט געוואָלט בעליידיגען.

מעדוועדיענקאָ: קיינער האָט ניט קיין גרונד אָבצוטיילען גייסט פון מאַטעריע, דען אפשר איז גייסט אליין אַן אגרעגאַט פון מאַטעריעלע אטאָמען (לעבהאַפט, צו טריגאָרין'ען). און ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאָגען, בעשרייבען האָט מען גע־דאַרפט אין אַ פּיעסע און דערנאָך שפּיעלען אויף דער סצענע, ווי אזוי עס לעבט אונזער איינער — דער לעהרער. שווער, שווער לעבט זיך!

אַרקאַדינאַ: דאָס איז ריכטיג, נאָר לאָמיר ניט רע־דען ניט פון פּיעסען, ניט פון אטאָמען. אזא פיינער אָוועגד! איהר הערט, מיינע העררן, ווי מען זינגט? (הערט זיך איין). ווי גוט!

פ אָ ל י נ אַ   אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ : דאָס איז אויף'ן אַנ־דערן ברעג. (פּאוזע).

אַ ר ק אַ ד י נ אַ   (צו טריגאָרין'ען) : זעצט זיך נעבען מיר. מיט א יאָהר 10—15 צוריק פלעגט דאָ ביין אָזערע הילכען מוזיק און געזאנג כמעט יעדע נאכט. דאָ אויף'ן ברעג זיינען זעקס פּאָל־ווארקען. כ'געדענק דעם געלעכטער, טומעל, שיסעריי, און אלץ ראָ־מאנען, ראָמאנען . . . דער ליעבלינג און אָבגאָט פון די אלע זעקס פּאָלווארקען איז דאן געווען, אָט דער — איך האָב די עהרע — (ווייזט אָן אויף דאָרין'ען), דאָקטאָר יעווגעני סערגעאיטש. איצט איז ער אויך בעצויבערנד, אָבער דאמאָלס האָט ער געפאנגען אלע הערצער. דאָך מיין געוויסען הויבט מיך אָן צו פּייניגען. פארוואָס האָב איך בעליידיגט מיין אָרימען יונגעל? איך בין אונרוהיג (הויך) קאָסטיאַ! זוהן מיינער! קאָסטיאַ!

מ אַ ש אַ : כ'וועל איהם געהן א זוך טהאָן.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ : זיי אזוי גוט, מיין ליעבע.

מ אַ ש אַ   (געהט לינקס) : הו־הו! קאָנסטאנטין גאווריליאָ־וויטש!... הו־הו! (געהט אוועק).

נ י נ אַ   (געהט ארויס פון הינטער דער עסטראדע) : אפנים קיין פאָרטזעצונג וועט ניט זיין, איך קען ארויסגעהן. גוטען אָווענד! (קושט זיך מיט ארקאַדינאַ און פּאָלינאַ אַנדרעיעוונאַ).

ס אָ ר י ן : בראוואָ! בראוואָ!

אַ ר ק אַ ד י נ אַ : בראוואָ! בראוואָ! מיר האָבען אמת'ן פערגעניגען געהאט. מיט אזא אויסזעהן, מיט אזא וואונדער־שעה־נער שטימע איז אַן עבירה צו זיצען אין דאָרף. איהר מוזט האָבען טאלאנט. איהר הערט? ס'איז אייער פליכט צו ווערען אן אקטרי־סע!

נ י נ אַ : אָ, דאָס איז א חלום! (זיפצט אָב). נאָר ער וועט קיינמאָל ניט פערווירקליכט ווערען.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ : ווער ווייס? ערלויבט מיר אייך פאָר־צושטעלען : טריגאָרין, באָריס אלעקסעיעאיטש.

נ י נ אַ. אַך, ווי עס פרעהט מיך... (פערשעהמט). איך לעז אַלץ וואָס איהר שרייבט...

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: שעהמט זיך ניט, מיין טייערע. ער איז אַ בעריהמטהייט, איז אָבער אַן איינפאַכער אויפריכטיגער מענש. איהר זעהט, ער איז אַליין פערשעהמט געוואָרען.

ד אָ ר ן: כ'רעכען, אַז איצט קען מען אויפהויבען דעם פּאָר־האַנג, אַניט איז עפּעס ניט היימליך.

ש אַ מ ר אַ י ע ו ו (הויך): יאַקאָוו, הויב אויף דעם פּאָר־האַנג! (דער פּאָרהאַנג הויבט זיך אויף).

נ י נ אַ (צו טריגאָרין'ען): ניט וואהר, אַ מאָדנע פּיעסע?

ט ר י ג אָ ר י ן: איך האָב גאָרניט פערשטאַנען. איבריגענס, געקוקט האָב איך מיט פערגעניגען. איהר האָט אַזוי אויפריכטיג געשפּיעלט. און די דעקאָראַציע איז געווען אַ פיינע. (פּאַוזע). אין דער אָזערע מוז זיין אַ סך פיש.

נ י נ אַ: יאַ.

ט ר י ג אָ ר י ן: איך האָב ליעב צו כאַפּען פיש. איך ווייס ניט פון קיין גרעסערען פערגניגען, ווי זיצען אָוועגד־צייט ביים ברעג און קוקען אויף דער ווענדקע.

נ י נ אַ: איך רעכען אָבער, אַז ווער ס'האָט איבערגעלעבט דאָס פערגניגען פון שאַפען, פאַר איהם עקזיסטירען שוין ניט קיין אַנדערע פערגעניגענס.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ (לאַכט): רעדט ניט אַזוי. זאָגט מען איהם גוטע ווערטער, פאַלט ער דורך.

ש אַ מ ר אַ י ע ו ו: איך געדענק, אין מאָסקווער אָפּערא האָט אַמאָל דער בעריהמטער סילוואַ גענומען אַ נידעריגע „דאָ“. האָט זיך געמאַכט, אַז גראָד אין דער צייט, איז אויף דער גאַלעריע געזעסען אַ באַס, פון אונזערע סינאָד־זינגער און פלוצלינג, שטעלט זיך פאָר, ווי פערוואונדערט מיר זענען געוואָרען, הערען מיר אַ קול פון גאַלעריע: „בראַוואָ, סילוואַ!“ מיט אַ גאַנצע אָקטאַווע נידעריגער... אָט אַזוי (מיט אַ נידעריגען באַס'ל) בראַוואָ, סילוואַ... דער טעאַטער איז אַזש פערגליווערט געוואָרען. (פּאַוזע).

ד אָ ר ן: „אַ שטילער מלאך איז דורכגעפלויגען".

נ י נ א: און מיר איז שוין צייט צו געהן. זייט געזונד.

א ר ק א ד י נ א: וואוהין? וואוהין אזוי פריה? מיר וועלען אייך ניט לאָזען.

נ י נ א: פאפא ווארט אויף מיר.

א ר ק א ד י נ א: ס'ארא שלעכטער, זאָגט אליין... (קושען זיך). נו, וואָס קען מען טהאָן. אַ שאָד, אַ שאָד אייך אָבצולאָזען.

נ י נ א: ווען איהר זאָלט וויסען, ווי שווער מיר איז אוועקצופאָהרען!

א ר ק א ד י נ א: אפשר זאָל אייך עמיצער בעגלייטען, מיין קינד?

נ י נ א: (דערשראָקען): אָ, ניין, ניין!

ס אָ ר י ן (צו איהר, מיט געבעט): בלייבט!

נ י נ א: איך קען ניט, פּיאָטער ניקאָלאיעוויטש.

ס אָ ר י ן: בלייבט אויף איין שעה, נו טאקע. נו, יא כ'לעבען...

נ י נ א (טראַכט אַ ווײַלע, אין טרערען): אונמעגליך! (דריקט זיין האנד און געהט שנעל אוועק).

א ר ק א ד י נ א: אן אומגליקליך מיידעל, באמת. מען זאָגט, אז איהר פערשטאָרבענע מוטער האָט אין דער צוואה איהר גאנצען אונגעהויער גרויסען פערמעגען, ביז צו א קאפּיקע, אָבגעזאָגט דעם מאן, און איצט איז דאָס מיידעל געבליבען ביי גאָר ניט, ווייל איהר פאָטער האָט שוין אלצדינג אָבגעזאָגט זיין צווייטער ווייב. דאָס איז עמפּערענד!

ד אָ ר ן: יא, איהר פאָטער איז ניש-קשה פון א בהמה, דעם אמת זאָגענדיג.

ס אָ ר י ן (רייבט די פערפרוירענע הענד): לאָמיר אויך געהן מיינע הערן. ס'ווערט פייכט. מיר טהוען וועה די פיס.

א ר ק א ד י נ א: זיי זיינען ביי דיר ווי הילצערנע, קוים

וואָס זיי ריהרען זיך. נו, קום, שלימ׳מזלדיגער אלטיטשקער! (נעהמט איהם פאר׳ן האנד).

שאמראיעוו (שטרעקט אויס דער וויב די האַנד): מאַ־דאם?

סאָרין: איך הער, דער הונד וואָיעט ווידער. (צו שאַמ־ראַיעוו׳ן): זייט אזוי גוט, איליא אפאנאסיעוויטש, הייסט איהם אָבבינדען.

שאמראיעוו: איך קען ניט, פּיאָטער ניקאָלאַיעוויטש, כ׳האָב מורא, גנבים זאָלען זיך ניט פערקלייבען אין שפּייכלער. כ׳האָב דאָרט הירזש (צו מעדוויעדיענקאָ, וואָס געהט דערנעבען). יאַ, אויף א גאנצע אָקטאווע ניעדעריגער: „בראוואָ, סילוואַ" און ער איז דאָך ניט קיין אָפּערא־זינגער, נאָר א פּשוט׳ער סינאָדאלער.

מעדוויעדיענקאָ: און וואָס פאר א געהאלט קריגט א סינאָדאלער זינגער? (אלע געהען אוועק, אויסער דאָרן).

דאָרן (איינער אליין): כ׳ווייס ניט, אפשר פערשטעה איך גאָרניט, אָדער כ׳בין פון זינן אראָב, אָבער די פּיעסע איז מיר געפעלען. אין איהר איז עפּעס פאראן. ווען דאָס דאָזיגע מיידעל האָט גערעדט וועגען איינזאמקייט און דערנאָך, ווען ס׳האָבען זיך בעוויזען די רויטע אויגען פון׳ם שטן, האָבען ביי מיר פון אויפרע־גונג געציטערט די הענד. פריש, נאאיוו... אָט געהט ער, דוכט זיך. מיר ווילט זיך איהם זאָגען עטליכע אנגענעהמע ווערטער.

טרעפּליעוו (געהט אריין): קיינער איז שוין ניטאָ.

דאָרן: איך בין דאָ.

טרעפּליעוו: איבער׳ן גאנצען פּארק זוכט מיך ארום מאשענקא, אן אונערטרעגליך בעשעפעניש.

דאָרן: קאָנסטאנטין גאווריליאָוויטש, מיר איז אייער פּיע־סע זעהר געפעלען. עפּעס א מאָדנע איז זי, און דעם סוף האָב איך ניט געהערט, און דאָך איז דער איינדרוק א שטארקער. איהר זייט א טאלאנטפאָלער מענש, איהר דארפט ווייטער שרייבען.

טרעפּליעוו דריקט איהם שטאַרק די האַנד און נעהמט איהם חאַפּ־טיג ארום.

דאָרן: פוי, ווי נערוועז. טרערען שטעהען אין די אויגען... וואָס בין איך אויסען? דעם סוזשעט האָט איהר גענומען פון דער וועלט פון אבסטראקטע אידעען. אזוי דארף מען, ווייל א קינסטלעריש ווערק דארף אונבעדינגט אויסדריקען עפּעס א גרויסען געדאנק. נאָר דאָס איז שעהן, וואָס איז ערנסט. ווי בלייך איהר זייט!

טרעפּליעוו: זאָגט איהר, הייסט עס, — ווייטער שרייבען?

דאָרן: יא... נאָר שטעלט פּאָר בלויז דאָס וויכטיגע און דאָס אייביגע. איהר ווייסט, איך האָב דורכגעלעבט מיין לעבען פיעלפארביג און געהאַט הנאה דערפון, איך בין צופריעדען. נאָר ווען איך זאָל זוכה זיין מיין גייסט זאָל זיך דערהויבען ווי ביי א קינסטלער אין דער צייט פון שאַפען, וואָלט איך, דוכט מיר, פעראכטעט מיין גוף, און אלץ וואָס איז איהם אייגענטימליך, און וואָלט אוועקגעפלויגען אין דער הויך וואָס ווייטער פון דער ערד.

טרעפּליעוו: ענטשולדיגט, וואו איז זאַריעטשנאיא?

דאָרן: און נאָך א זאַך. א ווערק דארף אויסדריקען א קלאָהרען, בעשטימטען געדאנק. איהר מוזט וויסען, צוליעב וואָס איהר שרייבט. אויב ניט, אויב איהר וועט זיך לאָזען געהן אויף דעם הערליכען וועג אָהן א בעשטימטען ציעל, וועט איהר פערבלאָנדזשען און אייער טאלאנט וועט מאכען א תל פון אייך.

טרעפּליעוו (אונגעדולדיג): וואו איז זאַריעטשנאיא?

דאָרן: זי איז אוועקגעפאָהרען אהיים.

טרעפּליעוו (פערצווייפעלט): וואָס זאָל איך טהאָן? איך וויל איהר זעהן... איך מוז איהר זעהן... איך וועל פאָהרען...

מאַשאַ געהט אריין.

דאָרן (צו טרעפּליעוו'ן): בערוהיגט אייך, מיין פריינד.

טרעפּליעוו: אָבער איך וועל דאָך פאָהרען. איך מוז פאָהרען.

מאשא: געהט, קאָנסטאנטין גאַווריליאָוויטש, אהיים. אויף אייך ווארט אייער מאמע. זי איז אונרוהיג.

ט ר ע פ ל י ע װ : זאָגט איהר, אז איך בין אװעקגעפֿאָה־רען. און איך בעט אייך אלעמען, לאָזט מיך צורוה! לאָזט! געהט מיר ניט נאָך!

ד אָ ר ן : אָבער, אָבער, אָבער, ליעבער... מען טאָר ניט אזוי... ניט גוט.

ט ר ע פ ל י ע װ (אין טרעהרען) : זייט געזונד, דאָקטאָר. א דאנק... (געהט אװעק).

ד אָ ר ן (זיפֿצט אָב) : יונג בלוט, יונג בלוט!

מ אַ ש אַ : װען ס'איז ניטאָ מעהר װאָס צו זאָגען, זאָגט מען יונג בלוט, יונג בלוט... (שמעקט טאַבאַק) .

ד אָ ר ן (נעהמט ביי איהר צו די טאַבאַקערקע און שלײדערט אין די קוסטעס) : אן עקעל! (פּאוזע). אין הויז, דוכט זיך, שפּיעלט מען, מען דארף געהן.

מ אַ ש אַ : װארט א װײלע.

ד אָ ר ן : װאָס?

מ אַ ש אַ : איך װיל אייך נאָכאמאָל זאָגען. מיר װילט זיך דורכרעדען... (איז אויפגערעגט). איך האָב ניט ליעב מיין פֿאָ־טער... צו אייך אָבער ציהט מיך דאָס הארץ. כ'װײס ניט פֿאר־װאָס, נאָר איך פֿיהל מיט'ן גאנצען הארצען, אז איהר זייט מיר א נאָהענטער מענש... העלפֿט זשע מיר. העלפֿט מיר, אניט װעל איך טהאָן א נארישקייט, איך װעל צו שפּאָס מאַכען מיין לעבען, איך װעל עס פֿערדארבען... איך קען ניט לענגער...

ד אָ ר ן : װאָס? װי העלפֿען?

מ אַ ש אַ : איך לייד. קיינער, קיינער װײס ניט, װי איך לייד! (לעגט דעם קאָפּ אויף זיין ברוסט, שטיל) איך האָב ליעב קאָנס־טאנטין'ען.

ד אָ ר ן : װי נערװועז זיי זיינען אלע! װי נערװועז זיי זיינען אלע. און װיפֿיעל ליעבע... אָ, די כשוף־אָזערע! (צארט). נאָר װאָס קען איך טהאָן קינד מיינס? װאָס? —

פֿ א ר ה א נ ג.

צווייטער אקט.

אַ פּלאַץ פאַר אַ קראָקעט־שפּיעל. אין הינטערגרונד רעכטס, אַ הויז מיט אַ גרויסער טעראַסע, לינקס זעהט זיך די אזערע, אין איהר שפּיגעלט זיך אָב און בלישטשעט די זונן. בלומען־בייטען. האַלבער טאָג. היים. נעבען קראָקעט־פּלאַץ אין שאָטען פון אַן אַלטער ליפּע זיצען אויף אַ באַנק אַרקאַדינאַ, דאָרן און מאַשאַ. ביי דאָרן'ען אויף די קניה — אַן אָפּען בוך.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ (צו מאַשאַ'ן): נו לאָמיר אויפשטעהן (ביידע שטעהען אויף). מיר וועלען זיך שטעלען איינע נעבען דער אַנדערער. איהר זייט צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט און איך כמעט דאָפּעלט. יעווגעני סערגעיטש, ווער פון אונז קוקט אויס יונגער?

ד אָ ר ן: געוויס, איהר.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: איהר זעהט... און פאַרוואָס ווייל איך אַרבייט, איך פיהל, איך בין שטענדיג פערהאַוועט, און איהר זיצט אויף איין אָרט, לעבט ניט. דערצו האָב איך מיר נאָך אַ כלל: ניט אַריינקוקען אין דער צוקונפט. איך טראַכט קיינמאָל ניט וועגען עלטער און ניט וועגען טויט. וואָס בעשערט איז בעשערט.

מ אַ ש אַ: און איך האָב עפּעס אַ מין געפיהל, ווי איך וואָלט שוין לאַנג־לאַנג געבוירען געוואָרען; מיין לעבען שלעפּ איך, ווי עפּעס, וואָס ציהט זיך אָהן אַ סוף... און אָפטמאָל נעהמט אָב יעדער חשק צו לעבען (זעצט זיך). אודאי, איז דאָס אַלץ נאַרישקייטען. מען דאַרף זיך אויפטרייסלען, אָראָבוואַרפען פון זיך דאָס אַלץ.

ד אָ ר ן (זינגט צו שטיל): „דערצעהלט איהר, בלומען מיינע"...

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: און דערצו בין איך קאָרעקט, ווי אַן ענגלענדער. איך האַלט זיך, טייערע מיינע, ווי מען זאָגט, אין

די הענד, און בין שטענדיג אָנגעטהאָן און פערקעמט „קאָם איל פאָ". איך זאָל זיך ערלויבען ארויסגעהן פון הויז, אָדער אפילו אין גאָר־טען אין איין בלוזקע אָדער א ניט־פערקעמטע? קיינמאָל ניט. דערפאר טאקע בין איך געבליבען יונג, וואָס כ'בין קיינמאָל ניט געוועזן קיין צוקראָכענע, ניט אָבגעלאָזט זיך ווי אנדערע... (האַלט די הענד ביי די זייטען, געהט זיך דורך איבער'ן קראקעט־פלאץ). אָט זעהט, — ווי א יונג מיידעלע. כאָטש געה, שפיעל א פופצעהניעה־ריגע.

ד אָ ר ן: נו, פון דעסטוועגען לעז איך ווייטער. (נעהמט דאס בוך). מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי דעם מעהל העגדלער און די מייז...

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: און די מייז. לעזט (זעצט זיך). איבריגענס גיט מיר, איך וועל לייענען. איצט איז מיין רייהע. (נעהמט דאָס בוך און זוכט מיט די אויגען). און די מייז... אָט איז עס... (לעזט). ...„פערשטעהט זיך, אז פאר וועלטליכע מענשען איז פעס־טשען די ראָמאניסטען און צוציהען זיי צו זיך פונקט אזוי גע־פעהרליך ווי פאר א מעהל־הענדלער צו כאָוועז מייז אין זיינע שפייכלערס. און דאָך האָט מען זיי ליעב. און אז א פרוי קלייבט זיך אוים א שרייבער, וועלכען זי וויל פאנגען, בעלאגערט זי איהם מיט קאָמפלימענטען, ליעבליכע רייד און נאָכגעבענישען"... נו, ביי פראנצויזען איז דאָס אפשר אזוי, נאָר ביי אונז גאָר אנדערש, קיין שום פראָגראמען. ביי אונז איז א פרוי נאָך איידער זי וויל פאנ־גען דעם שרייבער שוין אליין פערליעבט אין איהם ביז איבער די אויערן, פערשטעהט איהר מיך. וואָס דארף מען ווייט געהן, נעהמט צום ביישפיעל מיך און טריגאָרין'ען...

ס'געהט סאָרין, אָנגעלעהענט אויף א שטעקעל, נעבען איהם — נינאַ; מעדוויעדיענקאָ פיהרט זיי נאך א לעדיגען פאָטער־שטול.

ס אָ ר י ן (איז אַ טאָן ווי מען לאַשטשעט קינדער): יאַ? ביי אונז איז א יום טוב? מיר זענען היינט פרעהליך סוף כל סוף? (צו דער שוועסטער): ביי אונז איז אַ יום טוב! דער פאָטער

און די שטיפמוטער זענען אוועקגעפאָהרען קיין טווער, זענען מיר פריי גאַנצע דריי טעג.

נ י נ אַ (זעצט זיך נעבען ארקאַדינאַ און נעהמט איהר ארום): איך בין גליקליך. איצט בין איך אייערע.

ס אָ ר י ן (זעצט זיך אויף זיין פאָטער־שטול): זי איז היינט א שעהנינקע.

א ר ק א ד י נ אַ: אַן אויסגעפוצטע, אַן אינטערעסאַנטע... דאָס האָב איך ליעב (קושט נינאַ׳ן). אָבער מען דאַרף ניט צופיעל לויבען, א ניט וועלען מיר אַן עין־הרע געבען. וואו איז באָרים אלעקסעיעוויטש?

נ י נ א: ער כאַפּט פיש ביים וואַסער.

א ר ק א ד י נ א: ווי װערט עס איהם ניט נמאס! (וויל ווייטער לעזען).

נ י נ א: וואָס לעזט איהר דאָס?

א ר ק א ד י נ א: מאָפּאַסאַן׳ס „אויף׳ן וואַסער“, טייערע מיינע. (לייענט א פּאָאָר שורות פאר זיך). נו, ווייטער איז ניט אינ־טערעסאַנט און ניט אמת. (פערמאַכט דאָס בוך). עפּעס בין איך אונ־רוהיג. זאָגט, וואָס איז מיט מיין זוהן? פאַרוואָס איז ער אזוי לאַנגווייליג און אָנגעכמורעט? גאַנצע טעג איז ער ביי׳ן אָזערע, און איך זעה איהם כמעט גאָר ניט.

מ א ש א: איהם איז ניט גוט אויף׳ן האַרצען. (צו נינאַ, צי־טעריג): איך בעט אייך, לעזט עפּעס פון זיין פּיעסע!

נ י נ א (ציהט מיט די פּלייצעס): איהר ווילט? דאָס איז אזוי ניט אינטערעסאַנט!

מ אַ ש אַ (האלט איין איהרע ענטציקונגען): ווען ער אליין לעזט עפּעס פאָר, ברענען ביי איהם די אויגען און דער פּנים ווערט בלאַס. ער האָט א שעהנע, טרויעריגע שטימע; און מאַניערען — ווי א דיכטער.

מען הערט ווי סאָרין כראַפּעט.

ד אָ ר ן: א גוטע נאַכט!

א ר ק אַ ד י נ אַ: פּעטרושאַ!

ס אָ ר י ן: א?

א ר ק אַ ד י נ אַ: דו שלאָפסט?

ס אָ ר י ן: ניין.

פאוזע.

א ר ק אַ ד י נ אַ: דו קורירסט זיך ניט, און דאָס איז, ברו־דער, ניט גוט.

ס אָ ר י ן: איך וואָלט זיך געוואָלט קורירען, אָבער דער דאָקטאָר וויל ניט.

ד אָ ר ן: קורירען זיך צו זעכציג יאָהר!

ס אָ ר י ן: צו זעכציג יאָהר ווילט זיך אויך לעבען.

ד אָ ר ן (פערדראָסיג): ע! נו, טאָ נעמט וואלעריאן־טראָ־פענס.

א ר ק אַ ד י נ אַ: מיר דוכט, פאר איהם וואָלט גוט גע־ווען צו פאָהרען ערגעץ־וואו אין די בעדער.

ד אָ ר ן: פאר וואָס ניט? מען קען פאָהרען. מען קען ניט פאָהרען.

א ר ק א ד י נ א: געה פערשטעה!

ד אָ ר ן: ניטאָ וואָס צו פערשטעהן. אלץ איז קלאָר.

(פאוזע).

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אָ: פּיאָטר ניקאָאיעוויטש וואָלט בעדארפט אויפהערען צו רויכערן.

ס אָ ר י ן: נארישקייטען.

ד אָ ר ן: ניין, ניט קיין נארישקייט. וויין און טאבאק מאַ־כען א תל פון א מענשען׳ס פערזענליכקייט. נאָך א סיגאר אָדער א גלעזעל בראנפען זייט איהר שוין ניט פּיאָטר ניקאָלאיעוויטש, נאָר פּיאָטר ניקאָלאיעוויטש פּלוס נאָך עמיצער. אייער „איך" ווערט צושוואומען, און איהר בעציהט זיך שוין צו זיך אליין ווי צו א דריטער פערזאָן — אן „ער".

ס אָ ר י ן (לאכט): איך איז גוט צו רעדען. איהר האָט גע־וואוסט פון א גוט לעבען. איך אָבער? איך האָב אָבגעדיענט אין געריכטס־דעפּארטמענט 28 יאָהר, כ׳האָב אָבער נאָך ניט געלעבט,

קיין זאך ניט איבערגעלעבט, סוף כל סוף. איז וואס איז דער וואונדער, אז מיר ווילט זיך זעהר לעבען. איהר זייט זאט און גלייכגילטיג, דעריבער האט איהר א נייגונג צו פילאסאפיע. איך אבער וויל לעבען, טרינק איך צו מיטאג חערעס און רויכער סי־גארען, און נאך אזוינע זאכען. דאס איז אלעס.

ד אָ ר ן: מען דארף קוקען ערנסט אויפ'ן לעבען, און קור־רירען זיך צו זעכציג יאהר, בעדויערן, וואס מען האט אין די יונגע יאהרען וועניג פערגעניגענס געהאט, איז, איהר מוזט מיר ענטשול־דיגען, לייכטזיננינג.

מ א ש א (שטעהט אויף): שוין פריהשטיק־צייט, אודאי. (געהט מיט פוילע טריט). א פוס זיך אבגעזעסען... (געהט אוועק).

ד אָ ר ן: פאר'ן פריהשטיק וועט זי געהן און אריינגיסען א צוויי גלעזלאך.

ס אָ ר י ן: די אָרימינקע, נעבעך, האט קיין גליק ניט.

ד אָ ר ן: פוסטע מעשיות, אייער עקסעלענץ.

ס אָ ר י ן: איהר אורטיילט, ווי א זאטער מענש.

א ר ק א ד י נ א: אך, וואס קען זיין לאנגווייליגער פון אט דער ליעבער דארפישער לאנגווייליגקייט! הייס, שטיל, קיינער טהוט גארניט, אלע פילאסאפירען... גוט מיט אייך צו פערברייני־גען, מיינע פריינד, אנגענעהם אייך צו הערען, אבער... זיצען ביי זיך אין נומער און איינשטודירען די ראליע — איז ניט אן ערך בעסער!

נ י נ א (ענטציקט): ווי שעהן! איך פערשטעה אייך.

ס אָ ר י ן: אודאי איז אין שטאדט בעסער. זיצט זיך אין דיין קאבינעט, דער לאקעי לאזט קיינעם ניט אריין אהן א מעל־דונג, א טעלעפאן, אויפ'ן גאס דראזשקעס און נאך אזוינע זאכען...

ד אָ ר ן (זינגט צו): „דערצעהלט איהר, בלומען מיינע"...

ס'געהט אריין שאמראיעוו, נאך איהם פאלינא אנדרעיעוונא.

ש א מ ר א י ע ו ו: אט זענען אונזערע. גוט מארגען! (קושט ארקאדינא'ן די האנד, דערנאך נינא'ן). ס'פרעהט מיך זעהר צו זעהן אייך פאלשטענדיג געזונד (צו ארקאדינא). מיין פרוי זאגט,

אז איהר קלייבט זיך היינט צו פאָהרען מיט איהר צוזאמען אין שטאָדט. טאקע אמת?

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: יא, מיר קלייבען זיך.

ש אַ מ ר אַ י ע ו ו: הם... דאָס איז גרויסאַרטיג, ווי אָבער וועט איהר פאָהרען, הויכגעשעצטע? היינט פיהרט מען ביי אונז קאָרן, אלע ארבייטער זענען פערנומען. און וואו וועל איך אייך נעהמען פערד, ערלויבט אייך צו פרעגען?

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: וואו? פון וואנען זאָל איך וויסען — וואו?

ס אָ ר י ן: מיר האָבען דאָך פערד צום ארויספאָהרען.

ש אַ מ ר אַ י ע ו ו (אויפגערעגט): צום ארויספאָהרען? און וואו זאָל איך נעהמען כאָמוטעס? וואו זאָל איך נעהמען כאָמו־טעס? דאָס איז וואונדערבאר! דאָס איז אונבעגרייפליך! הויכ־געשעצטע! ענטשולדיגט מיר, איך האָב עהרפורכט פאר אייער טאַ־לאַנט, בין גרייט צעהן יאָהר לעבען אוועקגעבען פאר אייך, נאָר קיין פערד קען איך אייך ניט געבען!

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: און ווי, אז איך מ ו ז פאָהרען? א מאָדנע זאך!

ש אַ מ ר אַ י ע ו ו: הויכגעשעצטע! איהר פערשטעהט ניט וואָס אַ בעל־בית׳ישקייט איז!

אַ ר ק אַ ד י נ אַ (אין כעס): אן אלטע געשיכטע! אויב אזוי, פאָהר איך נאָך היינט אוועק קיין מאָסקווע. הייסט דינגען פאר מיר פערד אין דאָרף, אניט וועל איך אוועק צו פוס צו דער סטאנציע!

ש אַ מ ר אַ י ע ו ו (אין כעס): אויב אזוי, זאָג איך זיך אָב פון דער שטעל! זוכט זיך אן אנדער פערוואלטער! (געהט אוועק).

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: יעדען זומער אזוי, יעדען זומער בעליי־דיגט מען מיך דאָ. מיין פוס וועט דאָ מעהר ניט זיין! (געהט אוועק לינקס, אין א מינוט ארום זעהט מען, ווי זי געהט אין הויז אריין; הינטער איהר געהט טריגאָרין מיט ווענדקעס און אן עמער).

ס אָ ר י ן (אין כעס): דאָס איז א חוצפה! דאָס איז דער רוח ווייס וואָס! מיר האָט עס דערעסען סוף כל סוף. די רגע זאָל מען ברענגען אלע פערד אהער!

נ י נ א (צו פּאָלינאַ אנדרעיעוונאַ׳ן): אָבזאָגען אירינאַ ניקאָלאַיעוונאַ׳ן, דער בעריהמטער ארטיסטין! איז דען ניט יעדער פערלאנג איהרער, יעדער קאפּריז אפילו, ניט וויכטיגער פון אייער בעל־בית׳ישקייט? ס׳איז פּשוט אונגלויבליך!

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (פערצווייפעלט): וואָס קען איך טהאָן? בעדערכענט מיין לאגע, וואָס קען איך טהאָן?

ס אָ ר י ן (צו נינאַ׳ן): לאָמיר געהן צו דער שוועסטער... מיר אלע ווילען איהר זעהר, זעהר בעטען, זי זאָל ניט אוועקפאָהרען. ניט אזוי? (קוקט אין דער זייט, וואו שאַמראַיעוו איז אוועקגעגאנגען) אן אונערטרעגליכער מענש! א דעספּאָט!

נ י נ א (לאָזט איהם ניט אויפשטעהן): זיצט, זיצט, מיר ווילען אייך צופיהרען... (זי און מעדוויעדיענקאָ פיהרען דעם פאָטער־שטול) אָ, ווי שרעקליך דאָס איז!...

ס אָ ר י ן: יאָ, יאָ, ס׳איז שרעקליך... נאָר ער וועט ניט אוועקגעהן, איך וועל באלד איבעררעדען מיט איהם (געהט אוועק; ס׳בלייבען נאָר דאָרן און פּאָלינאַ אַנדרעיעוונאַ).

ד אָ ר ן: די מענשען זענען לאנגווייליג. אייגענטליך האָט מען געדארפט אייער מאן ארויסטרייבען פון דאנען, און ענדיגען וועט זיך עס דערמיט, וואָס די אלטע באָבע פּיאָטר ניקאָלאַיעוויטש און זיין שוועסטער ווילען נאָך בעטען ביי איהם ענטשולדיגונג. אָט וועט איהר זעהן!

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ער האָט די ארויס־פאָהר־פערד אויך אוועקגעשיקט אין פעלד. און יעדען טאָג קומען פאָר אזעלכע מיספערשטענדניסען. איהר זאָלט ווייסען, ווי דאס רעגט מיך אויף! איך ווער קראנק; איהר זעהט, איך ציטער... כ׳קען ניט איבערטראָגען זיין גראָבקייט (בעט זיך). יעווגעני, טייערער, איינאייציגער, נעהמט מיר צו זיך... אונזער לעבען געהט

אוועק, מיר זענען שוין ניט יונג, לאָמיר כאָטש צום סוף פון לע־בען ניט בעהאלטען זיך, ניט ליגען זאָגען... (פּאוזע).

ד אָ ר ן: איך בין 55 יאָהר אלט, שוין שפּעט צו בייטען דעם סדר פון מיין לעבען.

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך וויים, איהר זאָגט מיר אָב, ווייל אויסער מיר איז פאראן פרויען, וואָס זיינען אייך נאָהענט. נעהמען אלע צו זיך איז אונמעגליך. איך פערשטעה. פערצייהט, איך בין אייך נמאס געוואָרען.

נינא ווייזט זיך נעבען הויז; זי רייסט בלומען.

ד אָ ר ן: ניין, גאָרניט.

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך לייד פון איי־פערזוכט. אודאי, איהר זייט א דאָקטאָר, איהר קענט ניט אויסמיי־דען פרויען. איך פערשטעה...

ד אָ ר ן (צו נינאַ'ן, וועלכע איז צוגעגאַנגען): וואָס הערט זיך דאָרט?

נ י נ א: אירינא ניקאָלאַיעוונא וויינט און פּיאָטר ניקאָלאַ־יעוויטש האָט געקראַגען די אסטמא.

ד אָ ר ן (שטעהט אויף): מען דארף זיי ביידען געבען וואַ־לעריאן־טראָפּענס...

נ י נ א (דערלאַנגט איהם בלומען): ביטע!

ד אָ ר ן: דאנקע שעהן. (געהט צום הויז).

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (געהט מיט איהם): ס'ארא ליעבינקע בלומען! (נעבען הויז, מיט א געדעמפּטער שטימע) גיט מיר די בלומען! גיט מיר די בלומען! (בעקומענדיג די בלומען, צורייסט זי זיי און ווארפט זיי אָן א זייט; ביידע געהען אין הויז אריין).

נ י נ א (איינע אליין): ווי מאָדנע איז צו זעהן, ווי א בע־וואוסטע ארטיסטין וויינט און נאָך צוליעב אזא נארישקייט! און צי איז עס ניט מאָדנע, אז א בעריהמטער שרייבער, דער ליעבלינג פון פּובליקום, וואָס מען שרייבט וועגען איהם אין אלע צייטונגען, מען פערקויפט זיינע בילדער, מען זעצט איהם איבער אויף פרעמ־דע שפּראַכען, און ער — כאַפּט א גאנצען טאָג פיש און פרעהט

זיך, וואָס ער האָט געפאַנגען צוויי שטיק. איך האָב געמיינט, אַז גרויסע מענשען זענען שטאָלץ, ניטאָ קיין צוטריט צו זיי, אַז זיי פעראַכטען דעם המון, און מיט זייער רוהם און מיט'ן גלאַנץ פון זייער נאָמען זענען זיי זיך ווי נוקם אָן איהם, דעם המון, פאַר וואָס ער שטעלט העכער פון אַלץ יחוס און רייכטום. און זיי וויינען גאָר, כאַפּען פיש, שפּיעלען אין קאָרטען, לאַכען און זענען אין כעס, ווי אַלע...

ט ר ע פ ל י ע װ ו (געהט אריין אָהן א הוט, מיט א ביקס און א דערשאָסענעם וואסער־פויגעל): איהר זייט דאָ אַליין?

נ י נ אַ: אַליין.

טרעפּליעוו לעגט איהר צופוסענס דעם וואסער־פויגעל.

נ י נ אַ: וואָס בעטייט עס?

ט ר ע פ ל י ע װ ו: איך בין געווען ניעדערטרעכטיג און געטויט היינט אָט דעם פויגעל. איך לעג עס אייך צו אייערע פיס.

נ י נ אַ: וואָס איז מיט אייך? (הויבט אויף דעם וואסער־פויגעל און קוקט אויף איהם).

ט ר ע פ ל י ע װ ו (נאָך א פּאוזע): אין גיכען וועל איך אויף דעם זעלבען אופן זיך אַליין טויטען.

נ י נ אַ: איך דערקען אייך ניט.

ט ר ע פ ל י ע װ ו: יאָ, נאָכדעם, ווי איך האָב אייך אויפגעהערט צו דערקענען. איהר האָט זיך געביטען צו מיר, אייער בליק איז קאַלט. מיין אנוועזענהייט איז אייך צו לאַסט.

נ י נ אַ: די לעצטע צייט זענט איהר געוואָרען אויפגערעגט, רעדט אונפערשטענדליכע רייד, מיט סימוואָלען עפּעס. און אָט דער וואסער־פויגעל איז, אפנים, אויך א סימוואָל, פערצייהט מיר אָבער, איך פערשטעה ניט... (לעגט דעם פויגעל אויפ'ן באַנק). איך בין צו פּראָסט אייך צו פערשטעהן.

ט ר ע פ ל י ע װ ו: דאָס האָט זיך אָנגעהויבען דעם אָוונד, ווען מיין פּיעסע איז אזוי נאַריש דורכגעפאַלען. פרויען זענען ניט מוחל קיין דורכפאַל. איך האָב אַלץ פערברענט, ביז צום לעצטען בלעטעל. ווען איהר זאָלט וויסען, ווי אומגליקליך איך בין! וואָס

איהר זייט געוואָרען קאַלט צו מיר, איז שרעקליך, אונגלויבליך, גלייך ווי איך וואָלט זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן, אז די אַזערע איז פּלוצלינג אויסגעטריקענט געוואָרען אָדער די ערד האָט זי אין זיך איינגעזאַפּט. איהר האָט נאָר וואָס געזאָגט, אז איהר זייט צו־פראַסט צו פערשטעהן מיך. אָ, וואָס איז דאָ פאַראַן צו פערשטעהן?! די פּיעסע איז ניט געפעלען, איהר פעראַכטעט מיין בעגייסטערונג, איך בין פאַר אייך שוין א געוועהנליכער, נישטיגער מענש, וואָס אזעלכע זענען דאָ א סך... (טופּעט מיט'ן פוס). ווי גוט איך פערשטעה דאָס, ווי גוט איך פערשטעה! ביי מיר אין מאַרך עגבערט עפּעס, זאָל עס פערשאָלטען זיין צוזאַמען מיט מיין אייגענליעבע, וואָס זויגט מיין בלוט, זויגט, ווי א שלאַנג... (דערזעהט טריגאָ־רינ'ען, וועלכער געהט, לעזענדיג א ביכעל). אָט געהט אַן אמת'ער טאַלאַנט; טריט, ווי ביי האמלעט'ן, און מיט א ביכעל אויך. (קרימט איבער). „ווערטער, ווערטער, ווערטער...“ די זון איז נאָך ניט צוגעקומען צו אייך, און שוין שמייכעלט איהר, אייער בליק איז זיך צוגאַנגען אין זיינע שטראַלען. איך וויל אייך ניט שטערען (געהט ראַש אוועק).

ט ר י ג אָ ר י ן (פערשרייבט אין ביכעל): שמעקט טאַבאַק און טרינקט בראַנפען.... תמיד אין שוואַרצען. איהר האָט ליעב דער לעהרער...

נ י נ אַ: גוט מאָרגען, באָריס אַלעקסעיעוויטש!

ט ר י ג אָ ר י ן: גוט מאָרגען. עס האָט זיך פּלוצלינג גע־מאַכט אזוי, אז מיר פאָהרען, דוכט זיך, היינט אוועק. ווער ווייס, צי וועלען מיר זיך מיט אייך נאָך בעגעגענען. א שאָד. מיר קומט ניט אויס אָפט צו טרעפען יונגע מיידלעך, יונגע און אינטערעסאַנ־טע. איך האָב שוין פערגעסען, און קען זיך ניט קלאָהר פאָרשטע־לען, ווי פיהלט מען זיך צו 18—19 יאָהר, און דעריבער זענען גע־וועהנליך אין מיינע נאָוועלען און ערצעהלונגען די יונגע מיידלעך ניט נאַטירליך. איך וואָלט געוועהן א בעלן צו זיין אויף אייער אָרט כאָטש א שעה, כדי צו דערגעהן, ווי דענקט איהר און וואָס זייט איהר בכלל פאַר א מין מיידעלע.

נ י נ א: און איך וואָלט געוואָלט זיין אויף אייער אָרט.

ט ר י ג אָ ר י ן: צו וואָס?

נ י נ א: צו דערוויסען זיך, ווי פיהלט זיך א בעוואוסטער טאלאנטפולער שרייבער. ווי ווירקט אויף אייך די בעריהמטהייט? ווי עמפינדעט איהר דאָס, וואָס איהר זייט בעריהמט?

ט ר י ג אָ ר י ן: ווי? אפּנים, אז גאָרניט. כ'האָב ווע̄גען דעם קיינמאָל ניט געטראַכט (טראכט א ווילע). איינס פון די צוויי: אָדער איהר זייט מגזם מיין בעריהמטהייט, אָדער זי לאָזט זיך בכלל גאָרניט פיהלען.

נ י נ א: נו, און ווען איהר לעזט וועגען זיך אין די צייטונגען?

ט ר י ג אָ ר י ן: אז מען לויבט, איז אנגענעהם, און אז מען זידעלט, פיהלט מען דערנאָך צוויי טעג ניט אויפגעלעגט.

נ י נ א: א וואונדערבארע וועלט! איהר זאָלט וויסען, ווי איך בין אייך מקנא! יעדער האָט זיך זיין מזל. אייניגע שלעפּען קוים זייער לאנגווייליגען, אונבעמערקטען לעבען, אלע עהנליך איינער צום אנדערן, אלע — אומגליקליכע; אנדערע וויעדער, ווי איך, צום ביישפּיעל — איהר זייט איינער פון א מיליאָן, — פאלט אויס אין גורל א לעבען, וואָס איז אינטערעסאנט, ליכטיג, פול בעדייטונג... איהר זייט גליקליך...

ט ר י ג אָ ר י ן: איך? (ציהט מיט די אַקסלען) הם... אָט רעדט איהר וועגען בעריהמטהייט, וועגען גליק, וועגען א ליכטיגען, אינטערעסאנטען לעבען, און פאר מיר זענען די אלע גוטע ווערטער, פערציייהט מיר, אליץ איינס, ווי מארמעלאד, וואָס איך עס קיינמאָל ניט. איהר זייט זעהר יונג און זעהר גוט.

נ י נ א: אייער לעבען איז הערליך!

ט ר י ג אָ ר י ן: וואָס איז אין מיין לעבען פאראן בעזונדערס שעהנעס? (קוקט אויפ'ן זייגער). כ'דארף באלד אוועקגעהן שרייבען. פערצייהט מיר, איך האָב קיין צייט ניט. איהר האָט, ווי מען זאָגט, אָנגעטראָטען אויף מיין בעליעבטען היהנער־אויג, איז אָט הויב איך אָן ווערען אויפגערעגט און אביסעל בייזליך. איב־

ריגענס, לאָמיר זיך דורכריידען. לאָמיר רעדען וועגען מיין שעהן, ליכטיג לעבען... נו, פון וואנען הויבט מען אָן? ((טראכט אַ ווײלע).
פאראן פאַרשטעלונגען, וואָס רייסען זיך מיט גוואלד אריין אין אונזער לעבען. טאָג און נאכט טראכט א מענש, צום ביישפּיעל, אלץ וועגען דער לבנה, איך האָב מיר אויך אזא מין לבנה. טאָג און נאכט געוועלטיגט איבער מיר איין גערדאנק, ניט צו בעפרייען זיך פון איהם: איך מוז שרייבען, איך מוז שרייבען, איך מוז... כ'האָב נאָך ניט געענדיגט איין נאָוועלע, דארף איך שוין, כ'ווייס ניט פארוואָס, שרייבען א צווייטע, דערנאָך א דריטע, א פערטע... כ'שרייב אָהן אן אויפהער, ווי אויף פּאָסטשטאַווע פערד, אנדערש קען איך ניט. וואָס איז דעריין דאָ שעהנס און ליכטיגס, פרעג איך אייך? אָה, וואָס פאר א ווילד לעבען! אָט רעד איך איצט מיט אייך, קאָך זיך, און דאָך געדענק איך יעדע רגע, אז אויף מיר ווארט א ניט־פערענדיגטע ערצעהלונג. אָט זעה איך א וואָלקען, וואָס זעהט אויס ווי א פּיאנאָ. טראכט איך: מען דארף ערגעץ אין ערצעהלונג דערמאָנען, אז ס'איז געשוואומען א וואָלקען, וואָס זעהט אויס, ווי א פּיאנאָ. עס שמעקט מיט העליאָטראָפּ. אייל איך זיך אין זינען אריינצונעהמען צו דערמאָנען זיין עקעל־זיסען ריח, אָן אלמנה־בלום, בעשרייבענדיג א זומער־אָוועגד. איך כאַפּ אונ־טער יעדען וואָרט אַיערן און מיינעם, יעדע איינע פראזע און אייל זיך וואָס גיכער צו פערשליסען עס אין מיין ליטערארישען שפּייב־לער: אפשר וועט עס צוניץ קומען! ווען איך ענדיג די ארבייט, לויף איך אין טעאטער אָדער כאפּען פיש; איצט קען מען שוין דוכט זיך אָברוהען, פערגעסען זיך — דרעהט זיך שוין אין קאָפּ, ווי א שווערע אייזערנע ראָד, א נייער סוזשעט, און עס ציהט שוין צום טיש, און מען דארף זיך איילען ווידער שרייבען און שרייבען. און אזוי שטענדיג, שטענדיג. און כ'קען ניט ענטרינען פון זיך אליין, און איך פיהל, אז איך פערצעהר מיין אייגען לעבען, אז פאר דעם האָניג, וואָס איך גיב עמיצען ערגעץ וואו, — גנב'ע איך דעם שטויב פון מיינע בעסטע בלומען, רייס איך אויס די בלומען און צוטרעט די וואָרצלען. בין איך ניט א משוגע'נער!

בעציהען זיך צו מיר מיינע נאָהענטע און בעקאַנטע, ווי צו א געזונדען? „וואָס שרייבט איהר עפּעס? וואָס פאר א מתנה האָט איהר איצט פאר אונז". אלץ דאָס זעלבע, אלץ דאָס זעלבע, און מיר דוכט זיך, אז די אויפמערקזאמקייט פון מיינע בעקאַנטע, די לויבגעזאנגען, די ענטציקונג, — דאָס אלץ איז ליגען, דאָס נארט מען מיך, ווי א קראנקען, און טהייל מאָל האָב איך מורא, אז אָט־אָט וועט מען זיך אונטער'גנב'ענען צו מיר פון הינטען, כאַפּען מיך און אָוועקשלעפּען, ווי פּאָפּריטשין'ען אין משוגעים־הויז אריין. און אין יענע יאָהרען, אין די יונגע יאָהרען, די בעסטע פון מיין לעבען, ווען איך האָב ערשט אָנגעהויבען, איז מיין שרייבען געווען פאר מיר איין קייט פון פּיין. א קליינער שרייבער, בעזונדער ווען ס'געהט איהם ניט, דוכט זיך, אז ער איז אומגעלומפּערט, ניט געשיקט, די נערוועז זענען אָנגעשטרענגט, איבערגעמאַטערט; ער בלאָנקעט זיך ארום אָהן אן אויפהער צווישען מענשען, וואָס האָבען א שיכות צו ליטעראַטור און קונסט, א ניט אנערקענטער, א פון־קיינעם־ניט־בעמערקטער, און ער שרעקט זיך צו קוקען מענשען גלייך אין די אויגען, ווי א ליידענשאַפטליכער שפּיעלער, וואָס האָט קיין געלד ניט. איך האָב ניט געזעהן מיין לעזער, נאָר אין מיין פאַנטאַזיע, איך וויים ניט פאר וואָס, שטעלט ער זיך מיר פאָר ווי אַן אונפריינדליכער, ווי איינער וואָס האָט ניט קיין צוטרוי צו מיר. איך פלעג מורא האָבען פאר'ן עולם, ער האָט מיך געשראָקען, און ווען מיר פלעגט אויסקומען אויפצופיהרען מיינע א נייע פּיעסע, האָט זיך מיך אלע מאָל געדוכט, אז די ברונעטען זענען פיינדליך געשטימט, און די בלאָנדינען — קאַלט און גלייכגילטיג. אָ, ווי דאָס איז שרעקליך! וואָס פאר א פּיין דאָס איז געווען!

נ י נ א: זייט אזוי גוט, צי דען גיט איך ניט די דיכטערישע בעגייסטערונג און דער פּראָצעס גופא פון שאַפען קיין ערהאבענע, גליקליכע מינוטען?

ט ר י ג אָ ר י ן: יא. ווען איך שרייב, איז אנגענעהם. און די קאָרעקטור לעזען איז אנגענעהם, נאָר... ווי ס'איז ארויס פון דרוק, קען איך עס שוין ניט פערטראָגען, און איך זעה שוין, אז

ס'איז ניט דאָס, אז ס'איז א טעות, אז מען האָט עס אינגאנצען ניט געדארפט שרייבען. און מיר פערדריסט, און אויף'ן הארצען איז פאסקודנע... (לאַכט). און דער עולם לעזט: „יא, ליעב, טאַ־לאנטפול... א ליבע זאך, נאָר ווי קומט עס צו טאָלסטאָי'ען", אָדער: א פיינע זאך, אָבער טורגעניעוו'ס „עלטערן און קינדער" זענען בעסער". און אזוי ביז'ן קבר, וועט עס אלץ זיין נאָר ליעב און טאלאנטפול, ליעב און טאלאנטפול — מעהר גאָרניט. און אז איך וועל שטארבען, וועלען בעקאנטע, פערבייגעהענדיג מיין קבר, זאָ־גען: דאָ ליעגט טריגאָרין, א גוטער שרייבער געווען, אָבער ער האָט געשריעבען ערגער פאר טורגעניעוו'ן".

נ י נ א: פערציייהט, איך קען אייך ניט פערשטעהן, אייך האָט דער ערפאָלג פשוט צו פעסטשעט.

ט ר י ג אָ ר י ן: וואָס פאר אן ערפאָלג? איך בין זיך אליין קיינמאָל ניט געפעלען געווען. כ'האָב זיך ניט ליעב, ווי א שרייבער. ערגער ווי אלץ איז, וואָס איך בין עפּעס ווי אין א טשאד, און אָפטמאָל פערשטעה איך ניט, וואָס איך שרייב... איך האָב ליעב אָט דאָס וואסער, די בוימער, דעם הימעל, איך פערשטעה די נאַ־טור, זי דערוועקט אין מיר א ליידענשאפט, א בעגעהר צו שרייבען, וועלכען איך קען ניט בייקומען. אָבער איך בין דאָך ניט נאָר א פעיזשאזשיסט, איך בין דאָך אויך א בירגער, איך האָב ליעב מיין פאָטערלאנד, דאָס פאָלק; איך פיהל, אז אויב איך בין א שרייבער, איז מיין פליכט צו רעדען וועגען פאָלק, וועגען זיינע ליידען, וועגען זיין צוקונפט, רעדען וועגען דער וויסענשאפט, וועגען די רעכט פונ'ם מענשען און אז. וו. און אז. וו., און איך רעד וועגען אלצדינג, אייל זיך, מען טרייבט מיך אונטער פון אלע זייטען, מען איז אין כעס, און איך וואָרף זיך אין אלע זייטען, ווי א פוקס, געהעצט פון הינד. איך זעה אז דאָס לעבען און די וויסענשאפט געהען אלץ פאָרווערטס און פאָרווערטס, און איך שטעה אָב, שטעה אָב, ווי א פויער, וואָס האָט זיך פערשפּעטיגט צום באהן, און, סוף כל סוף פיהל איך, אז איך קען מאָלען נאָר א פעיזשאזש, און אל דאָס איבע־ריגע, וואָס איך שרייב איז פאלש, פאלש ביז גאָר.

נ י נ א: איהר האָט זיך איבערגעאַרבייט און איהר האָט ניט קיין צייט און קיין חשק צו דערקענען אייער בעדייטונג. איהר מעגט זיך זיין אונצופריעדען פון זיך, פאר אנדערע אָבער זענט איהר גרויס און שעהן! ווען איך זאָל זיין אזא שרייבער ווי איהר, וואָלט איך מיין גאנצען לעבען אָבגעגעבען דעם המון, מיט דעם בעוואוסטזיין אָבער, אז זיין איינציגער גליק איז צו דערהויבען זיך צו מיר, און ער וואָלט מיך אויפ'ן טריאומף־וואָגען געפיהרט.

ט ר י ג אָ ר י ן: נו, אויפ'ן טריאומפף־וואָגען... אגאמעמ־נאָן בין איך, וואָס? (ביידע שמייכלען).

נ י נ א: צוליעב אזא גליק ווי זיין א שרייבערין אָדער אן ארטיסטין וואָלט איך איבערטראָגען דעם כעס פון די אייגענע, נויט, ענטטוישונג; איך וואָלט געלעבט אין א דאך־שטיבעל און געגעסען נאָר קאָרן־ברויט; איך וואָלט געליטען פון אונצופריעדענהייט מיט זיך אליין, פון'ם בעוואוסטזיין פון די אייגענע חסרונות, נאָר דער־פאר וואָלט איך געפאָדערט רוהם... אמת'ען, רוישיגען רוהם... (פערדעקט דעם פנים מיט די הענד) דער קאָפּ דרעהט זיך מיר... אוף!...

א ר ק אַ ד י נ א'ס שטימע (פון הויז): באָרים אלעקסע־יעוויטש!

ט ר י ג אָ ר י ן: מען רופט מיך... פאקען זיך, ווייזט אויס. און אוועקפאָהרען ווילט זיך ניט. (קוקט זיך אום צום אָזערע) זעהט נאָר, ס'ארא ברכה!.. ווי גוט...

נ י נ א: איהר זעהט אויף יענער זייט דאָס הויז און דעם גאָרטען ביים ברעג?

ט ר י ג אָ ר י ן: יאָ.

נ י נ א: דאָס איז מיין פערשטאָרבענער מוטער'ס פּאָל־ווארק. דאָרט בין איך געבוירען געוואָרען. איך האָב מיין גאנצען לעבען פערבראכט ביי דער אָזערע און ווייס דאָ יעדען אינזעל.

ט ר י ג אָ ר י ן: ס'איז גוט ביי אייך דאָ! (דערזעהט דעם וואסער־פויגעל) און וואָס איז דאָס אזוינס?

נ י נ א: א וואסער־פויגעל. קאָנסטאַנטין גאַווריליטש האָט עם דערשאָסען.

ט ר י ג אָ ר י ן: א שעהנער פויגעל. ס'ווילט זיך ניט אוועקפאָהרען, כ'לעבען. רעדט נאָר איין אירינא ניקאָלאַיעוונא, זי זאָל בלייבען (פערשרייבט אין ביכעל).

נ י נ א: וואָס שרייבט איהר עם?

ט ר י ג אָ ר י ן: אזוי זיך, א סוזשעט איז מיר איינגעפא־לען... (בעהאלט דאָס ביכעל). א סוזשעט פאַר א קליינער ערצעה־לונג: אויפ'ן ברעג אָזערע לעבט פון קינדוויז אָן א יונג מיידעל, אזא ווי איהר; האָט ליעב די אָזערע, ווי א וואסער־פויגעל, איז גליקליך און פריי, ווי א וואסער־פויגעל. נאָר צופעליג איז געקומען א מענש, האָט זי דערזעהן און, ניט האָבענדיג וואָס צו טהאָן, גע־מאכט א תל פון איהר לעבען, ווי פון אָט דעם פויגעל.

(פאוזע).

אין פענסטער בעוויזט זיך אַרקאַדינאַ.

א ר ק א ד י נ א: באָרים אלעקסעיעוויטש, וואו זייט איהר?

ט ר י ג אָ ר י ן: באלד! (געהט און קוקט זיך אום אויף ני־נאַ'ן; ביים פענסטער, צו ארקאדינאַ'ן) וואָס?

א ר ק א ד י נ א: מיר בלייבען.

טריגאָרין געהט אין הויז אריין.

נ י נ א (געהט צו צום ברעג פון דער ביהנע, טראַכט א ווייל־ע):

א חלום!

פ אָ ר ה אַ נ ג.

דריטער אקט.

אַן עס־צימער ביי סאַרין'ען אין הויז. רעכטס און לינקס טירען, אַ בופעט. אַ שראַנק מיט רפואות. אין מיטען צימער — אַ טיש. א רויזע־טאַש און פּאַפּיער־קעסטלאַך. קענטיג, אַז מען גרייט זיך אַבצופּאַחרען. טריגאָרין פריהשטיקט, מאַשאַ שטעהט ביי'ן טיש.

מ א ש א: דאָס אַלץ דערצעהל איך אייך, ווי מען דערצעהלט א שרייבער. איהר קענט זיך בענוצען דערמיט. איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת: ווען ער זאָל זיך האָבען ערנסט פערוואונדעט, וואָלט איך ניט געלעבט מעהר קיין איין מינוט. און דאָך בין איך א מוטיגע. אָט האָב איך גענומען און בעשלאָסען: כ'וועל ארויסרייסען די ליעבע פון מיין הארצען, מיט'ן וואָרצעל ארויסרייסען.

ט ר י ג אָ ר י ן: ווי אזוי?

מ א ש א: כ'האָב חתונה. מיט מעדוויעדיענקאָ.

ט ר י ג אָ ר י ן: דאָס איז דער לעהרער?

מ א ש א: יאָ.

ט ר י ג אָ ר י ן: כ'פערשטעה ניט, וואָס איז דאָס נויטיג?

מ א ש א: ליעב האָבען אָהן א האָפנונג, גאנצע יאָהרען וואַרטען אויף עפּעס... ניין, וועל איך חתונה האָבען, וועט מיר שוין ניט ליעגען אין קאָפּ קיין ליעבע! נייע זאָרגען וועלען פערטרייבען די אַלע אַלטע. און דאָך, פערשטעהט איהר מיך, איז עס אַן ענדערונג. זאָלען מיר אפשר נעהמען צו ביסלעך נאָך אמאָל?

ט ר י ג אָ ר י ן: ס'וועט ניט צופיעל זיין?

מ א ש א: נו, וואָס! (גיסט אַן צו גלעזלעך). קוקט ניט אויף מיר אזוי. פרויען טרינקען עפטער, ווי איהר מיינט. א קליינער טייל טרינקט אָפען, ווי איך, און דער גרעסטער טייל — בעהאַלטען. יאָ. און דורכאויס בראַנפען אָדער קאָניאַק. (טרינקט לחיים) כ'ווינש

איך! איהר זייט א מענש אן איינפאכער, א שאָד מיט איך צו שיידען זיך (טרינקען).

ט ר י ג אָ ר י ן: מיר אליין ווילט זיך ניט אוועקפאָהרען.

מ א ש א: טהוט איהר א בעט, זי זאָל בלייבען.

ט ר י ג אָ ר י ן: ניין, איצט וועט זי שוין ניט בלייבען. דער זוהן פיהרט זיך אויף זעהר אונטאקטיש. דאָ שיסט ער זיך און איצט, זאָגט מען, קלייבט ער זיך מיך ארויסצורופען אויף א דועל. און צוליעב וואָס? ער בלאָזט זיך, איז אין כעס, פּרעדיגט נייע פאָרמען... אָבער ס'וועט דאָך קלעקען אָרט פאר אלעמען, אי פאר די אלטע, אי פאר די יונגע, — צו וואָס שטופּען זיך?

מ א ש א: נו, אויך אייפערזוכט! איבריגענס, איז עס ניט מיין זאך.

פּאוזע. יאַקאָוו געהט פון דער רעכטער זייט אין דער לינקער מיט א רייזע־טאַש; ס'געהט אריין נינאַ און בלייבט שטעהן ביי'ן פענסטער.

מ א ש א: מיין לעהרער איז ניט קיין איבערגעשפּיצטער, נאָר א גוטער מענש און אן אָרימאן, און ער האָט מיך שטארק ליעב. א רחמנות אויף איהם. און אויף זיין אלטיטשקע מוטער איז א רחמנות. נו, ערלויבט מיר צו ווינשען איך אל־דאָס־גוטס. דער־מאָנט מיך ניט צום שלעכטען. (דריקט שטאַרק זיין האנד). איך בין איך זעהר דאנקבאר פאר אייער פריינדליכקייט. און שיקט מיר אייערע ביכלאך אונבעדינגט מיט אן אויטאָגראף. נאָר זעהט, שרייבט ניט „צו דער הויכגעשעצטער“, שרייבט איינפאך „מאריע'ן, וועלכע געדענקט ניט טאטען־מאמען און ווייס ניט, צו וואָס זי לעבט אויף דער וועלט“. זייט געזונד! (געהט אוועק).

נ י נ א (שטרעקט אויס צו טריגאָרין'ען די האנד, צונויפגע־דריקט אין א פויסט): גראָד צי אום?

ט ר י ג אָ ר י ן: גראָד.

נ י נ א (זיפצט אָב): ניין. איך האָב אין האנד נאָר איין ארבעסל. איך האָב גורל געוואָרפען: ווערען אן אקטריסע, צי ניט ווערען? זאָל כאָטש ווער אן עצה געבען.

טריגאָרין: דאָ קען מען קיין עצות ניט געבען (פּאוזע).

נינא: מיר שיידען זיך און... כ'רעכען, מיר וועלען זיך שוין מעהר ניט זעהן. כ'בעט אייך, נעהמט ביי מיר פאר אן אנדענקען אָט דעם קליינעם מעדאליאָן. איך האָב געהייסען אויסקריצען אייערע איניציאַלען... און פון דער זייט — דעם נאָמען פון אייער ביכעל: „טעג און נעכט".

טריגאָרין: ווי גראציעז דאָס איז! (קושט דעם מעדאַליאָן) אַ שעהנע מתנה!

נינא: דערמאָנט זיך אָן מיר אמאָל.

טריגאָרין: איך וועל זיך דערמאָנען. איך וועל אייך דערמאָנען ווי איהר האָט אויסגעזעהן אין יענעם העלען טאָג — איהר געדענקט? מיט א וואָך צוריק, ווען איהר זייט געווען אינ'ם העלען קלייד... מיר האָבען גערעדט... און אויפ'ן באנק איז געלעגען דער ווייסער וואסער־פויגעל.

נינא (פערטראכט): יא, דער וואסער־פויגעל... (פּאוזע). מעהר קענען מיר ניט רעדען. מען געהט אהער... פאר'ן אוועקפאָהרען שענקט מיר צוויי מינוט, איך בעט אייך זעהר... (געהט אוועק לינקס, אין דער זעלבער צייט געהען אריין פון דער רעכטער זייט אַרקאַדינאַ, סאָרין אין א פראַק מיט אַן אָרדען, דערנאָך יאַקאָוו, פערנומען מיט'ן איינפּאַקען).

ארקאדינא: בלייב אין דער היים, אלטיטשקער. איז עס פאר דיר, מיט דיין רעוומאטיזם, אן ארבייט וויזיטען צו מאכען? (צו טריגאָרין'ען): ווער איז ערשט ארויסגעגאנגען? נינא?

טריגאָרין: יא.

ארקאדינא: פּארדאָן, מיר האָבען געשטערט... (זעצט זיך). דוכט זיך, אלץ איינגעפּאקט, פערמאטערט זיך.

טריגאָרין (לעזט אויפ'ן מעדאליאָן): „טעג און נעכט", זייט 121, שורות 11 און 12.

יאַקאָוו (רוימט פון טיש): די ווענטקעס זאָל איך אויך איינפּאקען?

ט ר י ג אָ ר י ן: יא, זיי ווע‏לען מיר נאָך צו ניטץ קומען. און די ביכער גיב אָב עמיצ'ען.

י א ק אָ ו ו: גוט, מיין הערר.

ט ר י ג אָ ר י ן (פאר זיך): זייט 121, שורות 11 און 12. וואָס־זשע איז אין די שורות? (צו ארקאַדינאַ'ן). פאראן דאָ אין הויז מיינע ביכער?

א ר ק א ד י נ א: ביים ברודער אין קאבינעט, אין ווינקעל־שראנק.

ט ר י ג אָ ר י ן: זייט 121... (געהט אוועק).

א ר ק א ד י נ א: נו טאקע, פעטרושא, בלייב בעסער אין דער היים...

ס אָ ר י ן: איהר פאָהרט אוועק. אָהן אייך וועט מיר זיין שווער דאָ אין הויז.

א ר ק א ד י נ א: און וואָס איז אין שטאָדט?

ס אָ ר י ן: קיין בעזונדערע זאך ניט, אָבער דאָך. (לאַכט). מען וועט לעגען דעם פונדאמענט פון דער זעמסטווע־הויז, און נאָך אזוינע זאכען... ס'ווילט זיך כאָטש אויף א שעה צוויי זיך ארויס־רייסען פון דעם נאריש־פוילען לעבען; כ'בין שוין גאָר פערשי־מעלט געוואָרען. כ'האָב געהייסען די פערד זאָלען זיין גרייט איינס א זייגער, וועלען מיר טאקע אין איין צייט ארויספאָהרען.

א ר ק א ד י נ א (נאָך אַ פּאוזע): נו, לעב דאָ, לאנגווייליג זיך ניט, פערקיהל זיך ניט. גיב אכטונג אויף מיין זוהן. היט איהם אָב. זיי איהם א וועג־ווייזער. (פּאוזע). אָט וועל איך אוועקפאָה־רען און אלץ ניט וויסען, וואָס האָט זיך עפּעס קאָנסטאנטין גע־וואָלט שיסען. מיר דוכט אז די הויפּטזאך איז געוועזען אייפערזוכט, און וואָס גיכער כ'וועל צונעהמען פון דאנען טריגאָרין'ען, איז אלץ בעסער.

ס אָ ר י ן: ווי זאָל איך דיר זאָגען? עס זענען געוועזען אנ־דערע אורזאכען אויך. ס'איז גאָר נאַטירליך: א מענש א יונגער, א קלוגער, לעבט אין דאָרף, אין א העק, אָהן געלד, אָהן א געזעל־שאפטליכע שטעלונג, אָהן א צוקונפט. האָט ניט קיין בעשעפטי־

גונג. שעהמט זיך און האָט מורא פאַר זיין לעדיג געהן. איך האָב איהם זעהר ליעב, און ער איז צו מיר צוגעבונדען, אָבער דאָך דוכט זיך איהם סוף כל סוף, אז ער איז דאָ א פרעמדער, אז ער עסט דאָ בעטעל־ברויט. ס'איז גאָר נאַטירליך, אייגענליעבע...

א ר ק א ד י נ א: צרות האָב איך פון איהם! (פערטראַכט). אפשר זאָל ער אָננעהמען א שטעלע, צי וואָס...

ס אָ ר י ן (פייפט צו, דערנאָך זאָגט ער אונענטשלאָסען): מיר דוכט, דאָס בעסטע וואָלט געווען, דו זאָלסט... איהם געבען א ביסעל געלד. פריהער פון אלץ דאַרף ער זיין אָנגעטהאָן ווי א מענש און נאָך אזוינע זאכען. זעה נאָר, אין דעם זעלבען אלטען רעקעל שלעפּט ער זיך ארום שוין דריי יאָהר, געהט ארום אָהן א פּאַלטאָ... (לאַכט). און ס'וואָלט גאָרניט געשאַדט, דער בחור זאָל א ביסעל א הוליע טהאָן... אפשר קיין אויסלאַנד פאָהרען... דאָס קאָסט דאָך ניט טייער.

א ר ק א ד י נ א: דאָך.. נו, א קאָסטיום קען איך איהם נאָך מאַכען, אָבער קיין אויסלאַנד פּאָהרען... ניין, איצט קען איך קיין קאָסטיום אויך ניט מאַכען. (ענטשלאָסען). כ'האָב ניט קיין געלד!

סאָרין לאַכט.

א ר ק א ד י נ א: כ'האָב ניט!

ס אָ ר י ן (פייפט צו): יאָ, יאָ. פערצייה, טייערע מיינע, זיי ניט אין כעס. איך גלויב דיר... דו ביזט א גרויסמוטיגע, איי־דעלע פרוי.

א ר ק א ד י נ א (אין טרערען): כ'האָב ניט קיין געלד!

ס אָ ר י ן: ווען איך האָב געלד, וואָלט איך איהם, פער־שטעהט זיך, אליין געגעבען, נאָר איך האָב גאָרניט, קיין גראשען ניט. (לאַכט). מיין גאַנצע פּענסיע נעהמט ביי מיר צו דער פערוואַל־טער און גיט אויס אויף ערד־ארבייט, פיה־ און ביהנען־צוכט, און מיין געלד געהט אין ניוועץ. די ביהנען פגר'ן, די קיה פגר'ן, קיין פערד גיט מען מיר קיינמאָל ניט...

א ר ק א ד י נ א: יאָ, איך האָב געלד, אָבער איך בין דאָך אן ארטיסטין; די טואַלעטען אליין האָבען מיך ברלות געשטעלט.

ס אָ ר י ן: דו ביזט א גוטע, א ליעבע... איך אכט דיך... יא... אָבער איך בין ווידער עפּעס ניט מיט אלעמען... (וואַקעלט זיך). דער קאָפּ דרעהט זיך. (האַלט זיך אָן פאר'ן טיש). מיר איז ניט גוט און גאָר.

א ר ק א ד י נ א (דערשראָקען): פּעטרושא! (סטאַרעט זיך איהם אונטערהאַלטען) פּעטרושא, מיין טייערער... (שרייט). העלפט מיר! העלפט!..

עס געהט אריין טרעפּליעוו מיט אן ארומגעבונדענעם קאָפּ. מע־דוויעדיענקאָ.

א ר ק א ד י נ א: איהם איז ניט גוט!

ס אָ ר י ן: ס'איז גאָרניט, ס'איז גאָרניט... (שמייכעלט און טרינקט וואַסער). ס'איז שוין אריבער... און גאָר...

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (צו דער מוטער): שרעק זיך ניט, מאמא, דאָס איז ניט געפעהרליך. מיט'ן אָנקעל טרעפט עס איצט אָפט. (צום אָנקעל): דו דארפסט זיך לעגען, אָנקעל.

ס אָ ר י ן: א ביסעל, יא. און דאָך וועל איך פאָהרען אין שטאָדט... כ'וועל ליעגען א ביסעל און דערנאָך וועל איך פאָהרען... ס'פערשטעהט זיך... (געהט אָנגעלעהנט אויף'ן שטעקעל).

מ ע ד וו י ע ד י ע נ ק א (פיהרט איהם אונטער'ן האַנד): פאַרהאַן א רעטעניש: אין־דער־פריה אויף פיער, אום האַלבען טאָג — אויף צוויי, אָבענד־צייט אויף דריי...

ס אָ ר י ן (לאכט): טאקע. און ביי נאכט אויף'ן רוקען. א דאנק אייך, איך קען אליין געהן...

מ ע ד וו י ע ד י ע נ ק א: נו וואָס, צערעמאָניעס!.. (ער און סאָרין געהען אַוועק).

א ר ק א ד י נ א: ווי ער האָט מיך איבערגעשראָקען!

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: פאר איהם איז ניט געזונד צו לעבען אין דאָרף. ער בענקט אלץ. ווען דו, מאמא, זאָלסט עפּענען דאָס בייטעל און לייהען איהם אן אנדערטהאלבען־צוויי טויזענד, וואָלט ער געקענט דורכלעבען אין שטאָדט א גאנצען יאהר.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ : איך האָב ניט קיין געלד. איך בין אַן אַק־טריסע און ניט קיין באַנקירשע.

פּאוזע.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו : מאמא, בינד מיר איבער די וואונד, דו מאכסט עס גוט.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ (נעהמט ארויס פון אַפּטייק־שראַנק יאָדאָפאָרם און באַנדאַזש־מאַטעריאַלען) : און דער דאָקטאָר האָט זיך פערשפּע־טיגט.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו : ער האָט צוגעזאָגט קומען אַ זייגער צעהן, און איצט איז שוין האַלבער טאָג.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ : זעץ זיך. (נעהמט איהם אַראָב פון קאָפּ דעם באַנדאַזש). ס׳זעהט אויס ווי אַ טערקישע טשאַלמאַ. נעכטען האָט איינער אַן אנגעפאָהרענער געפרעגט אין קיך, צו וואָס פאַר אַ נאציאָן דו געהערסט. און די וואונד ביי דיר האָט זיך שוין כמעט פערהיילט. געבליבען איז אַ קלייניגקייט. (קושט איהם אין קאָפּ). און דו ועסט, ווען איך וועל אוועקפאָהרען, ניט מאכען נאָכאמאָל „טשיק־טשיק“ ?

ט ר ע פּ ל י ע ו ו : ניין, מאמא. דאָס איז געווען אַ מינוט פון וואהנזיניגער פערצווייפלונג, ווען כ׳האָב זיך ניט געקענט האַל־טען אין די הענד. מעהר וועט עס שוין ניט טרעפען. (קושט איהר האַנד). דו האָסט גאָלדענע הענד. איך געדענק, שוין זעהר לאַנג, ווען דו האָסט נאָך געדיענט אין רעגיערונגס־טעאטער, — איך בין דאַמאָלסט נאָך אַ קליינער געווען — איז ביי אונז אין הויף געווען אַ געשלעג, מען האָט שטארק צושלאָגען די שכנה, די וועשין. דו געדענקסט ? מען האָט איהר אויפגעהויבען אַ גע׳חלש׳טע... דו פלעגסט אַלץ געהן צו איהר, טראָגען רפואות, וואשען אין קאריטע איהרע קינדער. ניט שוין זשע געדענקסטו ניט ?

אַ ר ק אַ ד י נ אַ : ניין. (בינדט איהם אויף׳ס ניי ארום).

ט ר ע פּ ל י ע ו ו : צוויי טענצערקעס האָבען דאַמאָלסט געוואוינט אין דעם זעלבען הויז וואָס מיר... פלעגען געהן צו דיר קאווע טרינקען...

א ר ק א ד י נ א: דאָס געדענק איך.

ט ר ע פ ל י ע װ: זײ זענען געװען אזעלכע פרומע. (פאר־זע). די לעצטע צײט, אַט די טעג, האָב איך דיך ליעב, אזױ צערט־ליך און איבערגעבען װי אין דער קינדהײט. אױסער דיר איז בײ מיר איצט קײנער ניט געבליבען. נאָר צו װאָס, צו װאָס גיסט דו זיך אונטער דער װירקונג פון דעם מענשען?

א ר ק א ד י נ א: דו פערשטעהסט איהם ניט, קאָנסטאַנטין. ער איז די אײדעלסטע פערזענליכקײט...

ט ר ע פ ל י ע װ: דאָך װען מען האָט איהם צו װיסען גע־געבען, אז איך קלײב זיך ארױסרופען איהם אױף א דועל, האָט איהם די אײדעלקײט ניט געשטערט אױפצופיהרען זיך װי א פײג־לינג. ער פאָהרט אװעק. ס'ארא שענדליכער אנטלױפען!

א ר ק א ד י נ א: נארישקײטען! איך בעט איהם אלײן, ער זאָל אװעקפאָהרען פון דאנען.

ט ר ע פ ל י ע װ: די אײדעלסטע פערזענליכקײט! אָט קריגען מיר זיך בײדע שיער ניט צוליעב איהם, און ער איז ערגעץ אין גאסט־צימער אָדער אין גאָרטען, און לאכט פון אונז... ער ענטװיקעלט נינא'ן, סטאַרעט זיך איהר איבערצײגען, אז ער איז א זשעניע.

א ר ק א ד י נ א: בײ דיר איז עס א פערגניגען װען דו זאָגסט מיר אונאנגענעהמע װערטער. איך אכט דעם מענשען, און בעט דיך ניט צו רעדען װעגען איהם קײן שלעכטס אין מײן אנװע־זענהײט.

ט ר ע פ ל י ע װ: און איך אכט איהם ניט. דו װילסט איך זאָל איהם אױך האלטען פאר א זשעניע, נאָר פערצײה מיר, ליגען זאָגען קען איך ניט, פון זײנע װערק עקעלט מיר.

א ר ק א ד י נ א: דאָס איז קנאה. מענשען אָהן טאלאנט און מיט פרעטענזיעס בלײבט ניט מעהר, װי מאכען צו נישט די עכטע טאלאנטען. א פײנע טרײסט, כ'לעבען!

ט ר ע פ ל י ע װ (איראָניש): די עכטע טאלאנטען! (צאָר־ניג). איך בין טאלאנטפולער פון אײך אלעמען, אױב עס האלט

שוין דערביי! (רייסט אראָב דעם באַנדאַזש פון קאָפּ). איהר, רוטינע־רען, האָט פערכאַפּט דעם אויבען־אָן אין דער קונסט און איהר רע־כענט פאר געזעצליך און עכט נאָר דאָס, וואָס איהר אליין טהוט, דאָס איבעריגע דריקט איהר און שטיקט! איך אנערקען אייך ניט! איך אנערקען ניט דיך, ניט איהם!

אַרקאַדינאַ: דעקאַדענט!

טרעפּליעוו: געה דיר אין דיין ליעבען טעאטער און שפּיעל דאָרט אין די עלענדע פּיעסען, וואָס האָבען ניט קיין פּונק טאַלאַנט!

אַרקאַדינאַ: קיינמאָל האָב איך ניט געשפּיעלט אין אזעלכע פּיעסען. לאָז מיך אָב! דו קענסט אפילו ניט אָנשרייבען אן עלענדען וואָדעוויל. קיעווער מיעשטשאנין! דו לעבסט דאָך אויף בעטעל־ברויט!

טרעפּליעוו: דו קאַרגע!

אַרקאַדינאַ: דו אָבגעריסענער!

טרעפּליעוו זעצט זיך און וויינט שטיל.

אַרקאַדינאַ: דו גאָרנישט איינער! (געהט ארום אַן אויפגערעגטע). וויין ניט. מען דאַרף ניט וויינען... (וויינט). מען דאַרף ניט... (קושט איהם אין שטערן, אין געזיכט, אין קאָפּ). ליעב קינד מיינס, זיי מיר מוחל... זיי מוחל דיין זינדיגער מוטער. זיי מוחל מיר אומגליקליכער.

טרעפּליעוו (נעהמט איהר אַרום): ווען דו זאָלסט ווי־סען! איך האָב אלץ פערלוירען. זי האָט מיך ניט ליעב, איך קען שוין מעהר ניט שרייבען... פערפאַלען אלע האָפנונגען...

אַרקאַדינאַ: זיי ניט פערצווייפעלט... אלץ וועט זיך דורכדרעהען. ער וועט אוועק פאָהרען, זי וועט דיך ווידער ליעב קריעגען. (ווישט איהם אָב די טרערען). גענוג שוין. מיר זענען שוין שלום.

טרעפּליעוו (קושט איהר די האַנד): יא, מאַמאַ.

אַרקאַדינאַ: ווער מיט איהם אויך שלום. מען דאַרף ניט קיין דועל... יא, מען דאַרף ניט?

טרעפּליעוו: גוט... נאָר ערלויב מיר, מאמא, זיך ניט בעגעגנען מיט איהם. פאַר מיר איז דאָס שווער.. איבער די כחות... (ס'געהט אריין טריגאָרין). אָט... איך וועל ארויסגעהן... (שטעלט אריין געשווינד די רפואות אין שראַנק). די וואונד וועט מיר שוין דער דאָקטאָר ארומבינדען...

טריגאָרין (זוכט אין ביכעל): זייט 121... שורות 11 און 12... אָט איז עס... (לעזט): „וועסטו ווען מיין לעבען דארפען, קום און נעהם עס".

טרעפּליעוו הייבט אויף פון פאָדלאָגע דעם באַנדאַזש און געהט אוועק.

ארקאדינא (קוקט אויפ'ן זייגער): באַלד וועלען גרייט זיין די פערד.

טריגאָרין (פאַר זיך): וועסטו ווען מיין לעבען דאר־פען, קום און נעהם עס.

ארקאדינא: איך רעכען, ביי דיר איז שוין אלץ איינ־געפּאקט?

טריגאָרין (אונגעדולדיג): יא, יא... (פערטראַכט). פארוואָס האָב איך דערהערט אַ טרויער אין'ם רוף פון אָט דער ריינער נשמה און עס האָט מיר אזוי שמערצליך פערקוועטשט ביי'ן הארצען? וועסטו ווען מיין לעבען דארפען, קום און נעהם עס. (צו אַרקאַדינאַ'ן): לאָמיר בלייבען נאָך אויף אַ טאָג!

אַרקאַדינאַ שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

טריגאָרין: לאָמיר בלייבען!

ארקאדינא: איך ווייס וואָס עס האלט דיך דאָ צו. בע־הערש זיך אָבער. ביזט שכור'ליך געוואָרען, ניכטער זיך אויס.

טריגאָרין: זיי דו אויך ניכטער, זיי קלוג, פערשטענ־דיג, איך בעט דיך. קוק אויף דער זאך ווי אן אמת'ער פריינד... (דריקט איהר די האנד). דו ביזט פעהיג צו ברייגנען אָפּפער... זיי מיין פריינד, לאָז מיך אָב...

ארקאדינא (שטאַרק אויפגערעגט): דו ביזט אזוי פער־ליעבט?

ט ר י ג אָ ר י ן: מיך ציהט צו איהר! אפשר איז עס טאַקע דאָס, וואָס איך דאַרף.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: די ליעבע פון אַ קליינשטעדטעלדיגער מיידעלע? אָ, ווי דו קענסט זיך וועניג!

ט ר י ג אָ ר י ן: טיילמאָל שלאָפען מענשען וואַכענדיג, אזוי רעד איך איצט מיט דיר און אליין שלאָף איך און זעה איהר אין חלום... מיך האָבען געפאנגען זיסע, וואונדער־שעהנע חלומות... לאָז אָב...

אַ ר ק אַ ד י נ אַ (ציטערענדיג): ניין, ניין... איך בין אַ געוועהנליכע פרוי. מיט מיר טאָר מען אזוי ניט רעדען... פיינטיג מיך ניט, באַריס... מיר איז שרעקליך...

ט ר י ג אָ ר י ן: ווען דו ווילסט, קענסטו זיין אַן אונגעוועהנליכע פרוי. אַ ליעבע, אַ יונגע, אַ שעהנע, אַ פּאָעטישע. אַ ליעבע, וואָס טראָגט אוועק אין אַ וועלט פון חלומות, — נאָר אזאַ ליעבע קען געבען גליק אויף דער ערד! אזאַ ליעבע האָב איך נאָך ניט איבערגעלעבט... אין דער יוגענד האָב איך קיין צייט ניט געהאַט, איך פלעג אָבשלאָגען די שוועלען פון די רעדאקציעס, געראַנגעלט זיך מיט דער נויט... איצט איז זי, די ליעבע, ענדליך געקומען, זי מאַניעט... וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו אנטלויפען פון איהר?

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: דו ביזט משוגע געוואָרען!

ט ר י ג אָ ר י ן: זאָל זיין אזוי.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: איהר האָט זיך היינט אַלע צונויפגערעדט מיך צו פייניגען! (וויינט).

ט ר י ג אָ ר י ן (כאַפּט זיך פאַר'ן קאָפּ): זי פערשטעהט ניט. וויל ניט פערשטעהן!

אַ ר ק אַ ד י נ אַ: ניט שוין זשע בין איך אזוי אַלט און העסליך, אַז מען קען, גאָרניט שעמענדיג זיך, רעדען מיט מיר, וועגען אַנדערע פרויען. (נעהמט איהם אַרום און קושט איהם). אָה, דו ביזט פון זין אַראָב! מיין שעהנער, וואונדערבאַרער... דו ביזט דאָס לעצטע בלעטעל פון מיין לעבען! (שטעלט זיך אויף די קניה).

מיין פרייד, מיין שטאָלץ, מיין גליק... (נעהמט ארום זיינע קניה) אויב דו ווערסט מיך פערלאָזען איצט, אויף איין שעה אפילו, וועל איך עס ניט איבערלעבען, איך וועל פון זין אראָב, מיין וואונדערבאַרער, הערליכער, בעפעהלער מיינער!..

ט ר י ג אָ ר י ן: מען קען נאָך אהער אריינגעהן. (העלפט איהר אויפשטעהן).

א ר ק א ד י נ א: זאָל מען. איך שעהם זיך ניט מיט מיין ליעבע צו דיר. (קושט איהם די הענד). אוצר מיינער, משוגע'ענד קאָפּ, דו ווילסט ווילדע זאכען טהאָן, אָבער איך וויל נ'יט, כ'וועל ניט לאָזען... (לאַכט). דו ביזט מיינער... מיינער... און אַט דער שטערן איז מיינער, און די אויגען זענען מיינע, און די שעהנע זיידענע האָר זענען מיינע... ביזט אינגאנצען מיינער. דו ביזט אזא טאַלאַנטפולער, קלוגער, דער בעסטער פון אלע איצטיגע שרייבער, די איינציגע האָפנונג פון רוסלאנד... דו האָסט אזוי פיעל אויפריכטיגקייט, איינפאכקייט, פרישקייט, געזונדען הומאָר... מיט איין שטריך קענסטו איבערגעבען דאָס וויכטיגסטע, וואָס איז כאַראקטעריסטיש פאר א מענשען אָדער א פּעיזאזש, די מענשען זענען ביי דיר, ווי לעבעדיגע. אָ, דיך קען מען ניט לעזען אָהן ענטציקונג! דו מיינסט, דאָס איז לויבגעזאנגען? איך חנפ'ע? נו, קוק זיך איין אין מיינע אויגען... קוק זיך איין... זעה איך אויס, ווי א ליגנערין? אַט זעהסטו, נאָר איך איינע קען דיך אָבשאצען, איך איינע זאָג דיר דעם אמת, מיין ליעבער, וואונדער־שעהנער... דו ווערסט פאָהרען? יא? דו ווערסט מיך ניט פערלאָזען?

ט ר י ג אָ ר י ן: איך האָב ניט קיין אייגענעם וו'לען... איך האָב קיינמאָל ניט געהאט קיין אייגענעם ווילען... א פוילער, א צוקראכענער, אלעמאָל אַן אונטערטעניגער — קען דאָס געפעלען א פרוי? נעהם מיך, פיהר מיך אוועק, נאָר לאָז מיך ניט אָב פון זיך אויף א טריט...

א ר ק א ד י נ א (פאר זיך): איצט איז ער מיינער. (מיט אַ פריייער מינע, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשעהן): איבריגענס, אויב דו ווילסט, קענסטו בלייבען. איך וועל פאָהרען אליין, און דו ווערסט

קומען דערנאָך, אין אַ וואָך אַרום... און טאַקע, וואָס האָסטו זיך צו איילען?

טריגאָרין: ניין, מיר וועלן שוין פאָהרען צוזאַמען.

אַרקאַדינאַ: ווי דו ווילסט. צוזאַמען איז צוזאַמען... (פּאַוזע).

טריגאָרין פערשרייבט אין ביכעל.

אַרקאַדינאַ: וואָס טהוסטו?

טריגאָרין: אין־דער־פריה האָב איך געהערט אַ פיינעם אויסדרוק: „דער מיידעלשער וואַלד"... וועט צוניטץ קומען. (ציהט זיך). הייסט עס, פאָהרען. ווידער וואַגאָנען, סטאַנציעס, בופעטען, געהאַקטע קאָטלעטען, שמועסען...

שאַמראַיעוו (געהט אריין): איך האָב די עהרע מיט בעדויערן צו מעלדען, אַז די פערד זענען שוין גרייט. שוין צייט, הויכגעשעצטע, צו פאָהרען צו דער סטאַנציע; דער צוג קומט אָן פינף מינוט נאָך צוויי. איהר וועט שוין אַזוי גוט זיין, אירינאַ ניקאָלאַיעווגאַ, ניט פערגעסען נאָכפרעגען זיך: וואו איז דער אַקטיאָר סוזדאַלסקי? צי ער לעבט? צי איז ער געזונד? מיר פלעגען טרינקען אַמאָל צוזאַמען... אין דער „בעראַבעוועטער פּאָסט" האָט ער געשפּיעלט פאָרטרעפליך... צוזאַמען מיט איהם, געדענק איך, האָט אין יעליסאַוועטגראַד געדיענט דער טראַגיקער איזמאַילאָוו, אויך אַ מערקווירדיגע פּערזענליכקייט... איילט זיך ניט, הויכגעשעצטע, פינף מינוט קען מען נאָך וואַרטען. איינמאָל, אין עפּעס אַ מעלאָדראַמע, האָבען זיי פאַרגעשטעלט פערשווערער, און, ווען מען האָט זיי פּלוצלונג געפּאַקט, האָט מען געדאַרפט זאָגען: „מיר זענען אַריינגעפאַלען", און איזמאַילאָוו נעהמט און זאָגט: „מיר זענען אַריינגעכפאַלען!.. (לאַכט). אַריינגעכפאַלען!.. (אין דער צייט, וואָס ער רעדט, פּאַרעט זיך יאַקאָוו אַרום די רייזע־טאַשען, די שטובמיידעל ברייננגט אַרקאַדינאַ'ן דעם הוט, מאַנטעל, שירם, האַנדשוה; אַלע העלפען אַרקאַדינאַ'ן אָנטהאָן זיך. פון דער לינקער טיר קוקט אריין דער קאָך, אַ ווײַלע שפּעטער געהט ער אַריין אומענטשלאָסען; ס'געהט אַריין פּאָלינאַ אַנדרעיעווגאַ, דערנאָך סאָרין און מעדוועדיענקאָ).

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א (מיט אַ קערבעל): אָט האָט איהר פלוימען אויפ'ן װעג... זעהר זיסע. אפשר װעט זיך אייך פעגלוסטען א נאש צו טהאָן.

א ר ק א ד י נ א: איהר זייט זעהר אַ גוטע, פּאָלינא אנ־דרעיעװנא.

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: זייט געזונד, מיין טייערע; אויב ס'איז עפּעס געװען ניט אזוי, טאָ פערצייהט מיר. (װויינט).

א ר ק א ד י נ א (נעהמט איהר ארום): אלץ איז געװען גוט, אלץ איז געװען גוט. נאָר װיינען דארף מען ניט.

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע װ נ א: אונזער לעבען געהט אװעק.

א ר ק א ד י נ א: װאָס קען מען טהאָן!

ס אָ ר י ן (אין אַ פּאַלטאָ מיט אַ פּעלעריז, אין א הוט, מיט אַ שטעקעל, געהט ארויס פון דער לינקער טיר; געהט דורך דעם צימער): שוין צייט, שװעסטער, מען קען נאָך פערשפּעטיגען סוף כל סוף. איך געה זעצען זיך. (געהט אװעק).

מ ע ד װ י ע ד י ע נ ק א: און איך װעל געהן צופוס צו דער סטאנציע. בעלייטען. איך מאַך עס איינס און צװיי... (געהט אװעק).

א ר ק א ד י נ א: זייט געזונד, טייערע מיינע... אויב מיר װעלען לעבען און געזונד זיין, װעלען מיר זיך זומער װיעדער זעהן... (די שטוב־מיידעל, יאַקאָװ און דער קאָך קושען איהר האַנד). פערגעסט מיך ניט. (גיט דעם קאָך אַ רובל). אָט האָט איהר א רובל אויף דרייען.

ד ע ר ק אָ ך: כ'דאנק אייך שעהן, מאדאם. א גליקליכע רייזע! מיר זענען שטארק צופריעדען!

י אַ ק אָ װ: גאָט זאָל געבען, אין אַ גוטער שעה.

ש א מ ר א י ע װ: מיט א בריװעל װאָלט איהר אונז בע־גליקט! זייט געזונד, באָרים אלעקסעאיטש!

א ר ק א ד י נ א: װאו איז קאָנסטאנטין? זאָגט איהם, אז איך פאָהר אװעק. מען דארף זיך זעגנען. נו, דערמאָנט מיך ניט

צום שלעכטען. (צו יאַקאָוו׳ן) : איך האָב געגעבען דעם קאָך א רובל. דאָס איז אויף דרייען.

אלע געהען אוועק רעכטס. די סצענע איז לעדיג. הינטער דער סצענע איז א טומעל, ווי געוועהנליך, אַז מען בעלייט. די שטוב־מיידעל קעהרט זיך אום, נעהמט צו פון טיש דעם קערבעל מיט די פלוימען און געהט ווידער אוועק.

ט ר י ג אָ ר י ן (קעהרט זיך אום) : איך האָב פערגעסען מיין שטעקעל. זי איז, דוכט זיך, דאָרט אויף׳ן טעראסע. (געהט און בע־געגענט זיך אין דער לינקער טיר מיט נינאַ׳ן, וועלכע קומט אריין). דאָס זייט איהר? מיר פאָהרען אוועק...

נ י נ א : איך האָב געפיהלט, אז מיר וועלען זיך נאָך זעהן. (אויפגערעגט). באָרים אלעקסעאיטש, איך האָב בעשלאָסען איינמאָל פאר אלעמאָל. דער גורל איז געוואָרפען : איך ווער אַן אקטריסע. מאָרגען וועל איך מעהר שוין דאָ ניט זיין, איך געה אוועק פון פאטער, פערלאָז אלצדינג, איך הויב אָן א נייע לעבען... איך פאָהר אוועק, ווי איהר, נאָך מאָסקווע. מיר וועלען זיך דאָרט זעהן.

ט ר י ג אָ ר י ן (קוקט זיך אום) : שטעלט זיך אב אין „סלאַ־ווישען באַזאר“... לאָזט מיר גלייך וויסען... מאָלטשאנאָווקא, גראָ־חאָלסקי׳ס הויז... איך אייל זיך... (פּאוזע)

נ י נ א : נאָך איין מינוט.

ט ר י ג אָ ר י ן (מיט אַ האלבען קול) : איהר זענט אזוי שעהן... אָ, ס׳אַרא גליק ס׳איז צו טראַכטען, אז מיר וועלען זיך באַלד זעהן! (זי לעהנט אָן איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט). איך וועל ווידער זעהן די וואונדער־שעהנע אויגען, דעם אונענדליך־ליעבען, צארטען שמייכעל... דעם זאנפטען פּנים, וואָס דריקט אוים די אונ־שולד פון א מלאך... טייערע מיינע... (אַ לאַנגדויערענדער קוש).

פ אָ ר ה אַ נ ג.

צווישען דריטען און פערטען אַקט געהט דורך צוויי יאהר.

פיערטער אקט.

אַ זאַל אין סאָרין׳ס הויז, וועלכען קאָנסטאַנטין טרעפּליעוו האָט געמאַכט פאן אַן אַרבייטס־קאַבינעט. רעכטס און לינקס טירען, וואָס פיהרען אין די אינעווענינסטע צימערן. א גלעזערנע טיר פיהרט גלייך צו דער טעראסע. אויסער די געוועהנליכע זאַל־מעבעל, שטעהט אין רעכטען ווינקעל א שרייב־טיש, נעבען דער לינקער טיר — א טערקישע סאפע, אַ שראַנק מיט ביכער, ביכער אויף די פענסטער, אויף די שטולען. — אָווענד. ס׳ברענט איין לאָמפּ אונטער אַן אַבאַזשור. האַלב דונקעל. ס׳הערט זיך דאָס רוישען פון די ביימער און דאָס וואָיען פונ׳ם ווינד אין די קוימענס. ס׳קלאפט דער וועכטער. מעדוועדיענקא און מאַשאַ געהען אַריין.

מ אַ ש אַ (רופט): קאָנסטאַנטין גאַוורילאָוויטש! קאָנסטאַנטין גאוורילאָוויטש! (קוקט זיך אום). קיינער איז ניטאָ. דער אַלטער פרעגט אַלץ יעדע רגע, וואו איז קאָסטיאַ, וואו איז קאָסטיאַ... ער קען אָהן איהם ניט לעבען...

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א: ער האָט מורא פאר די איינזאמקייט. (הערט זיך צו). ס׳איז א שרעקליכער וועטער! שוין דער צווייטער טאָג אַזוי.

מ א ש א (מאַכט גרעסער דעם פייער אין לאָמפּ): אויף׳ן אַזערע שלאָגען כוואַליעס. שרעקליך גרויסע.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א: אין גאָרטען איז פינסטער. מען דארף הייסען צוברעכען דעם טעאַטער דאָרט אין גארטען. ער שטעהט א הוילער, א העסליכער, ווי א סקעלעט, און דער פאָרהאַנג קלאפט פון׳ם ווינד. ווען כ׳בין נעכטען אויף־דער־נאכט פערביי־געגאנגען, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז עמיצער וויינט דאָרט.

מ אַ ש אַ: נו אט... (פּאוזע).

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אַ: לאָמיר, מאשא, פּאָהרען אהיים!

מ אַ ש אַ (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף נייז): איך וועל דאָ בלייבען נעכטיגען.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אַ (מיט געבעט): לאָמיר פאָהרען, מאשא! אונזער קינד מוז זיין הונגעריג.

מ אַ ש אַ: נארישקייטען. מאטרענא וועט איהם אָנקאָרמען. (פּאוזע).

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אַ: א רחמנות, שוין די דריטע נאכט אָהן דער מוטער.

מ אַ ש אַ: לאנגווייליג ביזטו געוואָרען. אמאָליגע צייטען פלעגסטו כאָטש אביסעל פילאָסאָפירען, און איצט ווייסטו ניט מעהר ווי קינד, אהיים, קינד, אהיים — מעהר קען מען פון דיר קיין וואָרט ניט הערען.

מ ע ד ו ו ע ד י ע נ ק אַ: לאָמיר פאָהרען, מאשא!

מ אַ ש אַ: פאָהר אליין.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אַ: דיין פאָטער וועט מיר ניט געבען קיין פערד.

מ אַ ש אַ: ער וועט געבען. טהו א בעט, וועט ער געבען.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק אַ: נו גוט, וועל איך בעטען. ווּעסטו, הייסט עס, מאָרגען קומען?

מ אַ ש אַ (שמעקט טאַבאַק): נו, מאָרגען. צוגעטשעפּעט זיך...

ס׳קומען אריין טרעפּליעוו און פּאלינא אַנדרעיעווּנאַ; טרעפליעוו האָט געבראכט ·קישענס און אַ קאָלדרע, און פּאלינא אנדרעיעוונא בעט־צייג; זיי לעגען עס אויף דער טערקישער סאפע, דערנאך געהט טרעפּ־ליעוו צו זיין טיש און זעצט זיך.

מ אַ ש אַ: צו וואָס איז דאָס, מאמא?

פ אָ ל י נ אַ א נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ: פיאָטר ניקאָלאיעוויטש האָט געבעטען, מען זאָל איהם אויסבעטען ביי קאָסטיא׳ן.

מ אַ ש אַ: לאָזט, איך... (בעט אויס א געלעגער).

פ אָ ל י נ אַ א נ ד ר עי ע ו ו נ אַ (זיפצט אָב): **און אלטער**

איז ווי א קינד... (געהט צו צום שרייב־טיש און, אנשפארענדיג דעם קאפ אויף'ן האנד, קוקט זי אויף'ן מאנוסקריפט; פאוזע).

מעדוויעדיענקא: איז וועל איך געהן. זייט געזונד, מאשא (קושט דער ווייב די האנד). זייט געזונד, מאמא. (וויל קושען דער, שוויגער די האנד).

פאלינא אנדרעיעוונא (פערדראסיג): נו, געה זיך געזונטערהייד.

מעדוויעדיענקא: זייט געזונד, קאנסטאנטין גאווריליטש.

טרעפליעוו גיט איהם שווייגענד די האנד, מעדוויעדיענקא געהט אוועק.

פאלינא אנדרעיעוונא (קוקט אויף'ן מאנוסקריפט): ווער האט זיך דאס געריכט, אז פון איך, קאסטיא וועט ארויסקומען אן אמת'ער שרייבער. און אט, גאט צו דאנק, האט מען אייך שוין אנגעהויבען שיקען געלד פון די זשורנאלען. (גלעט איהם איבער די האר). און שעהן איז ער געווארען... ליעבער גוטער קאסטיא, זייט צערטליכער מיט מיין מאשענקא!..

מאשא (בעט אויס): לאזט איהם צורוה, מאמא.

פאלינא אנדרעיעוונא (צו טרעפליעוו'ן): זי איז א וואוילינקע. (פאוזע). א פרוי, קאסטיא, דארף גארניט האבען, שענק איהר נאר א צערטליכען בליק. אן זיך ווייס איך עס.

טרעפליעוו שטעהט אויף פון טיש און געהט אוועק שווייגענדיג.

מאשא: אט האט איהר איהם דערצארנט. נויטיג געדארפט צושטעהן!

פאלינא אנדרעיעוונא: מיר איז א רחמנות אויף דיר, מאשענקא.

מאשא: כ'דארף עס נויטיג.

פאלינא אנדרעיעוונא: מיין הארץ טחות מיר ווען פאר דיר. איך זעה דאך אלץ, איך פערשטעה אלץ.

מאשא: ס'איז אלץ נארישקייטען. ליעבע אהן האפנונג — דאס געפינט מען נאר אין די ראמאנען. פוסטע מעשיות. מען

דארף נאָר ניט זיין קיין אָבגעלאָזענער אין ניט ווארטען אלץ, ווארטען אויף נעכטיגע טעג... גנב'עט זיך אין הארץ אריין ליעבע, — דארף מען זי גלייך פערטרייבען. אָט האָט מען צוגעזאָגט אריבערפיהרען דעם מאַן אין אַן אנדער אויעזד. ווען מיר וועלען זיך איבערקלייבען אהין, וועל איך אלץ פערגעסען... מיט'ן וואָרצעל פון הארץ ארויסרייסען.

מיט צוויי צימערן ווייטער שפּיעלט מען א מעלאַנכאָלישען וואַלס.

פּ אָ ל י נ א   א נ ד ר ע י ע ו ו נ א : קאָסטיא שפּיעלט. ער בענקט, הייסט עס.

מ א ש א (מאַכט צוויי־דריי וואַלס־טורען אָהן א רויש) : דער עיקר, מאמא, פאר די אויגען ניט האָבען. זאָל מען נאָר מיין סעמיאָן איבערפיהרען אין אַן אנדער אָרט, גלויבט מיר, אין איין חדש וועל איך דאָרט אלצדינג פערגעסען. ס'איז אלץ נארישקייטען.

עס עפענט זיך די לינקע טיר. דארן און מעדוויעדיענקא פיהרען אויף א פאטער־שטול סאָרין'ען.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א : ביי מיר איז איצט אין הויז זעקס פּארשוין. און מעהל קאָסט זיעבען גילדען א פּוד.

ד אָ ר ן : געה זיי א קלוגער.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א : איך איז גוט צו לאכען. קיין געלד פעהלט איך ניט.

ד אָ ר ן : געלד? פאר דרייסיג יאָהר פּראקטיק, מיין פריינד, פּראקטיק אהן רוה, ווען כ'האָב טאָג ווי נאכט קיין פרייע מינוט ניט געהאט, האָב איך קוים־קוים אָבגעשפּארט צוויי טויזענד רובל, האָב איך דאָס ערשט ניט לאנג פערלעבט אין אויסלאנד. איך האָב גאָרניט.

מ א ש א (צום מאַן) : דו ביזט ניט אוועקגעפאָהרען?

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א (שולדיג) : וואָס קען איך טהאָן? אז מען גיט ניט קיין פערד!

מ א ש א (מיט א ביטערען פערדראָס, מיט א האַלבען קול) : הלואי וואָלטען מיינע אויגען דיך ניט געזעהן!

דער פאָטער־שטול שטעלט זיך אָב אין דער לינקער העלפט פון צי־

מער, פּאָלינאַ אַנדרעיעוונאַ, מאַשאַ און דאָרן זעצען זיך ארום, מעדוויע־דיענקאָ, און אומעטיגער, געהט אָב אין א זייט.

ד אָ ר ן: וויפיעל ענדערונגען עס זענען ביי אייך פאַרגעקור־מען! פון'ם זאַל האָט איהר געמאכט א קאבינעט.

מ א ש א: דאָ איז קאָנסטאנטין גאווריליטש'ן בעקוועמער צו ארבייטען. ער קען, ווען ער וויל, ארויסגעהן אין גארטען און דארט טראַכטען.

ס'קלאפּט דער וועכטער.

ס אָ ר י ן: וואו איז די שוועסטער?

ד אָ ר ן: זי איז געפאָהרען צום סטאנציע בעגעגנען טריגאָ־רין'ען. זי וועט באַלד צוריק קומען.

ס אָ ר י ן: אויב איהר האָט געפונען פאר נויטיג ארויסרו־פען אהער די שוועסטער, בין איך, הייסט עס, געפעהרליך קראַנק. (שווייגט אַ ווייילע). הערט א מעשה, איך בין געפעהרליך קראַנק, און דאָך גיט מען מיר קיין שום רפואות ניט.

ד אָ ר ן: וואָס ווילט איהר דען? וואַלעריאַן־טראָפּענס? סאדע? כינע?

ס אָ ר י ן: נו, ס'הייבט זיך שוין אָן, די פילאָסאָפיע. אָ, ס'ארא אָנשיקעניש! (ווייזט מיט'ן קאָפּ אויף דער סאפע). דאָס איז פאר מיר געבעט?

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע וו נ א: פאר אייך, פיאָטר ני־קאלאיעוויטש.

ס אָ ר ן: א דאנק אייך.

ד אָ ר ן (זינגט צו): „איבער הימלען נאכטיגע שווימט די לבנה אום...“

ס אָ ר י ן: אָט וויל איך געבען קאָסטיא'ן א סוזשעט פאר אן ערצעהלונג. זי דארף הייסען: „דער מענש, וואָס האָט גע־וואָלט.“ אמאָל אין די יונגע יאָהרען האָב איך געוואָלט ווערען א ליטעראט — און ניט געוואָרען; — געוואָלט רעדען שעהן און כ'פלעג רעדען העסליך. (קרימט זיך אליין איבער). „און טאקע, און נאָך אזוינע זאכען, און פערשטעהט איהר מיך“... און ס'פלעגט

זיך מאכען, איך וויל ציהען א שלום, עפּעס אויספיהרען און בעגים זיך אזש מיט שוויים; געוואָלט חתונה האָבען — און ניט התונה געהאט; געוואָלט שטענדיג אין שטאָדט לעבען — און איצט ענ־דיג איך מיין לעבען אין דאָרף, און גאָר.

ד אָ ר ן: געוואָלט ווערען א ווירקליכער שטאַטס־ראט — און געוואָרען.

ס אָ ר י ן (לאַכט): איך האָב ניט געשטרעבט דערצו. דאָס איז פון זיך אליין געקומען.

ד אָ ר ן: אויסדריקען אן אונצופריעדענהייט מיט'ן לעבען צו צוויי און זעבציג יאָהר איז — איהר מוזט מודה זיין — ניט גרויסמוטיג.

ס אָ ר י ן: ס'ארא עקשן. פערשטעהט דאָך, לעבען ווילט זיך!

ד אָ ר ן: דאָס איז א לייכטזיניגקייט. לויט די נאטור־גע־זעצען מוז יעדעס לעבען האָבען א סוף.

ס אָ ר י ן: איהר דענקט, ווי א זאטער מענש. איהר זענט זאט און דעריבער גלייכגילטיג צום לעבען, אייך איז אלץ איינס. נאר שטארבען וועט איהר זיך אויך שרעקען.

ד אָ ר ן: דער שרעק פאר'ן טויט איז א טיערישער... מען דארף איהם גובר זיין. בעוואוסטזיניג האָבען מורא פאר'ן טויט נאָר די, וואָס גלויבען אין עולם הבא, זיי שרעקען זיך פאר זייערע עבירות. און איהר זייט, ערשטענס אן אונגלויביגער, צווייטענס — וואָס פאר אן עבירות האָט איהר? איהר האָט 25 יאָהר אָבגע־דיענט אין געריכטס־דעפּארטמענט — מעהר גאָרניט.

ס אָ רי ן (לאַכט): אכט און צוואנציג...

ס'קומט אריין טרעפּליעוו און זעצט זיך אויף אַ בענקעל נעבען סאָרין'ען צופוסענס. מאַשאַ נעהמט פון איהם קיין אויג ניט אראָב די גאנצע צייט.

ד אָ ר ן: מיר שטערען קאָנסטאנטין גאווריליאָוויטש'ן צו ארבייטען.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: ניין, גאָר נישט.

פאוזע.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א: ערלויבט צו פרעגען, דאקטאר, וועלכע שטאָדט אין אויסלאנד איז אייך מעהר פון אלע געפעלען?

ד אָ ר ן: גענוא.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: פאר וואָס גענוא?

ד אָ ר ן: דאָס פובליקום אויף'ן גאס איז דאָרט אן אויסגע־צייכענטעס. ווען איהר געהט ארוים אין אָוועגד פון האָטעל, איז די גאס געפראפט מיט מענשען. דרעהסטו זיך ארום דערנאך צווי־שען עולם אָהן א ציעל, אהין־אהער, אין א געבראכענער ליניע, לעבסט מיט איהם צוזאמען, גיסט זיך מיט איהם פסיכיש צונויף, און הויבסט אן גלויבען, אז ס'איז אין דער אמת'ען מעגליך איין וועלט־נשמה, אזא מין נשמה, ווי די נינא זאריעטשנאיא האָט פאר־געשטעלט אין אייער פיעסע. מחשבות'ן, וואו איז איצט זאריעטש־נאיא? וואו איז זי און וואָס מאכט זי?

ט ר ע פ ל י ע ו ו: געזונד, מסתמא.

ד אָ ר ן: מען האָט מיר דערצעהלט, אז זי האָט אָנגעהויבען פיהרען עפעס א בעזונדער מין לעבען. וואָס איז די מעשה?

ט ר ע פ ל י ע ו ו: ס'איז א לאנגע געשיכטע, דאָקטאָר.

ד אָ ר ן: טאָ מאכט עס קירצער. (פאוזע).

ט ר ע פ ל י ע ו ו: זי איז אנטלאָפען פון דער היים און זיך צונויפגעגאנגען מיט טריגאָרין'ען. דאָס ווייסט איהר?

ד אָ ר ן: יא.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: זי האָט געהאט א קינד. דאָס קינד איז געשטאָרבען. טריגאָרין האָט איהר אויפגעהערט צו ליעבען און האָט זיך אומגעקעהרט צו זיינע פריהערדיגע סימפאטיעס, ווי מען האָט זיך טאקע געדארפט ריכטען. איבריגענס האָט ער קיינמאָל ניט אוועקגעוואָרפען די פריהערדיגע, נאָר ער האָט אוים כאראק־טערלאָזיגקייט, זיך געפונען אן עצה, צו טאנצען אויף אלע חתונות. וויפיעל איך האָב געקענט פערשטעהן פון דאָס וואָס איך וויים, האָט נינא'ס פערזענליך לעבען זיך גאָרניט איינגעגעבען.

ד אָ ר ן: ווי איז מיט דער ביהנע?

ט ר ע פ ל י ע ו ו : דוכט זיך, נאָך ערגער. זי האָט דעביוּטירט ארום מאָסקווע אין א זומער טעאַטער, דערנאָך איז זי אוועקגעפאָהרען אין דער פראָווינץ. דאמאָלסט האָב איך איהר ניט ארויסגעלאָזט פון אויג און א שטיקעל צייט בין איך איהר כסדר נאָכגעפאָהרען. גענומען האָט זי זיך אלץ פאר גרויסע ראָלען, נאָר געשפּיעלט האָט זי גראָב, געשמאַקלאָז, מיט מורא'דיגע אויסגעשרייען, מיט ניט־געשיקטע בעוועגונגען. געווען מאָמענטען ווען זי פלעגט טאלאנטפול אויסשרייען, טאלאנטפול שטארבען, נאָר דאָס זענען געווען נאָר מאָמענטען.

ד אָ ר ן : הייסט עס, זי האָט דאָך טאלאנט?

ט ר ע פ ל י ע ו ו : שווער געווען צו פערשטעהן. אפנים, אז יאָ. איך פלעג איהר זעהן, זי אָבער האָט מיך ניט געוואָלט זעהן, און די בעדיענטע פלעגען מיך ניט לאָזען צו איהר אין נומער. פאר מיר איז קלאָר געווען איהר שטימונג, און איך בין ניט בעשטאַנען מיר זאָלען זיך זעהן. (פּאוזע). וואָס זאָל איך אייך נאָך זאָגען? דערנאָך, ווען כ'בין שוין צוריקגעקומען אהיים, פלעג איך קריגען פון איהר בריעף. קלוגע, ווארעמע, אינטערעסאנטע בריעף; זי פלעגט זיך ניט קלאגען, נאָר איך האָב געפיהלט, אז זי איז טיעף־אומגליקליך; וואָס א שורה איז א קראנקער אנגעצויגענער נערוו. און די פאַרשטעלונגס־קראפט אויך א ביסעל צורודערט. אונטערשרייבען פלעגט זי זיך וואסער־פויגעל. אין דער „נימפע“ זאָגט דער מילנער, אז ער איז א ראָב, אזוי האָט זי אין איהרע בריעף אָהן אויפהער געזאָגט, אז זי איז א וואסער־פויגעל. איצט איז זי דאָ.

ד אָ ר ן : דאָס הייסט, ווי מיינט איהר „דאָ“?

ט ר ע פ ל י ע ו ו : דאָ אין שטאָדט, אין איינפאָהר הויז. שוין א טאג פינף, אז זי וואוינט דאָרט אין א נומער. איך בין געפאָהרען צו איהר און מאריא איליאיטשנא איז געפאָהרען, נאָר זי נעהמט קיינעם ניט צו. סעמיאָן סעמיאָנאוויטש זאָגט, אז ער האָט זי נעכטען נאכמיטאג געזעהען אין פעלד, צוויי ווערסט פון דאנען.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א : יאָ, איך האָב געזעהן. זי איז

גענאנגען אין יענער זייט, צו דער שטאָדט צו. איך האָב איהר בע־גריסט, געפרעגט פאר וואָס זי קומט ניט צו גאסט צו אונז. זי האָט געזאגט, אז זי וועט קומען.

ט ר ע פ ל י ע ו ו: זי וועט ניט קומען. (פּאוזע). דער פאָ־טער און די שטיפמוטער ווילען פון איהר ניט וויסען. אומעדום האָ־בען זיי וועכטער געשטעלט, מען זאָל איהר אפילו ניט צולאָזען נאָ־הענט צום פּאַלווארק. (געהט אָב מיט'ן דאָקטאָר צום שרייב־טיש). ווי לייכט איז, דאָקטאָר, צו זיין א פילאָסאָף אויף'ן פּאַפּיר, און ווי שווער עס איז אין לעבען!

ס אָ ר י ן: געוועזען א פיין מיידעל.

ד אָ ר ן: וואָס?

ס אָ ר י ן: געוועזען א פיין מיידעל, זאָג איך. דער ווירקלי־כער שטאאטס־ראט סאָרין אפילו איז געוועזען פערליעבט אין איהר א געוויסע צייט.

ד אָ ר ן: אלטער בעל עבירה.

ס'הערט זיך שאַמראַיעוו'ס געלעכטער.

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: אונזערע לייט זענען, דוכט זיך, געקומען פון דער סטאנציע...

ט ר ע פ ל י ע ו ו: יא, איך הער דער מאמע'ס קול.

ס'געהען אריין אַרקאַדינאַ, טריגאָרין, הינטער זיי שאַמראַיעוו.

ש א מ ר א י ע ו ו (אריינגעהענדיג): מיר אלע ווערען אלט, ווערען אויסגעוועבט אונטער דער ווירקונג פון די נאטור־קרעפטען, און איהר הויכגעשעצטע, זענט נאָך אלץ יונג... א העלע בלוזקע, לעבעדיג, גראציעז...

א ר ק א ד י נ א: איהר וועט מיר ווידער אן עין הרע גע־בען, איהר לאנגווייליגער מענש!

ט ר י ג אָ ר י ן (צו סאָרין'ען): גוט מאָרגען, פּיאָטר ניקאָ־לאַיעוויטש! וואָס קרענקט איהר עפּעס אלץ? ניט גוט! (דער־זעהט מאַשאַ'ן, פרייריג): מאריא איליאיניטשנא!

מ א ש א: דערקענט? (דריקט זיין האַנד).

ט ר י ג אָ ר י ן: חתונה געהאט?

מ אַ ש אַ: שוין לאַנג.

ט ר י ג אָ ר י ן: גליקליך? (בעגריסט דאָרן׳ען און מעדוויע־דיענקא און געהט צו אונענטשלאָסען צו טרעפּליעוו׳ן). אירינא ניקאָ־לאַיעוונא האָט געזאָגט, אַז איהר האָט שוין פערגעסען, וואָס אמאָל איז געוועזען און זענט שוין מעהר ניט ברוגז.

טרעפּליעוו שטרעקט איהם אויס די האַנד.

אַ ר ק אַ ד י נ אַ (צום זוהן): אָט האָט באָרים אלעקסאַנ־דראָוויטש געבראַכט דעם זשורנאַל מיט דיין נייער ערצעהלונג.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (נעהמט דעם בוך, צו טריגאָרין׳ען): אַ דאַנק אייך. איהר זייט זעהר ליעבליך. (זעצען זיך).

ט ר י ג אָ ר י ן: אַ גרוס אייך פון אייערע פערעהרער... אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע איז מען בכלל פּעראינטערעסירט מיט אייך און מען האלט אין איין נאכפרעגען זיך ביי מיר אויף אייך. מען פרעגט: ווי זעהט ער אויס, ווי אלט, אַ ברונעט צי אַ בלאָנדין. אלע מיינען, כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, אַז איהר זענט שוין ניט יונג. און קיינער ווייס ניט אייער אמת׳ען נאָמען, ווייל איהר דרוקט זיך דאָך אונטער אַ פּסעוודאָנים. איהר זייט געהיימניספול ווי די אייזערנע מאַסקע.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: איהר וועט לאַנג ביי אונז פערברענגען?

ט ר י ג אָ ר י ן: ניין, שוין מאָרגען רעכען איך צו פאָהרען קיין מאָסקווע. איך מוז. איך איל זיך צו פערענדיגען אַ נאָוועלע און דערצו האָב איך צוגעזאָגט עפּעס צו געבען פאַר אַ זאַמעלבוך. מיט איין וואָרט — די אלטע געשיכטע.

אין דער צייט וואס זיי רעדען, שטעלט אַרקאַדינאַ און פּאָלינאַ אַנדרעיעוונאַ אַ לאָמבער־טיש אין מיטען שטוב, זיי עפענען איהם אויף; שאַמראַיעוו צינדט אָן ליכט, שטעלט שטוהלען. מען נעהמט ארויס די לאָטאָ פון שראַנק.

ט ר י ג אָ ר י ן: דער וועטער האָט מיך בענעגענט ניט פריינדליך. אַ ביטערער ווינד. אויב מאָרגען פריה וועט זיין רוהי־גער, וועל איך זיך לאָזען צום אָזערע פיש כאַפּען. אגב דאַרף מען ארומקוקען דעם גאַרטען און דעם אָרט וואו מען האָט — איהר גע־

דענקט? געשפּיעלט אייער פּיעסע. ביי מיר איז צייטיג געוואָרען אַ מאָטיוו, מען דאַרף נאָר אויפפרישען אין זכרון דעם אָרט פון דער האַנדלונג.

מ א ש א (צום פאטער): ערלויב מיין מאַן צו נעהמען אַ פערד. ער דאַרף אהיים פאָהרען.

ש א מ ר א י ע ו ו (קרימט איבער): פערד... אהיים... (שטרענג). האָסט אליין געזעהן: מען איז ערשט געווען אויף דער סטאַנציע, מען קען דאָך ניט טרייבען ווידער אַמאָל.

מ א ש א: אָבער ס'זענען דאָך פאַראַן אַנדערע פערד... (זעהט, אַז דער פאטער שווייגט, מאַכט מיט די הענד). מיט אייך אָנ־צוהויבען...

מ ע ד ו ו י ע נ י ע נ ק א: איך וועל צופוס געהן, מאַשאַ. כ'לעבען...

פ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (זיפצט אב): צופוס, אין אַזאַ וועטער... (זעצט זיך ביי'ן לאָמבער־טיש). זייט אַזוי גוט, מיי־נע העררן.

מ ע ד ו ו י ע ד י ע נ ק א: ס'איז דאָך ניט מעהר ווי זעקס ווי'אָרסט... זיי געזונד, (קושט דער ווייב די האַנד). מאַמעניו (די שוויגער שטרעקט איהם אָהן חשק אויס די האַנד). איך וואָלט קיינעם ניט בעאונרוהיגט, אָבער דאָס קליינע קינד... (פערבייגט זיך פאַר אַלעמען). זייט געזונד... (געהט אַוועק; ער געהט, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס פערשולדיגט),

ש א מ ר א י ע ו ו: ניש'קשה, ער וועט דערגעהן. ניט קיין גראַף.

פ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (קלאַפּט איבער'ן טיש): זייט אַזוי גוט, מיינע העררן. לאָמיר ניט פערליערען קיין צייט, מען וועט דאָך באַלד צו אָווענד־מאָלצייט רופען.

שאַמראַיעוו, מאַשאַ און דאָרן זעצען זיך ביים טיש.

א ר ק א ד י נ א (צו טריגאָרין'ען): ווען ס'קומען אָן די לאַנגע הערבסט־אָווענדען, שפּיעלט מען דאָ אין לאָטאָ. טהוט נאָר אַ קוק: אַן אַלטפרענקישע לאָטאָ, די פערשטאָרבענע מוטער האָט

נאָך געשפּיעלט מיט דער זעלבער לאָטאָ, ווען מיר זענען קינדער געווען. אפשר וועט איהר ביז צום מאָלצייט שפּיעלען א קאָן? (זעצט זיך מיט טריגאָרין׳ען ביי׳ן טיש). די שפּיעל איז לאַנגווייליג, נאָר אז מען ווערט צוגעוואוינט, איז ניש׳קשה. (טיילט אוים יעדען צו דריי קאַרטען).

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (בלעטערט דעם זשורנאל): זיין אייגענע ערצעהלונג האָט ער איבערגעלייענט און מיינע — אפילו ניט צו־שניטען (לעגט דעם זשורנאַל אויפ׳ן שרייב־טיש, דערנאך געהט ער צו צו דער לינקער טיר; געהענדיג פערביי דער מוטער, טהוט ער איהר א קוש אין קאָפּ).

א ר ק א ד י נ א: און דו, קאָסטיא?

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: פערצייהע, עפּעס גלוסט זיך מיר ניט... איך וועל זיך דורגעהן אביסעל. (געהט אוועק).

א ר ק א ד י נ א: א קאָן איז — א צוואַנציגער. שטעלט פאר מיר, דאָקטאָר.

ד אָ ר ן: איך טהו אייער בעפעהל.

מ א ש א: אלע האָבען געשטעלט? איך הייב אָן... צוויי און צוואַנציג!

א ר ק א ד י נ א: פארהאַן.

מ א ש א: דריי!..

ד אָ ר ן: יא.

מ א ש א: געשטעלט דריי? אכט! איין און אכציג! צעהן!

ש א מ ר א י ע ו ו: אייל זיך ניט.

א ר ק א ד י נ א: האָט מען מיך אין כארקאָוו אויפגענומען, ליעבע מיינע, נאָך איצט דרעהט זיך מיר דער קאָפּ!

מ א ש א: פיער און דרייסיג!

הינטער דער סצענע שפּיעלט א מעלאַנכאָלישער וואַלס.

א ר ק א ד י נ א: די סטודענטען האָבען מיר אַן אָוואַציע געמאכט... דריי קערב, צוויי קראַנצען און... (נעהמט אראָב פון ברוסט א בראָשקע און וואַרפט אויפ׳ן טיש).

ש א מ ר א י ע ו ו: יא, דאָס איז א זאַך...

מ א ש א: פופציג!..

ד אָ ר ן: אקוראט פופציג?

א ר ק א ד י נ א: איך האָב געהאט א וואונדערבארען טוא־לעט... וואָס — וואָס, אָבער אויף קליידער בין איך א מאדים.

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: קאָסטיא שפּיעלט. ער איז אומעטיג נעבעך.

ש א מ ר א י ע ו ו: אין די צייטונגען זידעלט מען איהם שטארק.

מ א ש א: זיעבען און זיעבעציג.

א ר ק א ד י נ א: מען דארף טאקע קוקען דארויף!

ט ר י ג אָ ר י ן: עס געהט איהם ניט. ער קען אלץ ניט כאפּען זיין ריכטיגען טאָן. עפּעס מאָדנע, אונבעשטימט, צייטענ־ווייז דוכט זיך, אז ס'איז רייד פון היץ. קיין איין לעבעדיגע גע־שטאלט.

מ א ש א: עלף!

א ר ק א ד י נ א (קוקט זיך אום אויף סאָרין'ען): פּיעטרו־שא, דיר איז לאנגווייליג? (פּאוזע). ער שלאָפט.

ד אָ ר ן: דער ווירקליכער שטאטס־ראט שלאָפט.

מ א ש א: זיעבען, ניינציג!

ט ר י ג אָ ר י ן: ווען איך זאָל וואוינען אויף אזא פּאלוואַרק, ביי'ם אזערע, וואָלט איך דען געשריבען? איך וואָלט גובר געווען די ליידענשאפט און כ'וואָלט ניט מעהר געטהאָן נאָר געכאפּט פיש.

מ א ש א: אכט און צוואנציג!

ט ר י ג אָ ר י ן: כאפּען א העכט אָדער אן אָקון — ס'איז דאָך אזא פערגניגען!

ד אָ ר ן: און איך גלויב אין קאָנסטאנטין גאוורילאָוויטש'ן. עפּעס האָט ער אין זיך. עפּעס האָט ער אין זיך! ער דענקט אין בילדער, זיינע ערצעהלונגען זענען פארביג, העל, און איך לעב זיי שטארק איבער. א שאד נאָר, וואָס ער האָט ניט קיין בעשטימטע צוועקען. ס'מאכט אן איינדרוק, און ניט מעהר; און דערמיט קען

מען דאַך ווייט ניט געהן. אירינא ניקאָלאיעוונא, אייך פּרעהט, וואָס איהר האָט א זוהן א שרייבער?

אַרקאַדינא: שטעלט אייך פאר, איך האָב נאָך ניט גע־לעזען. אַלץ ניטאָ קיין צייט.

מאשא: זעקס און צוואנציג!

טרעפּליעוו קומט שטיל אריין און געהט צו זיין טיש.

שאַמראַיעוו (צו טריגאָרין׳ען): און ביי אונז, באַ־רים אַלעקסעיעוויטש, איז געבליבען אייערע א זאַך.

טריגאָרין: וואָס פאר א זאַך?

שאַמראַיעוו: קאָנסטאַנטין גאַווריליטש האָט אמאָל געשאָסען א וואסער־פויגעל, און איהר האָט מיר געהייסען אויס־שטאָפּען די פעל.

טריגאָרין: איך געדענק ניט. (טראכט). געדענק ניט.

מאשא: זעקס און זעכציג! איינס!

טרעפּליעוו (רייסט אויף דעם פענסטער, הערט זיך צו): ווי פינסטער! איך פערשטעה ניט פארוואָס איך בין אזוי אונ־רוהיג.

אַרקאַדינא: קאָסטיא, פערמאַך דעם פענסטער, ס׳איז א ווינד.

טרעפּליעוו פערמאַכט דעם פענסטער.

מאשא: אכט און אכציג!

טריגאָרין: איך האָב געוואונען, מיינע הערען!

אַרקאַדינא (פרעהליך): בראוואָ! בראוואָ!

שאַמראַיעוו: בראוואָ!

אַרקאַדינא: אָט דער מענש האָט שטענדיג און אומע־דום מזל. (שטעהט אויף). און איצט לאָמיר עפּעס פערבייסען. אונ־זער בעריהמטהייט האָט היינט ניט געמיטאָגט. נאָך׳ן אָווענד־מאָל־צייט וועלען מיר ווידער שפּיעלען. (צום זוהן): קאָסטיא, לעג אוועק דיינע מאַנוסקריפּטען לאָמיר געהן עסען.

טרעפּליעוו: כ׳וויל ניט, מאַמא, איך בין זאַט.

אַרקאַדינא: ווי דו ווילסט זיך. (וועקט סאָרין׳ען).

פעטרושא, עסען! (נעהמט שאַמראַיעוו'ן אונטער'ן ארים). איך וועל איך דערצעהלען, ווי מען האָט מיך אויפגענומען אין כארקאָוו.

פאָלינאַ אַנדרעיעווגאַ פערלעשט די ליכט אויף'ן טיש, דערנאָך פיהרט זי צוזאַמען מיט דאָרן'ען דעם פאַטער־שטול. אַלע געהען אַוועק אין דער לינקער טיר; אויף דער סצענע בלייבט נאָר טרעפּליעוו ביי'ם שרייב־טיש.

ט ר ע פ ל י ע ו ו (גרייט זיך צום שרייבען; קוקט דורך, וואָס איז שוין אָנגעשריבען): איך האָב אזוי פיעל גערעדט וועגען נייע פארמען, און איצט פיהל איך, אז ביסלעכווייז־ביסלעכווייז פאַל איך אליין אראָב צו א שאבלאָן. (לעזט). „די אפישע אויף'ן פאר־קאן האָט געזאָגט..." — א ברייט געזיכט אין א ראהם פון טונקע־לע האָר..." „געזאָגט", „א ראהם..." דאָס איז טאלאנטלאָז. (פערשטרייכט). איך וועל אנהויבען דערפון, ווי דעם העלד האָט אויפגעוועקט דער רויש פון'ם רעגען, און דאָס איבעריגע ווארף איך ארויס. די בעשרייבונג פון דער לבנה נאכט איז לאנג און געקינ־סעלט. טריגאָרין האָט זיך שוין זיין שניט, איהם איז לייכט... ביי איהם אויף א דאמבע בלישטשעט א שערבעל פון א צובראָכענעם פלאש און עס טונקעלט דער שאָטען פון'ם מיהל־ראד — און איהר האָט א לבנה־נאכט, און ביי מיר איז א ציטעריגע ליכט, און שטיל בליקען די שטערן, און עס הערען זיך ווייטע קלאנגען פון א פיאַ־נא, וואָס שטארבען אָב אין דער שטילער, שמעקעדיגער לופט... דאָס איז פיינליך. (פאוזע). יא, איך קום אלץ מעהר צו דער איבער־צייגונג, אז וויכטיג זענען ניט די אלטע און נייע פאָרמען, וויכטיג איז, וואָס א מענש שרייבט, ניט האָבענדיג אין זינען קיינע פאָרמען, נאָר ווייל עס גיסט זיך פריי ארויס פון טיעפעניש פון זיין נשמה. (עמיצער קלאפּט אין פענסטער, וואָס איז נעבען טיש). וואָס איז? (קוקט אין פענסטער אריין). מען זעהט גאָרניט. (עפענט די גלעזער־נע טיר און קוקט אין גארטען). עמיצער איז אראָבגעלאָפען פון די שטיגען. (רופט). ווער איז עס? (געהט אוועק; מען הערט ווי ער געהט שנעל אויף דער טעראַסע; אין אַ האַלבע מינוט אָרום קעהרט ער זיך אום מיט נינאַ זאַריעטשנאַיאַ). נינא! נינא!

נינאַ לעגט איהם דעם קאָפּ אויף'ן ברוסט און וויינט איינגעהאל־טען.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (געריהרט): נינא! נינא! דאָס זייט איהר... איהר... עפּעס האָט מיר דאָס הארץ געזאגט, א גאנצען טאג איז מיין נשמה פאר בענקשאפט אויסגעגאנגען. (נעהמט אראָב פון איהר דעם הוט און די טאַלמע). אָה, מיין גוטע, מיין איינאייני־ציגע, זי איז געקומען! מיר וועלען ניט וויינען, ניט וויינען!

נ י נ א: דאָ איז עמיצער פארהאן?

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: קיינער ניט.

נ י נ א: פערשליסט די טירען, אניט וועט מען נאָך אריינ־קומען.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: קיינער וועט ניט קומען.

נ י נ א: איך ווייס, אירינא ניקאָלאיעווּנא איז דאָ. פער־שליסט די טירען.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (פערשליסט די רעכטע טיר, געהט צו צו דער לינקער): דאָ איז ניטאָ קיין שלאָס. איך וועל פארשטעלען מיט א שטול. (שטעלט ביי'ן טיר א פאטער־שטול). האָט קיין מורא ניט, קיינער וועט ניט קומען.

נ י נ א (קוקט איהם שטאר אין געזיכט): לאָזט מיר, איך וועל א קוק טהאָן אויף אייך. (קוקט זיך אום). ווארעם, גוט... אמאָל איז דאָ געווען דער גאסט צימער. איך האָב זיך שטארק געביטען?

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: יא... איהר זייט דאר געוואָרען און די אויגען זענען ביי אייך געוואָרען גרעסער. נינא, ס'איז עפּעס מאָד־נע, וואָס איך זעה אייך. פאַרוואָס פלעגט איהר מיך ניט צולאָזען צו זיך? פאַרוואָס זענט איהר ביז איצט ניט געקומען? איך ווייס, איהר וואוינט שוין דאָ כמעט א וואָך... יעדען טאָג בין איך געגאנגען צו אייך עטליכע מאָל, געשטאנען אונטער אייער פענ־סטער, ווי א בעטלער.

נ י נ א: איך האָב מורא געהאט, אז איהר האָט מיך פיינט. יעדע נאכט חלום'ט זיך מיר, אז איהר קוקט אויף מיר און דער־קענט מיך ניט. ווען איהר זאָלט וויסען! זינט איך בין געקומען,

געה איך דאָ אַלץ אַרום, אַרום אַזערע. געווען פיעל מאָל נעבען איי־
ער הויז און ניט געהאַט קיין מוט אַריינצוגעהן. לאָמיר זיך זעצען.
(זעצען זיך). מיר וועלען זיך זעצען און שמועסען, שמועסען. דאָ
איז גוט, וואַרעם, היימליך... איהר הערט — אַ ווינד? ביי טורגע־
ניעוו איז פאַרהאַן ערגעץ: „וואויל איז דעם מענשען, וואָס זיצט
אין אַזעלכע נעכט אין אַ הויז און האָט אַ וואַרעמע היים". איך
בין אַ וואַסער־פויגעל... ניין, ס'איז ניט דאָס. (רייבט דעם שטערן).
וועגען וואָס האָב איך גערעדט? יאַ... טורגעניעוו... „און
זאָל גאָט העלפען אַלע וואַנדערער, וואָס האָבען ניט קיין היים..."
גאָרניט. (וויינט).

טרעפּליעוו: נינאַ, ווידער?.. נינאַ!

נינאַ: ס'שאַדט ניט, מיר ווערט דערפון לייכטער... איך
האָב שוין צוויי יאָהר ניט געוויינט. נעכטען שפּעט ביינאַכט בין
איך געגאַנגען אַ קוק טהאָן, צי איז נאָך אונזער טעאַטער גאַנץ. און
ער שטעהט נאָך ביז איצט. איך האָב זיך צוואָוויינט דאָס ערשטע
מאָל נאָך צוויי יאָהר און מיר איז געוואָרען גרינגער און ליכטיגער
אויף'ן הארצען. איהר זעהט, איך וויין שוין ניט. (נעהמט אָן זיין
האַנד). זענט איהר, אַלזאָ, שוין אַ שרייבער געוואָרען... איהר אַ
שרייבער, איך — אַן אַקטריסע... אונז האָט אַריינגעצויגען דער
שטראָם... געלעבט האָב איך אין פרייד, קינדיש — כ'פלעג אויפ־
שטעהן אין־דער־פריה און צוזינגען זיך; האָב אייך ליעב געהאַט,
געחלומ'ט וועגען רוהם, און איצט? מאָרגען אין־דער־פריה פאָה־
רען אין יעלעץ מיט'ן דריטען קלאַס... מיט פויערן, און אין יעלעץ
וועלען געבילדעטע סוחרים צושטעהן מיט זייערע קאָמפּלימענטען.
גראָב איז דאָס לעבען!

טרעפּליעוו: וואָס עפּעס קיין יעלעץ?

נינאַ: איך בין אַנגאַזשירט אויף'ן גאַנצען ווינטער. שוין
צייט צו פאָהרען.

טרעפּליעוו: נינאַ, איך האָב אייך פערשאָלטען, פיינט
געהאַט, איך פלעג צורייסען אייערע בריעף און פאָטאָגראַפיעס,
נאָר יעדע רגע האָב איך געפיהלט אַז מיין נשמה איז צוגעבונדען

צו אייך אויף אייביג. אויפהערען אייך ליעב צו האָבען איז איבער מיינע כחות, נינא. זינט איך האָב אייך פערלוירען און אָנגעהויבען דרוקען זיך, איז דאָס לעבען געוואָרען פאַר מיר אונערטרעגליך, — איך לייד... מיין יוגענד האָט זיך עפּעס ווי פּלוצלינג אָבגעריסען, און מיר דוכט, אז איך האָב שוין געלעבט אויף דער וועלט ניינציג יאהר. איך רוף אייך, קוש די ערד, וואו איהר האָט געטראָטען; וואו איך טהו ניט א קוק, אומעטום זעה איך, דוכט זיך מיר, אייער געזיכט, אייער ליעבען שמייכעל, וואָס האָט געלויכטען פאַר מיינע אויגען די בעסטע יאָהרען פון מיין לעבען...

נ י נ א (צוטומעלט): צו וואָס רעדט ער אזוי, צו וואָס רעדט ער אזוי?

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: איך בין איינזאם, מיר ווארעמט ניט קיין געפיהל פון ליעבע, מיר איז קאַלט ווי אין אן אונטערערדישען רוים, און אלץ וואָס איך שרייב איז טרוקען, אָהן הארץ, פינסטער. בלייבט דאָ, נינא, איך בעט אייך זעהר, אָדער ערלויבט מיר מיטצופאָהרען מיט אייך!

נינאַ טהוט אָן שנעל דעם הוט און טאַלמע.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: נינא, צו וואָס? אין גאָטעס ווילען, נינא... (קוקט, ווי זי טהוט זיך אָן; פּאוזע).

נ י נ א: מיינע פערד שטעהען ביי'ן פורטקע. בעלייט מיך ניט, איך וועל אליין טרעפען... (אין טרערען). גיט מיר אביסעל וואסער...

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (גיט איהר וואַסער): וואוהין פאהרט איהר איצט?

נ י נ א: אין שטאָדט. (פּאוזע). אירינא ניקאלאיעוונא איז דאָ?

ט ר ע פּ ל י ע ו ו: יא... דאָנערשטאג האָט דער אָנקעל זיך שלעכט געפיהלט, האָבען מיר איהר טעלעגראפירט, זי זאָל קומען צופאָהרען.

נ י נ א: צו וואָס זאָגט איהר, אז איהר האָט געקושט די ערד, וואו איך האָב געטראָטען? מיך דאַרף מען טויטען. (בויגט

זיך אן צום טיש). איך בין אזוי פערמאטערט! אַברוהען... אַברו־הען! (הייבט אויף דעם קאָפּ). איך בין א וואסער־פויגעל. ניין. איך בין אן אקטריסע. (דערהערט אַרקאַדינאַ'ס און טריגאָרין'ס געלעכטער, הערט זיך צו, דערנאך לויפט זי צו דער לינקער טיר און קוקט אין שפּאַלט פון'ם שליסעל). ער איז אויך דאָ... (קעהרט זיך אום צו טרעפּליעוו'ן). נו, יא, גאָרניט... יא... ער האָט ניט געגלויבט אין טעאטער, אלץ געלאכט פון מיינע חלומות, און ביסלעכווייז האָב איך אויך אויפגעהערט צו גלויבען און געוואָרען אָבהענדיג... דערצו נאָך די זאָרגען פון ליעבע, אייפערזוכט, א שטענדיגער שרעק פאר'ן קינד... איך בין געוואָרען קליינליך, נישטיג, געשפּילט אונזיננינג... איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט די הענד, ניט געקענט שטעהן אויף'ן סצענע, ניט בעהערשט מיין שטימע. איהר פערשטעהט ניט, ווי ס'איז אויף'ן הארצען, ווען מען פיהלט זיך, אז מען שפּיעלט שרעקליך. איך בין א וואסער־פויגעל. ניין, ניט דאָס... איהר געדענקט, איהר האָט געשאָסען א וואסער־פויגעל? איז צו־פעליג געקומען א מענש, האָט זי דערזעהן און, ניט האָבענדיג וואָס צו טהאָן, געמאכט א תל פון איהר לעבען... א סוזשעט פאר א קליינער ערצעהלונג... וואָס רעד איך... (רייבט זיך דעם שטערן). ביי וואָס האַלט איך?.. איך רייד וועגען דער סצענע. איצט בין איך שוין ניט אזוי... איך בין שוין אן אמת'ע אקטריסע, איך שפּיעל מיט פערגניגען, מיט ענטציקונג, איך ווער בערוישט אויף דער סצע־נע, און פיהל, אז איך בין הערליך. און איצט, די גאנצע צייט וואָס איך לעב דאָ, געה איך אלץ צופוס, געה ארום און טראכט, טראכט און פיהל, ווי עס וואקסען וואָס א טאג מיינע גייסטיגע קרעפטען... איצט ווייס איך, איך פערשטעה, קאָסטיא, אז אין אונזער ארבייט, — עס מאכט ניט אוים וואָס מיר טהוען, צי מיר שפּיעלען אויף דער סצענע, צי מיר שרייבען — איז דער עיקר ניט רוהם ניט גלאנץ, ניט דאָס, וואָס איך האָב אמאָל גע'חלומ'ט, נאָר — קענען ליידען. שטארק זיך און טראג דיין קרייץ און גלויב. איך גלויב, און דאָס הארץ טהוט מיר ניט אזוי וועה, און, ווען איך טראכט וועגען מיין בערוף, האָב איך ניט מורא פאר'ן לעבען.

ט ר ע פ ל י ע ו ו (טרויריג): איהר האָט געפונען אייער וועג, איהר ווייסט וואוהין איהר געהט, און איך בלאָנדזשע נאָך אלץ ארום אין'ם כאָאָס פון חלומות און געשטאלטען, ניט וויסענדיג, צו וואָס און ווער דארף עס. איך גלויב ניט און ווייס ניט, וואָס איז מיין בערוף.

נ י נ א (הערט זיך צו): טס... איך געה. זייט געזונד. ווען איך וועל ווערען א גרויסע אקטריסע, קומט צופאָהרען א קוק טהאָן אויף מיר. איהר זאָגט צו? און איצט... (דריקט זיין האַנד). שוין שפּעט. קוים וואָס איך שטעה אויף די פיס... איך בין פערמאטערט, מיר ווילט זיך עסען...

ט ר ע פ ל י ע ו ו: בלייבט, איך וועל אייך געבען עפּעס צו עסען...

נ י נ א: ניין, ניין... בעלייט מיך ניט, איך וועל אליין טרעפען... מיינע פערד זענען דאָ נאָהענט... זי האָט איהם, הייסט עס, געבראכט מיט זיך? וואָס זשע איז? ס'איז אלץ איינס. אז איהר וועט זעהן טריגאָרין'ען, זאָגט איהם גאָרניט... איך האָב איהם ליעב. כ'האָב איהם ליעב נאָך שטארקער ווי פריהער... א סוזשעט פאר א קליינער ערצעהלונג... כ'האָב ליעב, ליעב ליידענשאפטליך, ליעב משוגע צו ווערען. גוט איז געווען אמאָל, קאָסטיא! איהר געדענקט? וואָס פאר א ליכטיג, פריידיג, ווארעם, ריין לעבען, ס'ארא געפיהלען — געפיהלען, וואָס זענען, ווי צארטע, שעהנע בלומען... איהר געדענקט? (לעזט פאָר). מענשען, לייבען, אדלער און רעב־היהנער, געהארנטע הירשען, גענז, שפּינען, שווייגענדיגע פיש וואָס האָבען געלעבט אין וואסער, ים־שטערן און אלע די, וואָס דאָס אויג האָט ניט געקענט דערזעהן, — מיט איין וואָרט אלע לעבענס, אלע לעבענס האָבען דורכגעמאכט דעם טרויריגען קרייז און זענען אויסגעלאָשען געוואָרען. שוין טויזענדער דורות, ווי די ערד טראגט ניט אויף זיך קיין איין לעבעדיג בעשעפעניש, און די ארימע לבנה צינדט אָן אומזיסט איהר לאמטערן... אויף'ן לאָנקע ערוואכען שוין ניט מעהר מיט א געשריי די זשוראוו־

לען און עס לאָזען זיך שוין מעהר ניט הערען די מאַי־זשוקעס אין די ליפּאווע וועלדער...“

נעהמט העפטיג ארום טרעפּליעוו׳ן און לויפט אוועק דורך די גלעזערנע טיר.

ט ר ע פּ ל י ע ו ו (נאך א פּאוזע): ס׳וועט ניט גוט זיין, אויב עמיצער וועט איהר בעגעגנען אין גארטען און וועט דערנאָך דערצעהלען דער מאמען. דאָס קען איהר וועה טהאָן...

צורייסט שטיל אין משך פון צוויי מינוטען אַלע זיינע מאַנוסקריפּטען און וואַרפט אונטער׳ן טיש, דערנאך עפענט ער די רעכטע טיר און געהט אוועק.

ד אָ ר ן (סטאַרעט זיך צו עפנען די לינקע טיר): מאָדנע. די טיר איז דוכט זיך פערשלאָסען... (געהט אריין און שטעלט אוועק אויף׳ן אָרט דעם פאטער־שטול). א לויפעניש מיט שטערונגען.

ס׳געהען אריין אַרקאַדינאַ, פּאלינאַ אַנדרעיעוונאַ, נאָך זיי יאַקאָוו מיט פלעשער און מאַשאַ, דערנאך שאַמראַיעוו און טריגאָרין.

א ר ק א ד י נ א: רויטען וויין און ביער פאר באָרים אַלעקסעיעוויטש׳ן שטעלט אהער, אויפ׳ן טיש. מיר וועלען שפּיעלען און טרינקען. לאָמיר זיך זעצען, מיינע העררן.

פּ אָ ל י נ א א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (צו יאקאָוו׳ן): דער־לאנג באלד אויך דעם טהעע. (צינדט אן די ליכט, זעצט זיך בײ׳ם לאָמ־בער־טיש).

ש א מ ר א י ע ו ו (פיהרט צו טריגאָרין׳ען צום שראַנק): אָט איז די זאך, וועגען וועלכער איך האָב דאמאָלסט גערעדט... (נעהמט ארויס פון שראַנק די געשטאָפּטע פעל פון דעם וואַסער־פויגעל). איהר האָט עס געהייסען בעשטעלען.

ט ר י ג אָ ר י ן (קוקט אויף דעם פויגעל): איך געדענק ניט! (טראכט אַ ווײַלע). איך געדענק ניט!

רעכטס הינטער דער סצענע אַ שאָס; אַלע ציטערן אויף.

א ר ק א ד י נ א (דערשראָקען): וואָס איז דאָס?

ד אָ ר ן: גאָרניט. ס׳האָט געמוט עפּעס פּלאַצען אין מיין רייזע אַפּטייקעל. זייט ניט אונרוהיג. (געהט אוועק דורך די רעכטע

טיר, אין אַ האַלבע מינוט אַרום קעהרט ער זיך אום). איך האָב גע־טראָפען. ס'האָט געפּלאַצט אַ גלעזעל עטהער. (זינגט זיך צו). ווייע־דער שטעה איך נעבען דיר פער'כשופ'ט..."

אַרקאַדינא (זעצט זיך ביי'ם טיש): פוי, כ'האָב זיך דער־שראָקען. דאָס האָט מיך דערמאָנט אָן... (פערדעקט דעם פּנים מיט די הענד). אין די אויגען איז מיר פינסטער געוואָרען...

דאָרן (בלעטערט אַ זשורנאַל, צו טריגאָרין'ען): מיט אַ צוויי חדשים צוריק איז דאָ געווען אַן אַרטיקעל... אַ בריעף פון אַמעריקא, האָב איך אייך אגב געוואָלט פרעגען... (נעהמט טריגאָרין'ען פאַר'ן טאַליע און פיהרט איהם אָב צו'ם ברעג ביהנע). אַזוי ווי איך אינטע־רעסיר זיך זעהר מיט דער פראַגע... (מיט אַ טאָן ניעדעריגער, מיט אַ האַלבען קול). פיהרט ערגעץ אַוועק פון דאַנען אירינא ניקאָלאַיעוו־נאַ'ן. פערשטעהט איהר מיך, קאָנסטאַנטין גאַווריליאָוויטש האָט זיך דערשאָסען...

פאָרהאַנג.

דער קאַרשען-גאָרטען.

פערזאָנען:

ראנעווסקאיא, ליובאוו אנדרעיעוונא, א גוטס־בעזיצערין.
אניא, איהר טאכטער, 17 יאָהר אלט.
ווארייא, איהר אַדאָפּטירטע טאכטער, 24 יאהר אַלט.
גאיעוו, לעאָניד אנדרעיעוויטש, ראַנעווסקאַיאַ'ס ברודער.
לאפּאכין, יערמאלאי אלעקסעיעוויטש, א סוחר.
טראפימאוו, פיאטר סערגעיעוויטש, אַ סטודענט.
סימעאָנאָוו ־ פּישטשיק, באָריס באָריסאָוויטש, א גוטס־בע־ זיצער.
שארלאָטא איוואנאָוונא, אַ גוברנאַנטקע.
יעפּיכאדאוו, סעמיאָן פּאנטעליעוויטש, א קאנטארשטשיק.
דוניאשא, אַ שטוב־מיידעל.
פירס, אַ לאַקעי, אַן אַלטיטשקער פון 87 יאָהר.
יאשא, אַ יונגער לאַקעי.
א דורכגעהער.
דער אויפזעהער פון דער סטאַנציע.
אַ פּאָסט־בעאַמטער.
געסט, בעדינטע.

די האנדלונג קומט פאר אין ל. א. ראַנעווסקאַיאַ'ס גוט.

ערשטער אַקט.

אַ צימער, וואס הייסט נאך אלץ קינדער־צימער. טירען, איינע פון זיי פיהרט אין אַניאַ'ס צימער. פארטאָג, די זון האַלט ביים אויפגעהן. שוין מאי, עס בליהען די קארשען־ביימער, אבער אין גארטען איז קאלט. א פריהמאָרגען־פרעסטעל. די פענסטער אין צימער זענען צוגעמאַכט. עס געהען אריין, דוניאַשאַ מיט אַ ליכט און לאָפּאכין מיט אַ בוך אין האַנד.

ל אָ פּ א כ י ן: דער צוג איז שוין געקומען, גאט צו דאנקען. ווי שפּעט איז איצט?

ד ו נ י א ש א: שוין באלד צוויי. (לעשט אויס דאס ליכט). שוין ליכטיג.

ל אָ פּ א כ י ן: אויף וויפיעל זשע האָט דער צוג פערשפּעטיגט? אויף א שעה צוויי ווענינגסטענס. (גענעצט און ציהט זיך אויס). א שעהנער מענש בין איך, זיך צום נאר'ן געמאכט! קום אומישנע צופאָהרען אהער צו בעגעגנען דעם גאסט אויף דער סטאנציע, און נא־דיר, גאָר פערשלאָפען... איך בין מיר געזעסען און אנדרימעלט געוואָרען. א פערדראָס... האָסטו מיך ניט געקענט אויפוועקען?

ד ו נ י א ש א: כ'האָב געמיינט, אז איהר זייט אוועקגעפאָהרען. (הערט זיך צו). דוכט זיך זיי פאָהרען שוין.

ל אָ פּ א כ י ן (הערט זיך צו): ניין... איידער מען נעהמט ארויס דעם באגאזש, אהין — אהער... (פּאוזע). ליובאָוו אנדריעיעווּנא האָט אין אויסלאנד געלעבט פינף יאָהר, איך וויים ניט וואס פאר א מענש זי איז איצט... זי איז א גוטער מענש. א לייכטער, איינפאכער מענש. איך געדענק, ווען איך בין געווען א יונגעל פון א יאָהר פופצעהן, האָט מיך מיין פערשטאָרבענער פאָטער — ער האָט געהאט א קראָם אין דאָרף — א זעץ געטהאָן איבער'ן פּנים מיט'ן פויסט, האָט ער מיר צובלוטיגט די נאָז... מירביידע זענען

דאמאלס נאך עפעס געקומען אין הויף, און ער איז געווען שכור'לעך. ליובאוו אנדרעיעווגא — איך געדענק עס נאך ווי היינט — נאך א יונגינקע, אזא דארינקע, האט מיך צוגעפיהרט צום האנד־פאס, איז אט דעם זעלבען צימער איז דאס געווען, אינ'ם קינדער־צימער. „וויין ניט, — זאגט זי, — פויערל, ביז דער חתונה וועט זיך אויס־היילען"... (פאוזע). פויערל... מיין פאטער איז טאקע געווען א פויער. און איך טראג א ווייסע זשילעט מיט געלע שיך. מיט א חזיר'שען שנויץ ארויפגעקראכען אויבען־אן... נישט מעהר, א רייכער יונג, געלד א סך, אבער אז מען רעכענט איבער און מען קלייבט פונאנדער, איז א פויער ווי אלע פויערים... (בלעטערט דאס בוך). גע־לעזען אט דאס בוך און א ווארט ניט פערשטאנען. געלעזען און אנ־שלאפען געווארען (פאוזע).

דוניאשא: און די הינד האבען א גאנצע נאכט ניט גע־רוהט, זיי פיהלען אז די בעלי־הבתים פאהרען.

לאפאכין: וואס איז מיט דיר, דוניאשא?

דוניאשא: די הענד ציטערן. איך וועל באלד חלש'ן.

לאפאכין: ביזט שוין צו אז איידעלע, דוניאשא. געהסט אנגעטהאן, ווי א מאמזעל, און די האר פערקאמט אזוי. דאס טויג ניט. מען דארף וויסען ווער מען איז.

יעפיכאדאוו קומט אריין מיט א בוקעט; אנגעטהאן אין א פיד־זשאק, די שטיוועל בלישטשען העל און סקריפען שטארק; אריינגעהענ־דיג, פאלט איהם ארויס פון האנד דער בוקעט.

יעפיכאדאוו (הייבט אויף דעם בוקעט): דאס האט דער גערטנער געשיקט, ער זאגט, מען זאל אין עס־צימער שטעלען. (גיט אב דוניאשא'ן דעם בוקעט).

לאפאכין: און קוואס זאלסטו מיר ברענגען.

דוניאשא: יא. (געהט אוועק).

יעפיכאדאוו: איצט איז א פריהמארגען - פרעסטעל. דריי גראד פראסט, און אלע קארשען־ביימער בליהען. איך קען ניט האלטען פון אונזער קלימאט. (זיפצט אב). כ'קען ניט. אונזער קלי־מאט קען ניט גינסטיג זיין. פערשטעהט איהר מיך. האב איך מיר.

יערמאַלאַי אַלעקסעאיטש, ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, געקויפט עהערנעבטען שטיוועל, סקריפּען זיי, איך נעהם זיך דאָס רעכט אייך צו פערזיכערן, אַז ס'איז איבער די כחות. מיט וואָס שמירט מען זיי אוים?

לאָפּאַכין: טשעפּע זיך אָב. האָסט מיר דערעסען.

יעפּיכאָדאָוו: יעדען טאָג טרעפט זיך מיט מיר עפּעס אַן אומגליק. און איך קלאָג זיך ניט, בין שוין געוועהנט. כ'שמייכעל צו אפילו.

דוניאַשאַ געהט אריין, דערלאַנגט לאָפּאַכין'ען קוואָס.

יעפּיכאָדאָוו: איך געה. (קריכט אַרויף אויף אַ שטול, וואָס פאַלט אום). אָט... (ווי טריאומפירענדיג). אָט זעהט איהר, ענטשולדיגט פאַר דעם אויסדרוק, וואָס פאַר אַן אומשטאַנד, אַגב גערעדט... דאָס איז גאַר מערקווירדיג אפילו! (געהט אַוועק).

דוניאַשאַ: און ביי מיר — איך מוז אייך מודה זיין, יערמאַלאַי אַלעקסעאיטש, — האָט יעפּיכאָדאָוו די האַנד געבעטען.

לאָפּאַכין: אַה!

דוניאַשאַ: איך ווייס אַליין ניט... אַ מענש איז ער אַ שטילער, נאָר אַנאַנדערשט מאָל, אַז ער הויבט אָן רעדען, קען מען גאָרניט פערשטעהן. ס'איז אי גוט אי האַרציג, נאָר ניט פערשטענדליך. מיר געפעלט ער עפּעס. ער ליעבט מיך שרעקליך. אַ מענש איז ער אַ שלים־מזל'דיגער, יעדען טאָג מאַכט זיך איהם עפּעס. מען רופט איהם טאַקע ביי אונז מיט'ן צונאָמען: צוויי און צוואַנציג אומגליקען...

לאָפּאַכין (הערט זיך צו): אָט, דאַכט זיך זיי פאָהרען...

דוניאַשאַ: זיי פאָהרען! וואָס טהוט זיך דאָס מיט מיר... מיר איז קאַלט געוואָרען.

לאָפּאַכין: זיי פאָהרען טאַקע אויף אַן אמת. לאָמיר זיי געהן בעגעגנען. וועט זי מיך דערקענען? גאַנצע פינף יאָהר ניט געזעהן זיך.

דוניאַשאַ (אַן אויפגערעגטע): באַלד פאַל איך... אַה, איך פאַל...

מען הערט, ווי צוויי עקיפאזשען פאהרען צו צום הויז. לאפאכין און דוניאשא גיהען געשווינד אַוועק. די סצענע איז לעדיג. אין די ארומיגע צימערן ווערט אַ טומעל. איבער'ן סצענע, זיך אנלעהנענדיג אויף אַ שטעקעל, געהט דורך איילענדיג פירס, וואס איז געפאהרען בעגעגנען ליובאוו אַנדרעיעווגאַ; ער טראגט אן אַלט־פרענקישע ליוורעע און אַ הויכען הוט. ער רעדט עפּעס צו זיך, נאַר מען קען ניט כאַפּען קיין וואָרט. דער טומעל הינטער דער סצענע ווערט אַלץ גרעסער. אַ שטימע: — „לאמיר דורכגעהן דא"... ליובאוו אנדרעיעוונא, אניא און שארלאטא איוואנאוונא מיט אַ הינטעל אויף אַ קייטעל, אלע אנגעטהאן ווי מענשען פון וועג, ווארוא אין אַ פּאַלטא און אַ טיכעל, גאיעוו, סימעאָנאָוו־פּישטשיק, לאפאכין, דוניאשא מיט אַ פּעקעל און שירם, בעדינטע מיט זאכען — אלע געהען דורכ'ן צימער.

אַ נ י אַ: לאמיר דאַ דורכגעהן. געדענקסט, מאַמאַ, וואס פאר א צימער דאס איז?

ל י ו ב אַ ו ו אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ (פריידיג, אין טרערען): דער קינדער־צימער!

ו ו אַ ר י אַ: ווי קאַלט עס איז, די הענד זענען מיר פער־פרוירען געוואָרען. (צו ליובאוו אַנדרעיעוונאַ) אייערע צימערן, דער ווייסער און דער פיאָלעטער זענען געבליבען, ווי געווען, מאַמעניו.

ל י ו ב אַ ו ו אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ אַ: דער קינדער־צימער, מיין ליעבע, איז א פיינער צימער... דאַ בין איך געשלאָפען, ווען כ'בין גע־ווען א קליין קינד... (וויינט). און איצט בין איך אויך גאר ווי א קינד... (קושט דעם ברודער, וואַריאַ'ן, דערנאך וויעדער דעם ברודער). און ווארוא איז אַלץ דיזעלבע ווי אמאל, קוקט אויס, וי א מאנאשקע. און דוניאשא'ן האב איך דערקענט... (קושט דוניאַשאַ'ן).

ג אַ י ע ו ו: דער צוג האט פערשפּעטיגט אויף צוויי שעה. ווי געפעלט עס אייך? אויך מיר ארדנונגען!

ש אַ ר ל אַ ט אַ (צו פּישטשיק'ן): מיין הונד עסט נים אויך.

פּ י ש ט ש י ק (פערוואונדערט): טאקע!

אַלע געהען אַוועק, אויסער אַניאַ און דוניאַשאַ.

ד ו נ י א ש א: קוים דערוואַרט זיך... (נעהמט אַנאַ'ן אראב דעם פּאַלטא און הוט).

א נ י א: איך בין אין וועג פיער נעכט ניט געשלאָפען... איצט בין איך גאָר א פערפרוירענע.

ד ו נ י א ש א: איהר זייט אוועקגעפאָהרען צום גרויסען פאַסט, דאַמאַלס איז געווען א שניי, א פראָסט, און איצט? טייערע מיינע! (לאַכט, קושט איהר) קוים דערוואַרט זיך אויף אייך, פרייד מיינע, קרוין מיינע... איך מוז אייך באלד דערצעהלען, איך קען ניט אויסהאלטען קיין איין רגע...

א נ י א (פערשלאָפען): שוין ווידער עפּעס...

ד ו נ י א ש א: יעפּיכאָדאָוו, דער קאַנטאָרשטשיק, האָט גע־בעטען מיין האַנד נאָך די חגא'ס.

א נ י א: אלץ די זעלבע זאַך... (פעררייכט די האָר). כ'האָב פער־לוירען אלע האָרנאָדלען... (זי איז זעהר פערמאַטערט, וואַקעלט זיך אַזש).

ד ו נ י א ש א: איך הויב ניט אָן צו וויסען וואָס צו טהאָן. ער האָט מיך ליעב, אזוי ליעב!

א נ י א (קוקט אַריין צוריק אין טיר, צערטליך): מיין צימער, מיינע פענסטער, גלייך ווי איך וואָלט גאָרניט אוועקגעפאָהרען. איך בין אין דער היים! מאָרגען פריה שטעה איך אויף און לויף באלד אין גאָרטען... אַ, כ'זאָל נאָר קענען אנשלאָפען ווערען! א גאַנצען וועג האָב איך קיין אויג ניט צוגעמאַכט, עפּעס האָט מיך בעאונרו־היגט.

ד ו נ י א ש א: עהערנעכטען איז פּיאָטר סערגעאיטש געקו־מען צופאָהרען.

א נ י א (פריידיג): פּעטיא!

ד ו נ י א ש א: זיי שלאָפען אין באָד־צימער און דאָרטען וואָהנען זיי אויך. כ'האָב מורא, זאָגען זיי, טאָמער וועל איך צו לאַסט זיין. (גיט אַ קוק אויף איהר טאַשען־זייגערל). מען וואָלט זיי גע־דאַרפט אויפוועקען, אָבער וואַרוואַרא מיכאַילאָוונא האָט ניט גע־הייסען. דו וועק איהם ניט, זאָגט זי.

ס'געט אריין וואריא מיט א פאק שליסלען.

ו ו א ר י א: דוניאשא, דערלאנג די קאווע גיכער, די מאמע בעט קאווע.

ד ו נ י א ש א: די רגע. (געהט אוועק).

ו ו א ר י א: נו, גאט צו דאנקען, געקומען צו פאהרען. ווידער אין דער היים. (לאשטשעט זיך). מיין הארציגע איז צוריקגעקומען! מיין שעהנע מיידעלע איז צוריקגעקומען!

א נ י א: האב איך זיך אנגעליטען!

ו ו א ר י א: איך קען זיך פארשטעלען.

א נ י א: ארויסגעפאהרען בין איך אין די חאגא'עס, דאמאלס איז געווען קאלט. שארלאטא האלט אין איין רעדען דעם גאנצען וועג, מאכט קונצען. און צו וואס האסטו מיר אנגעהאנגען אויף'ן האלז די שארלאטא?

ו ו א ר י א: דו קענסט דאך ניט פאהרען איינע אליין. מיין טייערע, צו זיעבעצעהן יאהר!

א נ י א: מיר קומען צופאהרען קיין פאריז, דארט איז קאלט, א שניי. פראנצויזיש רעד איך שרעקליך שלעכט. די מאמע וואוינט אויף'ן פינפטען שטאק, קום איך צו איהר צוגעהן טרעף איך ביי איהר עפעס אזוינע פראנצויזען, דאמען, אן אלטען גלח מיט א ביכעל, און ס'איז אנגערויכערט, אונבעקוועם. פלוצלונג האב איך דערפיהלט אזא מיטלייד צו דער מאמען, אזא מיטלייד, איך האב ארומגענומען איהר קאפ, צונויפגעדריקט אין די הענד און ניט געקענט ארויסלאזען. די מאמע האט דערייאך אלץ געלאשטשעט זיך צו מיר, געוויינט...

ו ו א ר י א (אין טרערען): רייד ניט, רייד ניט...

א נ י א: די דאטשע ארום מענטאנא האט זי שוין פערקויפט. איהר איז איצט גארניט געבליבען, גארניט. ביי מיר איז אויך ניט געבליבען קיין גראשען. קוים דערפאהרען. און די מאמע פערשטעהט ניט! מיר זעצען זיך אין וואקזאל מיטאגען, בעשטעלט זי די טייערסטע געריכטען, און גיט די לאקייען צו רובל טרינק געלד. שארלאטא אויך דאס אייגענע. יאשא בעשטעלט פאר זיך אויך א

פּאַרציע, ס'איז פּשוט שרעקליך. די מאַמע האָט דאָך אַ לאַקעי, יאַשאַ הייסט ער, מיר האָבען איהם געבראַכט אַהער.

וואַריאַ: איך האָב געזעהן דעם לומפּ.

אַניאַ: נו, האָ? ווי האַלט עס מיט די פּראָצענטען, בע־צאָהלט?

וואַריאַ: ניין.

אַניאַ: גאָט מיינער, גאָט מיינער...

וואַריאַ: אין אויגוסט וועט מען פערקויפען דאָס גוט...

אַניאַ: גאָט מיינער...

לאָפּאַכין (קוקט אַריין אין טיר און מעקעט): מע־ע־ע (געהט אַוועק).

וואַריאַ (אין טרערען): כ'וואָלט איהם דערלאַנגט... (סטראַשעט מיט'ן פויסט).

אַניאַ (נעהמט וואַריא'ן אַרום שטיל): וואַריאַ, ער האָט גע־בעטען דיין האַנד? (וואַריא שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין). ער האָט דאָך דיך ליעב... פאַרוואָס רעדט איהר זיך ניט דורך, וואָס וואַרט איהר?

וואַריאַ: איך מיין, ס'וועט ביי אונז גאָרניט אַרויסקומען. ער האָט אַ סך געשעפטען, איך ליעג איהם ניט אין קאָפּ... ער קוקט אויף מיר גאָרניט. זאָל ער זיך געזונד זיין, מיר איז שווער איהם אָנ־צוזעהן... אַלע רעדען פון אונזער חתונה, אַלע גראַטולירען מיך, און אין דער אמת'ן איז גאָרניט מיט גאָרניט, עפּעס אַלץ ווי אין אַ חלום... (אין אַן אַנדער טאָן). דו האָסט אַ בראַשקע, וואָס זעהט אויס עפּעס ווי אַ ביהן.

אַניאַ (טרויעריג): דאָס האָט מיר די מאַמע געקויפט. (געהט צו זיך אין צימער, זאָגט פריילעך, קינדיש). און אין פּאַריז בין איך אויף אַ לופט־באַלאָן געפלויגען.

וואַריאַ: מיין האַרציגע איז צוריקגעקומען! מיין שעהן מיידעלע איז צוריקגעקומען.

דוניאַשאַ איז שוין געקומען מיט'ן קאַווע־קענדיל און מאַכט קאַווע.

וואַריאַ (שטעהט נעבען טיר): אַ גאַנצען טאָג, מיין טייע־

רע, געה איך מיר ארום דער בעלי־הבית׳ישקייט און טראכט אלץ. ווען מען קען דיך אויסגעבען פאר א רייכען מענשען, וואלט איך אויך דאן געווען רוהיגער; איך וואלט אוועק ערגעץ אין א וויסטע, דערנאך אין קיעוו... אין מאסקווע; איך וואלט מיר אלץ ארומגע־גאנגען איבער די הייליגע ערטער... כ׳וואלט געגאנגען און געגאנגען... ס׳ארא הערליכקייט!..

א נ י א: פייגעל זינגען אין גארטען. ווי שפעט איז איצט?

ו ו א ר י א: ארום דריי, אודאי. שוין צייט דיר געהן שלא־פען, מיין הארציגע. (געהט אריין צו אניא׳ן אין צימער). ס׳ארא הער־ליכקייט!

ס׳געהט אריין יאשא מיט א פליעד און א רייזע־טאשעל.

י א ש א (געהט דורכ׳ן סצענע, דעליקאט): מען מעג דא דורכ־געהן?

ד ו נ י א ש א: ניט צו דערקענען אייך, יאשא. גאר אן אנ־דער מענש געווארען אין אויסלאנד.

י א ש א: הם... און ווער זייט איהר?

ד ו נ י א ש א: ווען איהר זייט אוועקגעפאהרען פון דאנען, בין איך געווען אזא... (ווייזט מיט׳ן האנד אביסעל העכער פון פאד־לאגע). דוניאשא, פיעדאר קאזאיעדאוו׳ס טאכטער. איהר געדענקט ניט!

י א ש א: הם... אוגערקעלע! (קוקט זיך אום און נעהמט איהר ארום, זי טהוט א געשריי און לאזט ארויס פון האנד די שאל. יאשא געהט אוועק געשווינד).

ו ו א ר י א (אין טיר, מיט אן אונצופריעדענער שטימע): וואס איז דא ווידער געשעהן?

ד ו נ י א ש א (אין טרערען): א שאל צובראכען...

ו ו א ר י א: דאס איז א גוטער סמן.

א נ י א (געהט ארויס פון איהר צימער): מען וואלט געדארפט אנזאגען דער מאמען, אז פעטיא איז דא...

ו ו א ר י א: איך האב געהייסען ניט וועקען איהם.

א נ י א (פערטראכט): מיט זעקס יאהר צוריק איז געשטאר־

בען דער פאטער, אין א חדש ארום איז דערטרונקען געווארען אין טייך דער ברודער גרישא, א שעהנינקער זיעבען־יעהריגער יונגעל. די מאמע האט עס ניט געקענט אריבערטראגען, זי איז אוועק, אוועק, ניט אומקוקענדיג זיך... (ציטערט אויף). ווי גוט איך פערשטעה איהר, ווען זי זאל עס וויסען... (פאוזע). פעטיא טראפימאוו איז געוועזן גרישא'ס לעהרער, ער קען איהר נאך דערמאנען...

ס'קומט אריין פירס; אין א פידזשאק און א ווייסען זשילעט.

פ י ר ס (געהט צום קאפעניק, פערזארגט): די מאדאם וועט דא עסען... (טהוט אן ווייסע האנדשוה). שוין פארטיג דער קאפע? (שטרענג צו דוניאשא'ן) דו! און די שמאנט?

ד ו נ י א ש א: אך, מיין גאט... (געהט שנעל אוועק).

פ י ר ס (פארעט זיך ארום קאפע־קאן): אך, דו, צוקראכעניע... (מורמעלט פאר זיך). געקומען צופאהרען פון פאריז... דער פריץ פלעגט אויך אמאל פאהרען קיין פאריז... אויף פערד... (לאכט).

וואריא: פירס, וועגען וואס רעדסטו?

פ י ר ס: וואס בעפעהלט איהר? (פריידיג). די פריצ'טע מיינע איז געקומען צופאהרען! דערווארט זיך! איצט מעג איך שוין שטארבען... (וויינט פאר פרייד).

ס'געהען אריין ליובאוו אנדרעיעוונא, גאיעוו און סימעאנאוו־פישטשיק; סימעאנאוו־פישטשיק אין א „פאדיאווקע" פון דינען טוך און שאראוואַרען. גאיעוו געהט אריין און מאכט בעוועגונגען מיט די הענד און מיט'ן קערפער, ווי ער וואלט געשפיעלט ביליארד.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ווי איז דאס? לאז מיך דערמאהנען זיך... דעם געלען אין ווינקעל אריין! דעם דופלעט אין דערמיט!

ג א י ע ו ו: איך שנייד אין ווינקעל אריין! אמאל זיינען מיר ביידע געשלאפען אין דעם צימער, שוועסטער, און איצט בין איך שוין 51 יאהר אלט, ווי מאדנע דאס זאל ניט זיין...

ל א פ א כ י ן: יא, די צייט שטעהט ניט אויף איין ארט.

ג א י ע ו ו: וועמען?

ל א פ א כ י ן: איך זאג, די צייט שטעהט ניט אויף איין ארט.

גאיעוו: און דא שמעקט מיט פאטשולעס.

אניא: איך וועל געהן שלאפען, א גוטע נאכט, מאמא. (קושט איהר).

ליובאוו אנדרעיעווגא: טייער קינד מיינס. (קושט איהר די הענד). ביזט צופרידען, וואס דו ביזט אין דער היים? איך קען אלץ צו זיך ניט קומען.

אניא: א גוטע נאכט, אנקעל.

גאיעוו (קושט איהר דעם פנים, די הענד): שלאף רוהיג. ווי ערנליך דו ביזט צו דיין מוטער! (צו דער שוועסטער) דו, ליובא, ביזט אין איהרע יאהרען געווען אקוראט אזא.

אניא גיט די האנד לאפאכין'ען און פישטשיק'ן, געהט אוועק און פערמאכט די טהיר נאך זיך.

ליובאוו אנדרעיעווגא: זי האט זיך זעהר פער־מאטערט.

פישטשיק: אודאי, אזא לאנגער וועג.

וואריא (צו לאפאכין'ען און פישטשיק'ן): נו, מיינע הערען? באלד דריי א זייגער, שוין צייט צו געהן.

ליובאוו אנדרעיעווגא (לאכט): ביזט אלץ די זעלבע, וואריא. (נעהמט איהר צו זיך און קושט איהר). כ'וועל אויס־טרינקען די קאפע, וועלען מיר אלע אוועקגעהן. (פירס לעגט איהר א קישעלע צו פוסען). א דאנק, מיין טייערער. איך בין געוואוינט צו קאפע, כ'טרינק קאפע בייטאג און ביינאכט, א דאנק, מיין אלטיטש־קער. (קושט פירס'ען).

וואריא: מען דארף א קוק טהאן, צי האט מען אלע זאכען געבראכט... (געהט אוועק).

ליובאוו אנדרעיעווגא: זיץ איך דאס טאקע דא? (לאכט). מיר ווילט זיך שפרינגען, מאכען מיט די הענד. (פער־דעקט דעם פנים מיט די הענד). און פלוצלינג שלאף איך! גאט איז א עדות, כ'האב ליעב מיין היימאט, האב ליעב צערטליך, איך האב ניט געקענט ארויסקוקען פון וואגאן, כ'האב אלץ געוויינט. (אין טרערען) דאך, מען דארף טרינקען די קאפע, א דאנק דיר, פירס.

א דאנק דיר מיין אלטיטשקער. מיך פרעהט אזוי, וואס דו לעבסט נאך.

פ י ר ס: עהערנעכטעז.

ג א י ע ו ו: ער הערט שלעכט.

ל א פ א כ י ן: איך דארף באלד, פינף א זייגער אין דער פריה, פאהרעז קיין כארקאוו. אזא פערדראס! כ'האב געוואלט א קוק טהאן אויף אייך, זיך דורכשמועסעז... איהר זייט נאך אלץ אזא פרעכטיגע.

פ י ש ט ש י ק (אטעמט שווער): אפילו שענער געווארעז... אנגעטהאן אויף'ן פאריזער שטייגער... דער רוח זאל עס נעהמעז...

ל א פ א כ י ן: אייער ברודער, לעאניד אנדרעאיטש זאגט אויף מיר, אז איך בין א כאם, א פראצעטניק, נאר דאס איז מיר אלץ איינס. זאל ער זאגעז. מיר ווילט זיך נאר, אז איהר זאלט מיר גלויבעז ווי פריהער, אז אייערע וואונדערבארע, ריהרענדע אויגעז זאלעז קוקעז אויף מיר, ווי פריהער. בארמהערציגער גאט! מיין פא־טער איז געוועז א לייבאייגענער ביי אייער זיידעז און פאטער, אבער איהר, איהר אייגענטליך, האט פאר מיר געטהאן אמאל אזוי פיעל, אז איך האב אלץ פערגעסעז און האב אייך ליעב ווי אז אייגענע... מעהר ווי אז אייגענע.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך קען ניט איינ־ זיצעז, איך קען ניט... (שפרינגט אויף און געהט ארום א שטארק אויפגערעגטע). איך וועל די פרייד ניט אויסהאלטעז... לאכט פון מיר, איך בין א נארישע... מיין טייער שאפעלע... (קושט די שאפע). טישעלע מיינס!

ג א י ע ו ו: און אהן דיר איז דא די ניאניע געשטארבעז.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (זעצט זיך און טרינקט קאווע): יא, א ליכטיגען גן עדן זאל זי האבעז. מען האט מיר געשריבעז.

ג א י ע ו ו: און אנאסטאסי איז געשטארבעז. פעטרושקע דער קאסאקע איז פון מיר אוועק און איצט איז ער איז שטאדט

ביי'ם פריסטאוו. (נעהמט פון קעשענע ארויס אַ שאַכטעל מיט צוקערקעס, נאגט).

פ י ש ט ש י ק: מיין טאַכטער, דאשענקאַ... גריסט אייך...

ל אַ פ א כ י ן: מיר ווילט זיך אייך זאגען א זעהר אנגענעהמע, פרעהליכע זאך. (קוקט אויף'ן זייגער). באלד פאהר איך אוועק. ניטאַ קיין צייט צו שמועסען... נו, איך וועל עס מאכען אין צוויי — דריי ווערטער. איהר ווייסט דאָך שוין, אז דער קארשען־גאַרטען אייערער ווערט פערקויפט פאר חובות, דעם 22טען אויגוסט וועט זיין די ליציטאציע, איהר דארפט זיך אָבער ניט זארגען, מיין טייערע, שלאָפט זיך רוהיג, פארהאן אז אויסוועג... אָט איז מיין פּלאן. זייט אויפמערקזאם, איך בעט אייך! אייער גוט איז ניט מעהר ווי צוואנציג וויאַרסט פון שטאַדט, דערביי איז אן אייזענבאהן, ווען מען זאָל דעם קארשען־גאַרטען און די ערד ביי'ן טייך צוטיילען אויף פּארצעלען און אָבגעבען אין ארענדע אויף דאטשעס, קענט איהר זיכער האָבען אַמווייניגסטען 25 טויזענד רובל א יאהר הכנסה.

ג א י ע ו ו: ענטשולדיגט, ס'אראַ אונזין!

ל י ו ב אַ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך פערשטעה אייך ניט גוט, יערמאָלאי אלעקסעאיטש.

ל אַ פ א כ י ן: איהר וועט נעהמען ביי די דאטשניקעס דאס מינדסטע 25 רובל א יאָהר פאר א דעסיאטינע, און אויב איהר וועט שוין איצט אנאָנסירען, גאַראנטיר איך אייך מיט וואָס איהר ווילט, אז ביז הערבסט וועט ביי אייך ניט בלייבען קיין איין פרייע שטיקעל ערד, מען וועט צוכאַפּען אלץ. מיט איין וואָרט, איך גראטוליר אייך, איהר זייט געראַטעוועט. דער אָרט איז א וואונדערבארער, די טייך — א טיעפע. אודאי, דארף מען אביסעל אין אָרדנונג ברענגען, אויסרייניגען... צום ביישפּיעל איינוואַרפען די אלע אלטע געביידעס, אָט דאָס הויז, וואָס טויג שוין צו גאַרניט, אויסהאַקען דעם אלטען קארשען־גאַרטען...

ל י ו ב אַ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: אויסהאקען? טייערער מיינער, ענטשולדיגט מיר, איהר פערשטעהט גאַרניט. אויב איז דער

גאנצער גובערניע איז פארהאַן עפּעס אינטערעסאַנטעס, אַדער גאָר מערקווירדיגעס, איז עס נאָר אונזער קאַרשען־גאָרטען.

לאָפּאַכין: מערקווירדיג איז דער גאָרטען נאָר דערמיט, וואָס ער איז זעהר גרויס. קאַרשען וואַקסען איינמאָל אין צוויי יאָהר, און דאָס איז אויך ניטאָ וואו אהין צוטהאָן, קיינער קויפט ניט.

גאַיעוו: אויך אין „ענציקלאָפּעדישען ווערטערבוך" ווערט דערמאָנט אונזער קאַרשען־גאָרטען.

לאָפּאַכין (קוקט אויפ'ן זייגער): אויב מיר וועלען גאָר־ניט אויסטראַכטען און צו קיין בעשלוס ניט קומען, וועט דעם 22טען אויגוסט זיין די ליציטאַציע, און דער קאַרשען־גאָרטען, און דאָס גאַנצע גוט וועט פערקויפט ווערען אין אוקציאָן. ענטשליסט זיך! קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, איהר מעגט מיר גלויבען. ניטאָ און ניטאָ.

פירס: אַמאָליגע צייטען, מיט אַ יאָהר 50—40 צוריק האָט מען די קאַרשען געטריקענט, געווייקט, מאַרינירט, געפּרעגעלט איינגעמאַכטס, און מ'פלעגט...

גאַיעוו: שווייג אַ ווייל'ע, פירס.

פירס: און מען פלעגט גאַנצע וואָגענס געטריקענטע קאַר־שען נאָך מאָסקווע און כאַרקאָוו שיקען. געלד געווען! און די גע־טריקענטע קאַרשען זענען דאַמאָלס געווען ווייך, זיס, שמעקעדיג, זאַפטיג... מען האָט געוואוסט אַזאַ מיטעל...

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ: און וואו איז איצט דער מיטעל?

פירס: מען האָט פערגעסען. קיינער געדענקט ניט.

פּישטשיק (צו ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ): וואָס הערט זיך אין פּאַריז? ווי האָט איהר געלעבט? געגעסען זשאַבעס?

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ: קראָקאָדילען האָב איך געגעסען.

פּישטשיק: וואָס איהר זאָגט...

לאָפּאַכין: ביז איצט זענען אין דאָרף געווען פּריצים און פּויערן. און איצט האָבען זיך בעוויזען דאַטשניקעס. אַלע שטעדט,

אפילו די קלענסטע, זענען איצט ארומגערינגעלט מיט דאטשעס. מען קען זאגען, אז דער מין וועט זיך אין א יאהר צוואנציג פער־מעהרען אהן א שעור. איצט טרינקען זיי נאר טהעע אויפ׳ן באל־קאן, נאר ס׳קען זיך דאך מאכען, אז אויף זייער דעסיאטינע ערד וועלען זיי זיך פערנעהמען מיט בעל־הבית׳ישקייט, און דאמאלס וועט אייער קארשען־גארטען ווערען גליקליך, רייך, פרעכטיג...

ג א י ע ו ו (אויפגעבראכט): וואס פאר א אונזין!

ס׳קומען אריין ווארניא און יאשא.

ו ו א ר י א: דא האט איהר, מאמע, צוויי טעלעגראמעס פאר אייך (געפינט דעם שליסעל און עפענט מיט א קלונג אן אלטמאדישען שראנק) דא זענען זיי.

ל י ו ב א ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דאס איז פון פאריז. (צו־רייסט די טעלעגראמעס, ניט איבערלעזענדיג). מיט פאריז איז אויס!..

ג א י ע ו ו: ווייסטו, ליובא, ווי אלט דער שראנק איז? מיט א וואך צוריק רוק איך ארויס דעם אונטערשטען שופלאדעל, איך טהו א קוק, דארט זענען ציפערן אויסגעברענט. דעם שראנק האט מען געמאכט אקוראט מיט הונדערט יאהר צוריק. ווי געפעלט עס דיר? הא? מען וואלט געקענט א יובילייע פייערן. א זאך אהן לע־בען, און דאך, זאגט אייך וואס איהר ווילט, א ביכער־שראנק.

פ י ש ט ש י ק (פערוואונדערט): הונדערט יאהר... וואס איהר זאגט!..

ג א י ע ו ו: יא... ס׳איז א זאך... (טאפט דעם שראנק). טייערער, פיעל געעהרטער שראנק! איך בעגרים דיין עקזיסטענץ, וואס איז מעהר פון הונדערט יאהר געווען געווידמעט די ליכטיגע אידעאלען פון גוטעס און גערעכטיגקייט. שווייגענדיג האסטו גערופען צו פרוכטבארער ארבייט, און דיין קול איז ניט אבגעשוואכט געווא־רען די גאנצע הונדערט יאהר, און די גאנצע צייט האסטו (וויינט) געוועקט אין די הערצער פון אונזער משפחה מוטה און א גלויבען אין א בעסערער צוקונפט און געלערנט זיי די אידעאלען פון גוטעס און געזעלשאפטליכען זעלבסט־בעוואוסטזיין. (פאוזע).

ל א פ א כ י ן: יא...

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דו ביזט אלץ דערזעל־בער, לעניא.

ג א י ע ו ו (אביסעל פערשעהמט): רעכטס פון באל צום וויג־קעל צו! איך שנייד אין די מיטעלסטע אריין!

ל א פ א כ י ן (קוקט אויפ'ן זייגער): נו, איך דארף שוין געהן.

י א ש א (דערלאנגט ליובאוו אנדרעיעוונא די רפואות): אפשר, וועט איהר איצט איינגעהמען די פילען...

פ י ש ט ש י ק: מען דארף ניט נעהמען קיין מעדיקאמענ־טען, מיין הויכגעשעצטע... ניט קיין נוץ, ניט קיין שאדען ברענגען זיי... אנו, ווייזט אהער... הויכגעשעצטע... (נעהמט די פילען, שיט זיי אוים אויפ'ן האנד, בלאזט אויף זיי, לעגט זיי אריין אין מויל און פערטרינקט מיט קוואס) פארטיג!

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (דערשראקען): איהר זייט פון זינען אראב!

פ י ש ט ש י ק: אלע פילען איינגענומען.

ל א פ א כ י ן: אזא פרעסער. (אלע לאכען).

פ י ר ס: פאר חגא זענען זיי ביי אונז געווען, האבען זיי א האלבען עמער אוגערקעס אויפגעגעסען (מורמעלט).

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וואס זאגט ער דארט?

ו ו א ר י א: שוין דריי יאהר, ווי ער מורמעלט אזוי. מיר זענען געוואוינט מיט איהם.

י א ש א: א מענש אין די עלטערע יאהרען.

שארלאטא איוואנאוונא, אין א ווייסען קלייד, זעהר דאר, איינ־געשנורעוועט, מיט א לארנעטקע געהט דורך די סצענע.

ל א פ א כ י ן: ענטשולדיגט, שארלאטא איוואנאוונא, איך האב אלץ ניט געהאט די מעגליכקייט אייך צו בעגריסען (וויל קושען איהר האנד).

ש א ר ל א ט א (נעהמט צו די האנד): זאל מען אייך ערלויבען קושען די האנד, וועט איהר וועלען דערנאך דעם ארעם און דערנאך דעם אקסעל...

ל אַ פּ א כ י ן: ס'געהט מיר היינט ניט. (אַלע לאַכען). שאַר־לאָטא איוואנאָוונא, ווייזט א קונץ!

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: שאַרלאָטא, ווייזט א קונץ.

ש א ר ל אָ ט א: מען דאַרף ניט. איך וויל שלאָפען. (געהט אַוועק).

ל אַ פּ א כ י ן: אין דריי וואָכען ארום וועלען מיר זיך זעהן (קושט ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ'ס האַנד). דערווייל זייט געזונד. שוין צייט. (צו גאַיעוו'ן). צום ווידערזעהן. (גיט די האנד וואַריאַ'ן, דער־נאָך פּירס'ן און יאַשאַ'ן). עס ווילט זיך ניט אוועקפאָהרען. (צו ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ) אויב איהר וועט זיך איבערלעגען וועגען די דאַטשעס און בעשליסען, זאָלט איהר מיר באַלד געבען צו וויסען, וועל איך קריגען געליהען א פופציג טויזענד רובל. בעטראַכט ערנסט די זאַך.

ו ו א ר י א (אין כעס): געהט זשע שוין אוועק, אמאָל!

ל אַ פּ א כ י ן: איך געה, איך געה... (געהט אַוועק).

ג א י ע ו ו: א כאַם. איבריגענס, פּאַרדאָן... וואַריא האַט חתונה מיט איהם. ס'איז וואַריא'ס חתן'דעל.

ו ו א ר י א: רעדט ניט, אַנקעל, קיין איבעריגע רייד.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: נו יא, וואַריא, מיך וועט עס זעהר פרעהען. ער איז א גוטער מענש.

פּ י ש ט ש י ק: א מענש, דעם אמת זאָגענדיג... גאַר א גע־הויבענער... און מיין דאַשענקא... זאָגט אויך, אז... פערשיעדענע זאַ־כען זאָגט זי (כראָפּעט, נאַר באַלד כאַפּט ער זיך אויף). דאָך, הויכגע־שעצטע לייהט מיר אוים... 240 רובל... מאָרגען דאַרף איך צאָהלען פּראָצענט אויפ'ן חוב...

ו ו א ר י א (דערשראַקען): ניטאָ, ניטאָ!

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: איך האָב ווירקליך גאָר־ניט.

פּ י ש ט ש י ק: ס'וועט זיך נאָך געפינען. (לאַכט). איך פער־ליר קיינמאָל ניט די האָפנונג. שוין אַלץ פאַרפאַלען, טראַכט איך אמאָל, כ'ביז רואינירט, — בויט מען אַ אייזענבאַהן, און זי געהט

דורך מיין ערד און... מען בעצאהלט מיר. ניט היינט, איז מארגען וועט זיך נאך עפעס מאכען... דאשענקא וועט די צוויי הונדערט טויזענד געווינען... זי האט א בילעט.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: אויסגעטרונקען די קא־ווע, איצט — שלאפען.

פ י ר ס (פוצט מיט א בערשטעל גאיעוו'ן, מוסר'ט איהם): וויע־דער ניט די הויזען אנגעטהאן. וואס זאל איך מיט אייך טהאן!

ו ו א ר י א (שטיל): אניא שלאפט. (עפענט שטיל דעם פענס־טער). שוין אויפגעגאנגען די זון. ס'איז ניט קאלט. גיט נאר א קוק, מאמעניו, ס'ארא וואונדערבארע ביימער! גאט מיינער, א לופט! די שטארען זינגען!

ג א י ע ו ו (עפענט דעם אנדערן פענסטער): דער גארטען איז אינגאנצען א ווייסער. דו האסט ניט פערגעסען, ליובא? אט די לאנגע אלעע געהט גלייך — גלייך, ווי א אויסגעצויגענער פאס, זי בלישטשעט אין לבנה נעכט. געדענקסט? האסט ניט פערגעסען?

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (קוקט דורכ'ן פענסטער אין גארטען): א, מיין קינדהייט, מיין אונשולד! אין דעם צימער בין איך געשלאפען, געקוקט פון צימער אין גארטען אריין, דאס גליק האט זיך אויפגעכאפט יעדען פריהמארגען צוזאמען מיט מיר, אין דער צייט איז דער גארטען געוועזן גלייך ווי איצט, קיין זאך האט זיך ניט געביטען. (לאכט פאר פרייד). אינגאנצען, אינגאנצען א ווייסער! א, גארטען מיינער! נאך א פינסטערן, נאסען הערבסט און א קאלטען ווינטער, ביזטו ווידער יונג, פול גליק, און די הימעלשע מלאכים האבען דיך ניט פערלאזען... אה, ווען מען זאל אראבנעהמען פון מיין ברוסט און שולטערן דעם שווערען שטיין. אה, ווען כ'זאל קענען פערגעסען מיין פערגאנגענהייט!

ג א י ע ו ו: יא, און אט דעם גארטען וועט מען פערקויפען פאר חובות, ווי מאדנע דאס איז...

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: גיט נאר א קוק, די פער־שטארבענע מאמע געהט ארום איבער'ן גארטען... אין א ווייסער קלייד! (לאכט פאר פרייד). דאס איז זי.

ג א י ע ו ו: וואו?

ו ו א ר י א: גאָט איז מיט אייך, מאַמעניו.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ס׳איז קיינער ניטאָ, מיר האָט זיך אויסגעדוכט. רעכטס, נעבעו דער אַלטאַנע האָט זיך א ווייס בוימעל איינגעבויגעו, עהנליך צו א פרוי...

ס׳געהט אריין טראָפימאָוו אין א אבגעטראָגענעם סטודענטישען מונ־דיר, טראָגט ברילען.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ס׳אַרא וואונדערבארער גארטען! ווייסע בוימער, א בלויער הימעל...

ט ר א פ י מ א ו ו: ליובאָוו אנדרעיעוונאַ! (זי קוקט זיך אום אויף איהם). איך וויל אייך נאָר בעגריסען, און באלד געה איך אוועק. (קושט היים איהר האַנד). מען האָט מיר געהייסען ווארטען ביז אין דער פריה, אבער כ׳האָב קיין געדולד ניט געהאַט...

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ קוקט א פערגאַפטע.

ו ו א ר י א (אין טרערען): דאָס איז פעטיא טראַפימאָוו...

ט ר א פ י מ א ו ו: פעטיא טראָפימאָוו, אייער גרישאַ׳ס גע־וועזענער לעהרער... האָב איך זיך דען אזוי שטארק געביטען?

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ נעהמט איהם ארום און וויינט שטיל.

ג א י ע ו ו (צוטומעלט): גענוג, ליובאַ, גענוג.

ו ו א ר י א (וויינט): כ׳האָב דאָך געזאָגט, פעטיא, איהר זאָלט אָבווארטען ביז מאָרגען.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: מיין גרישאַ... מיין יונ־געל...גרישאַ... זוהן...

ו ו א ר י א: וואָס קען מען טהאָן, מאַמעניו, גאָט׳ס ווילען —

ט ר א פ י מ א ו ו (ווייך, אין טרערען): נו גענוג שוין, גע־נוג...

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (וויינט שטיל): דער יונגעל איז אומגעקומען, דערטרונקען געוואָרען... פאַרוואָס? פאַר־וואָס, מיין פריינד? (שטילער). דאָרט שלאָפט אַניא, און איך רייד הויך... איך מאַך א טומעל... איז וואָס, פעטיא? פאַר וואָס זייט איהר פון פּנים אראָב? פאַרוואָס האָט איהר זיך אזוי געעלטערט?

ט ר א פ י מ א ו ו: איז וואגאז האט מיך אמאל א פויערטע אנגערופעז: אבגעקראכענער פריץ.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דאמאלס זענט איהר געוועז נאך גאר א יונגעל, א ליעבער סטודענטעל, און איצט ניט-געדיכטע האר, ברילעז. זענט איהר טאקע נאך אלץ א סטודענט? (געהט צום טיר).

ט ר א פ י מ א ו ו: איך וועל שויז, ווייזט אויס, אייביג א סטודענט זיין.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (קושט דעם ברודער, דער-נאך ווארי'ן): נו געהט שלאפעז... דו, לעאניד, ביזט אויך אלט געווארעז.

פ י ש ט ש י ק (געהט איהר נאך): הייסט עס, שלאפעז. א, מיין גיכט... איך וועל ביי אייך בלייבעז... איהר וועט ניט פערגעסעז, ליובאוו אנדרעיעוונא, הארציגע, מארגעז פריה... 240 רובל...

ג א י ע ו ו: און ער זינגט אלץ דאס זעלבע לידעל.

פ י ש ט ש י ק: 240 רובל... פראצענטעז דארף מעז צאהלעז.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: כ'האב ניט קיין געלד, מיין טייערער.

פ י ש ט ש י ק: כ'וועל אבגעבעז, הארציגע... אויך מיר געלד...

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: נו גוט, לעאניד וועט געבעז... דו גיב איהם, לעאניד.

ג א י ע ו ו: כ'וועל איהם אונטערטראגעז באלד.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וואס זאל מעז טהאז, גיב איהם... ער דארף האבעז... ער וועט אבגעבעז.

ליובאוו אנדרעיעוונא, טראפימאוו, פישטשיק און פירס געהעז אוועק. ס'בלייבעז גאיעוו, ווארי' און יאשא.

ג א י ע ו ו: די שוועסטער האט זיך נאך ניט אבגעוואוינט צו ווארפעז זיך מיט געלד. (צו יאשא'ן). טראג זיך אב, איך בעט דיך, פון דיר שמעקט מיט הוהז.

י א ש א (שמייכעלט): און איהר, לעאניד אנדרעאיטש, זענט אלץ דערזעלבער, ווי געוועז.

ג א י ע ו ו: ווּעמען? (צו וואַריאַ'ן). וואָס האָט ער געזאָגט?

וו א ר י א (צו יאַשאַ'ן): דיין מוטער איז געקומען פון דאָרף, זיצט פון נעכטען אָן אין צימער פון די דינער און וואַרט, וויל דיך זעהן...

י א ש א: זאָל זי זיך געהן געזונטערהייד!

וו א ר י א: אַך, דו אונפערשעהמטער.

י א ש א: נויטיג געדאַרפט. זי האָט געקענט מאָרגען קומען. (געהט אַוועק).

וו א ר י א: די מאַמע איז דיזעלבע, ווי געווען, האָט זיך אויף אַ האָר ניט געביטען. מען זאָל איהר נאָר לאָזען. וועט זי אַלץ צו־טיילען.

ג א י ע ו ו: יאָ... (פּאוזע). האָט מען צו אַ קראַנקהייט צופיעל רפואות, איז דאָס אַ סמן אַז די קראַנקהייט קען מען ניט אויסהיי־לען. איך טראַכט, דרעה מיר דעם קאָפּ, כ'האָב אַ סך מיטלען, גאָר אַ סך, הייסט עס אייגענטליך, קיין איין מיטעל ניט. ס'וואָלט גוט געווען צו קריגען אַ ירושה פון עמיצען, ס'וואָלט גוט געווען אויס־צוגעבען אונזער אַניאַ'ן פאַר זעהר אַ רייכען מענשען, ס'וואָלט גוט געווען אַ פאָהר טהאָן קיין יאַראָסלאַוו און פּרובען מזל ביי דער טאַנטע דער גראַפינע, זי איז דאָך זעהר, זעהר רייך.

וו א ר י א (וויינט): גאָט זאָל נאָר זיין צו הילף.

ג א י ע ו ו: רעווע ניט. די טאַנטע איז זעהר רייך, נאָר זי האָט אונז ניט ליעב. ערשטענס האָט די שוועסטער חתונה געהאַט מיט אַן אַדוואָקאַט, ניט פון דעם אַדעל...

אַניאַ בעווייזט זיך אין טיר.

ג א י ע ו ו: האָט חתונה געהאַט מיט אַ ניט־אַדעליגען, און מען קען ניט זאָגען, זי זאָל זיך האָבען אויפגעפיהרט זעהר טוגענד־האַפט. זי איז אַ גוטע, אַ ליעבע, אַ וואוילע, איך האָב איהר זעהר ליעב, אָבער וואָס פאַר אַ זכות מען זאָל אויף איהר ניט זוכען, מוז מען זיך מודה זיין, אַז זי איז זינדיג. דאָס פיהלט זיך אין יעדען ריהר איהרען.

וו א ר י א (שעפּטשעט): אַניאַ שטעהט אין טהיר.

ג א י ע ו ו : וועמען? (פּאוזע). א וואונדערבארע זאך, עפּעס איז מיר אריינגעפאלען אין רעכטען אויג... כ'האב אנגעהויבען שלעכט צו זעהן. און דאנערשטאג, ווען כ'ביז געווען אין געריכט... ס'געהט אריין אניא.

ו ו א ר י א : פאר וואס זשע שלאפסטו ניט, אניא?

א נ י א : ס'שלאפט זיך ניט. איך קען ניט.

ג א י ע ו ו : קינד מיינס. (קושט אניא'ן דעם פּנים, די הענד). קינד מיינס... (אין טרערען). דו ביזט ניט קיין פּלימעניצע, דו ביזט, מיין מלאך, דו ביזט פאר מיר אלצדינג. גלויב מיר, גלויב...

א נ י א : איך גלויב דיר, אנקעל, אלע האבען דיך ליעב, אכטען דיך... אבער ליעבער אנקעל, דו דארפסט שווייגען, נאר שווייגען. וואס האסטו נאר וואס גערעדט וועגען מיין מאמען, דיין שוועסטער? צו וואס האסטו דאס אלץ גערעדט?

ג א י ע ו ו : יא, יא... (פערדעקט זיך דעם פּנים מיט איהר האנד). אין דער אמת'ן, דאס איז שרעקליך! גאט מיינער! גאט, ראטעווע מיך! און כ'האב היינט א רעדע געהאלטען פאר'ן שראנק... אזוי נאריש! און נאר, ווען איך האב געענדיגט, האב איך פערשטאנען, אז ס'איז נאריש.

ו ו א ר י א : טאקע, אנקעל, איהר דארפט שווייגען. שווייגט זיך, און דאס גאר.

א נ י א : ווערסטו שווייגען, וועט דיר אליין טאקע בעסער זיין.

ג א י ע ו ו : איך שווייג. (קושט אניא'ן און ווארי'אן די הענד). איך שווייג. איצט וועגען געשעפט. דאנערשטאג ביז איך געווען אין געריכט, ס'זענען זיך צונויפגעקומען חברה, האט מען געשמועסט וועגען פערשיעדענע זאכען, אהין — אהער, און מיר דוכט, מען וועט קענען א הלואה קריגען אויף וועקסלען, צו בעצאהלען די פּראצענטענט אין באנק.

ו ו א ר י א : גאט זאל נאר זיין צוהילף!

ג א י ע ו ו : דינסטאג פאהר איך, וועל נאך אמאל איבעררעדען. (צו ווארי'אן). רעווע ניט. (צו אניא'ן). די מאמע וועט זיך דורכרעדען מיט לאפּאכין'ען; ער וועט איהר, אודאי ניט אבזאגען... און

דו, ווען דו ווערסט זיך אויסרוהען פון וועג, ווערסטו א פאהר טהאן קיין יאראסלאוו צו דער גראפינע, דיין באבע. אט אזוי וועלען מיר ארבייטען פון דריי זייטען — אלץ וועט שוין זיין גוט. די פראצענ־טען וועלען מיר בעצאהלען, איך ביזן זיכער.(לעגט א צוקערקע אין מויל). ביי מיין עהרע שווער איך, ביי וואס דו ווילסט, דאס גוט וועט ניט פערקויפט ווערען! (אויפגערעגט). ביי מיין גליק שווער איך! נא־דיר מיין האנד, אויב כ׳וועל דערלאזען צו ליציטאציע, בין איך א מאוסער, נידריגער מענש! ביי מיין לעבען שווער איך!

א נ י א (זי איז ווידער רוהיג געווארען, זי איז גליקליך): ס׳ארא גוטער דו ביזט, אנקעל, ס׳ארא קלוגער (נעהמט ארום דעם אנ־קעל). איצט בין איך רוהיג! רוהיג! גליקליך!

ס׳געהט אריין פירס.

פ י ר ס (מיט א פארוואורף): לעאניד אנדרעאיטש, האט גאט אין הארצען! ווען וועט איהר געהן שלאפען?

ג א י ע ו ו: באלד, באלד. דו געה אוועק, פירס. איך וועל שוין אליין, אויסטהאן זיך. נו קינדער, ליו־ליו... די פרטים וועלען מיר ארומרעדען מארגען, און איצט געהט שלאפען. (קושט אניא׳ן און ווארי׳ן). איך בין א מענש פון די אכציגער יאהרען... מען האלט ניט פון דער צייט, כ׳קען אבער זאגען, פאר מיינע איבערצייגונג האב איך זיך גענוג אנגעליטען אין מיין לעבען. ניט אומזיסט הא־בען מיך די פויערן ליעב. דעם פויער דארף מען קענען! מען דארף וויסען, ווי...

א נ י א: שוין ווידער, אנקעל!

ו ו א ר י א: איהר שווייגט, ליעבער אנקעל!

פ י ר ס (אין כעס): לעאניד אנדרעאיטש!

ג א י ע ו ו: כ׳געה... לעגט אייך. איך וואלט אין מיטען!

געהט אוועק, איהם געהט נאך פירס, קוים וואס ער ריהרט זיך.

א נ י א: איצט בין איך רוהיג. אין יאראסלאוו פאהרען ווילט זיך מיר ניט, איך האב ניט ליעב די באבע, און דאך בין איך רוהיג. א דאנק דעם אנקעל. (זעצט זיך).

ו ו א ר י א: מען דארף שלאפען. איך געה. ווען דו ביזט גע־

וועז אוועקגעפאהרעז, האבעז מיר דא געהאט אז אונאנגענעהמליכ־קייט. איז דעם אלטעז שטיבעל פאר די דיענער, וואוינעז, ווי דו ווייסט, נאר די אלטע בעדיענטע: יעפימושקא, פאליא, יעווסטיגנעי, נו אוז קארפ. האבעז זיי אנגעהויבעז אריינצונעהמעז צו זיך אויף נעכטיגעז עפעס ארומטרייבער אזוינע — איך פערשווייג. הער איך, מעז האט פערשפרייט א קלאנג, אז כ׳האב געהייסעז קארמעז דעם עולם מיט הוילע ארבעס. פאר קארגהייט, פערשטעהסטו מיך... אוז דאס אלץ איז יעסטיגנעי׳ס ארבייט... גוט, טראכט איך מיר. אויב אזוי, טראכט איך מיר, טא ווארט א ווײלע. פעררוף איך צו זיך יעווסטיגנעי׳עז... (געגעצט) קומט ער... ווי קענסטו, זאג איך, יעוו־סטיגנעי, דו נאר איינער... (גיט א קוק אויף אנא׳ן). אניטשקא... (פאוזע). אנשלאפעז געווארעז! (נעהמט אנא׳ן פאר׳ן ארים) קום איז בעטעלע אריין... קום... (פיהרט איהר). אנשלאפעז געווארעז מייז נשמה! קום... (זיי געהעז).

ערגעץ ווייט הינטערן גארטעז שפיעלט א פאסטוך אויף א פייפעל

טראפימאוו געהט דורך די סצענע אוז דערזעהענדיג אניא׳ן אוז ווא־ריא׳ן בלייבט ער שטעהן.

וואריא: טססס... זי שלאפט... שלאפט... קום, טייערע.

אניא (שטיל, האלב שלאפענדיג): איך בין אזוי פערמא־טערט... אלע גלעקלעך... אנקעל... ליעבער... אוז די מאמע אוז דער אנקעל...

וואריא: קום, טייערע, קום... (געהעז אוועק אין אנא׳ס צימער).

טראפימאוו (ענטציקט): זוז מיינע! פריהלינג מיי־נער!

פארהאנג.

צווייטער אַקט.

אַ פעלד. אַן אַלט, איינגעבויגען, שוין לאַנג פערלאָזען קלויסטערל. דערביי אַ ברונעם, גרויסע שטיינער, וואס זענען אפנים אַמאָל געווען מצבות און אן אלטע באַנק. ס'זעהט זיך דער וועג צו גאַיעוו'ס פאלוואַרק. אן אַ זייט, אויפהויבענדיג זיך אין דער הויך, טונקלען טאפאָליעס. דארט הויבט זיך אן דער קאַרשען־גאָרטען. פון דערווייטענס אַ רייהע טע־לעגראַף־סלופּעס, און ווייט, ווייט אויף'ן האריזאנט זעהט זיך מוטנע די גרויסע שטאדט. זעהן קען מען איהר נאר אין אַ גוטען, העלען וועטער. די זון האלט ביים פערגעהן. שאַרלאָטאַ, יאַשאַ און דוניאַשאַ זיצען אויף אַ באַנק; יעפּיכאדאוו שטעהט דערביי און שפּיעלט אויף אַ גיטאַרע; אַלע זיצען פערטראַכטע. שארלאָטאַ אין אן אלט מיצעל; זי האט אראב־גענומען פון אַקסעל די ביקס און פעררוקט די שנאל פון פּאַס.

שאַרלאָטאַ (פערטראַכט): איך האָב ניט קיין ריכטיגען פּאַספּאָרט, כ'ווייס ניט, ווי אלט איך בין, און מיר דוכט זיך, אלץ אז איך בין אַ יונגינקע. ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע, פלעגען מיין טאטע און מאמע פאָהרען איבער די ירידען און געבען דאָרטען גאָר פיינע פאָרשטעלונגען. און איך פלעג שפּרינגען און מאכען פערשיעדענע קונצען. און ווען טאטע־מאמע זענען געשטאָר־בען, האָט מיך גענומען צו זיך אַ דייטשע מאַדאַם און מיך געלע־רענט. גוט. בין איך אויסגעוואַקסען, און דערנאָך אַ גובערנאַנטקע געוואָרען. און פון וואנען קום איך, און ווער בין איך — ווייס איך ניט... ווער זענען מיינע עלטערן, אפשר האָבען זיי גאָרניט חתונה געהאַט, ווייס איך ניט. (נעהמט אַרויס פון קעשענע אַן אוגערקע און עסט). כ'ווייס גאָרניט. (פּאוזע). ס'ווילט זיך אַזוי דורכריידען זיך און מיט וועמען איז ניטאָ... כ'האָב קיינעם ניט...

יעפּיכאָדאוו (שפּיעלט אויף דער גיטאַרע און זינגט):
„וואָס אַרט מיר די רוישיגע וועלט, וואָס אַרען מיר שונאים און

פריינד"... ס'ארא פערגעניגען ס'איז צו שפּילען אויף א מאנדאָלין!

דוניאשא: דאָס איז א גיטאַרע, און ניט קיין מאנדאָלין. (קוקט אין שפּיגעל און פּודערט זיך).

יעפּיכאָדאָוו: פאר א משוגענעם, וואָס איז פערליעבט, איז דאָס א מאנדאָלין... (זינגט צו) „וואָלט מיין הארץ בעגעגענט ליעבע, אין איהרע שטראַהלען זיך געוואַרעמט"...

יאַשאַ זינגט צו.

שאַרלאָטאַ: א שרעק, ווי די מענשען זינגען... פוי! ווי שאַקאַלען.

דוניאשא (צו יאַשאַ'ן): פון דעסטוועגען, ס'ארא גליק אין אויסלאנד צו זיין.

יאַשאַ: יאָ, געוויס. כ'קען ניט מיט אייך ניט איינשטימען. (גענעצט, פעררויכערט א סיגאַר).

יעפּיכאָדאָוו: א ריכטיגע זאך. אין אויסלאנד איז אלץ שוין פון לאנג אין פולער קאָמפּלעקציע.

יאַשאַ: ממילא.

יעפּיכאָדאָוו: איך בין א מענש אן ענטוויקעלטער, לען פערשיעדענע מערקווירדיגע ביכער, און כ'קען אלץ ניט בעגרייפען די ריכטונג, וואָס איך וויל אייגענטליך, צי זאָל איך לעבען אָדער שיסען זיך? אין דער אמת'ן גערעדט, סיי־ווי־סיי טראָג איך שטענדיג ביי זיך א רעוואָלווער. אָט איז ער (ווייזט דעם רעוואָלווער).

שאַרלאָטאַ: געענדיגט. איצט געה איך (טהוט אן דעם ביקס). דו יעפּיכאָדאָוו, ביזט זעהר א קלוגער מענש און זעהר א שרעקליכער, דיך דאַרפען זעהר, זעהר ליעב האָבען פרויען. בררר!.. (געהט) אָט די חכמים זענען אלע אזעלכע נארישע, אז ס'איז ניטאָ מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדען... אלץ אליין, אליין, קיינעם האָב איך ניט... ווער בין איך, צו וואָס בין איך, ווייס איך ניט... (געהט אוועק ניט אוילענדיג).

יעפּיכאָדאָוו: אייגענטליך גערעדט, ניט אנריהרענדיג קיין אנדערע ענינים, מוז איך זיך אויסדריקען צווישען אנדערעס וועגען זיך אליין, אז דער שיקזאַל פערהאַלט זיך צו מיר אומדער־

באַרימדיג, ווי אַ שטורם־ווינד צו אַ קליין שיפעל. אויב מיר זאָלען צולאָזען, אַז איך האָב אַ טעות, איז פאַרוואָס כאָפּ איך זיך אויף היינט אין דער פריה — למשל געדערט — קוק זיך איין, און ביי מיר אויף׳ן ברוסט קריכט אַרום אַ שרעקליך גרויסער שפּין... אַט אַזאַ. (ווייזט מיט ביידע הענד). און נעהם אַ פּלעשעל קוואַס, אַנצו־טרינקען זיך, דאַרף איך דאַרט געפינען עפּעס אַ מין זאַך, וואָס איז העכסט אונאַנשטענדיג, אַ טאַראַקאַן כדומה למשל. (פּאַוזע). איהר האָט געלעזען באָקל׳ען? (פּאַוזע). איך וויל אייך מטריח זיין, אוודאָטיאַ פעדאָראָוונאַ, אויף אַ פּאָר ווערטער.

דוניאַשאַ: רעדט.

יעפּיכאָדאָוו: מיר וואָלט זיך געוואָלט אונטער פיער אויגען... (זיפצט אָב).

דוניאַשאַ (צוטומעלט): גוט... נאָר אַפריהער ברענגט מיר מיין טאַלמע... זי ליגט נעבען שראַנק... דאָ איז אַביסעל פייכט־לעך...

יעפּיכאָדאָוו: גוט... איך וועל ברענגען... איצט וויים איך, וואָס איך האָב צו טהאָן מיט מיין רעוואָלווער... (נעהמט די גיטאַרע און געהט אַוועק, צושפּיעלענדיג).

יאַשאַ: צוויי און צוואַנציג אומגליקען! אַ נאַרישער מענש, צווישען אונז רעדענדיג. (גענעצט).

דוניאַשאַ: ער קען זיך נאָך חלילה שיסען (פּאַוזע). איך בין אונרוהיג געוואָרען, דאָס האַרץ האָט מיר פערקלעמט. נאָך קינד־ווייז בין איך אַנגעקומען צו די העררן, האָב איך זיך שוין אָבגע־וואוינט פון פּראָסטען לעבען, און אָט די הענד האָב איך ווייסע — ווייסע, ווי אַ מאַמזעל. אַ צאַרטע בין איך געוואָרען, אַזאַ דעליקאַטע, אַן איי־דעלע, פאַר יעדער זאַך האָב איך מורא... אַזאַ שרעק. און אויב איהר, יאַשאַ, וועט מיך אָבנאַרען, ווייס איך ניט, וואָס וועט זיין מיט מיינע נערוועז.

יאַשאַ (קושט איהר): אוגערקעלע! געוויס, אַ מיידעל טאָר זיך ניט פערגעסען, און מעהר פאַר אַלץ האָב איך פיינט, אַז אַ מיידעל פיהרט זיך שלעכט אויף.

ד ו נ י א ש א: כ'האב אייך ליידענשאפטליך ליעב געקראַ־געז, איהר זייט א געבילדעטער, וועגעז אלעם קענט איהר א מיינונג זאגעז... (פאוזע).

י א ש א (געגעצט): יא... מייז מיינונג איז אזוי: האט א מיידעל עמיצעז ליעב, הייסט עס, זי איז אז אונמאראלישע. (פאוזע). ס'איז אנגענעהם אויסצורויכערז א סיגאר אויף'ן פרייעז לופט. (הערט זיך איין). מעז געהט אהער... דאס זענעז די הערעז...

דוניאַשאַ נעהמט איהם ארום.

י א ש א: געהט אהיים אזוי ווי איהר וואלט געגאנגעז צום טייך זיך באדעז; געהט מיט אט דעם שטעגעל, א־ניט וועלעז זיי אייך בעגעגנעז און מעז וועט נאך טראכטעז וועגעז מיר, אז איך האב אבגעמאכט זיך דא מיט אייך צו טרעפעז. כ'האב עס פיינט!

ד ו נ י א ש א (הוסט שטיל): מיר האט דער קאפ אנגעהויבעז וועה טהאז פון דער ציגאר... (געהט אַוועק).

יאַשאַ בלייבט זיצען נעבען קלויסטערל. ס'קומען ליובאוו אַנדרעיעווי־נאַ, גאַיעוו און לאָפּאכין.

ל א פ א כ י ז: מעז דארף איינמאל פאר אלע מאל בעשלי־סעז, — ניטא קיין צייט צו ווארטעז. די פראגע איז דאך גאר פשוט. זענט איהר וויליג אבצוגעבעז ערד פאר דאטשעס, אדער ניט? ענטפערט איין ווארט: יא, צו ניין? נאר איין ווארט!

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ווער רויכערט עס דא עקעלהאפטע ציגארעז... (זעצט זיך).

ג א י ע ו ו: אט האט מעז אויסגעבויט אז אייזענבאהז, איז געווארעז בעקוועם (זעצט זיך). א פאהר געטהאז איז שטאדט און געפריהשטיקט... דעם געלעז איז דערמיט! כ'וואלט פריהער גע־דארפט אריינגעהז איז הויז, אבשפיעלעז איין קאז...

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וועסט נאך צייט האבעז.

ל א פ א כ י ז: נאר איין ווארט! (מיט געבעט). גיט זשע מיר אז ענטפער!

ג א י ע ו ו (געגעצט): וועמעז?

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (קוקט אין איהר פּארט־

מאנע): נעכטען איז געווען א סך געלד, און היינט איז גאר ווע־ניג. מיין ווארוא נעבעך קארמעט אלעמען מיט מילכיגען סופ צו־ליעב עקאנאמיע, און קיך גיט מען די אלטע ליט בלויז ארבעס, און איך פערשווענד עפעס גאר אהן זין... (לאזט ארויס פון האנד די פארטמאנע. צושיט די גאלד־שטיקלעך). נו צושאטען... (איהר פער־דריסט).

י א ש א: ערלויבט מיר, איך וועל עס גלייך צונויפקלייבען. (קלייבט צונויף די מטבעות).

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: זייט אזוי גוט, יאשא. און צו וואס בין איך געפאהרען פריהשטיקען? — א צרה'דיגער רעס־טאראן אייערער, מיט דער מוזיק, די טישטיכער שמעקען מיט זייף... צו וואס אזוי פיעל טרינקען, לענא? צו וואס אזוי פיעל עסען? צו וואס אזוי פיעל רעדען? היינט איז רעסטאראן האסטו ווידער פיעל גערעדט, און אלץ ניט צו דער זאך. וועגען די זיעבעציגער יאה־רען, וועגען די דעקאדענטען, און פאר וועמען? פאר קעלנערס רע־דען וועגען דעקאדענטען!

ל א פ א כ י ן: יא.

ג א י ע ו ו (מאכט מיט'ן האנד): פון מיר וועט שוין קיין מענש ניט זיין, דאס איז קלאר... (אויפגערעגט צו יאשא'ן). וואס איז דאס, כסדר דרעהסטו זיך פאר די אויגען...

י א ש א (לאכט): איך קען ניט אהן געלעכטער הערען אייער שטימע.

ג א י ע ו ו (צו דער שוועסטער): אדער איך, אדער ער...

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: געהט אוועק, יאשא, געהט...

י א ש א (גיט אב ליובאוו אנדרעיעווגא'ן די פארטמאנע): באלד וועל איך אוועק (האלט זיך קוים אויף פון געלעכטער) די מינוט... (געהט אוועק).

ל א פ א כ י ן: אייער גוט קלייבט זיך צו קויפען דער גביר דעריגאנאוו. מען זאגט, ער וועט אליין מיט זיין כבוד קומען צו דער ליציטאציע.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פון וואנען ווייסט איהר?

ל א פ א כ י ן: מען שמועסט אין שטאדט.

ג א י ע ו ו: די יאראסלאווער טאנטע האט צוגעזאגט צו שיקען. וועז שיקען, וויפיעל שיקען — .ווייס מען ניט...

ל א פ א כ י ן: וויפיעל וועט זי שיקען, הונדערט טויזענד? צוויי הונדערט?

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: נו... א צעהן — פופצעהן טויזענד, און דערפאר קומט איהר אויך א דאנק.

ל א פ א כ י ן: פערצייהט מיר, אזעלכע לייכטזיניגע מענשען, ווי איהר, מיינע הערדען, אזעלכע אונפראקטישע, מאדנע, האב איך נאך ניט בעגעגענט. צו אייך רעדט מען קלארע דבורים, אייער גוט ווערט פערקויפט און איהר — גלייך ווי איהר פערשטעהט ניט.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וואס זשע זאלען מיר טהאן, לערנט אוים, וואס?

ל א פ א כ י ן: אלע טאג לערן איך אייך. אלע טאג זאג איך אייך די איינענע זאך. אי דעם קארשען-גארטען, אי די ערד דארף מען אבגעבען אין ארענדע אויף דאטשעס, און טהאן דארף מען עס שוין איצט, וואס גיכער, די ליציטאציע איז אונטער'ן נאז! פער־שטעהט עס! וועט איהר איינמאל בעשליסען ס'זאלען זיין דא־טשעס, וועט מען אייך געבען געלד, ווי פיעל איהר וועט נור וועלען, און איהר וועט זיין גערעטעט.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דאטשעס און דאטש־ניקעס — דאס איז אזוי וואולגאר, פערצייהט מיר.

ג א י ע ו ו: כ'ביז אינגאנצען איינשטימיג מיט דיר.

ל א פ א כ י ן: אדער כ'וועל זיך צואווייגען אדער זיך צושריי־ען, אדער איך וועל חלש'ן, כ'קען שוין ניט מעהר! איהר האט מיך פערמוטשעט! (צו גאיעוו'ן): איהר זייט א באבע!

ג א י ע ו ו: וועמען?

ל א פ א כ י ן: באבע! (וויל אוועקגעהן).

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (דערשראקען): נייז, געהט

ניט אוועק, טייערינקער. איך בעט אייך. אפשר, וועלען מיר אויס־טראכטען עפּעס!

לאַפּאַכין: וואס איז דא פאַרהאַן צו טראכטען?!

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ: געהט ניט אוועק,איך בעט אייך. מיט אייך איז פאַרט פרעהליכער... (פּאוזע). איך וואַרט אלץ אויף עפּעס, גלייך, ווי איבער אונז דאַרף איינפאַלען דאס הויז.

גאַיעוו (טיעף פערטראַכט): דעם דופּליעט אין ווינקעל... קרויזע אינדערמיט.

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ: צופיעל שוין האבען מיר געזינדיגט...

לאַפּאַכין: וואס פאר א זינד האט איהר...

גאַיעוו (לעגט אין מויל אריין אַ צוקערקע): מען זאגט, אז כ'האב מיין גאנצען פערמעגען אויפגעגעסען אויף צוקערקעס. (לאַכט).

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ: א, מיינע זינד... איך פלעג תמיד ווארפען זיך מיט געלד אהן אבהאלט, ווי א משוגע'נע, און חתונה געהאט מיט א מענשען, וואס האט נאר געהאלטען אין איין מאכען חובות. מיין מאן איז געשטארבען פון שאמפּאניער, ער האט שרעקליך פיעל געטרונקען, — האָב איך צום אומגליק ליעב געקראגען אן אנדערן, צונויפגעגאנגען זיך, און גראד אין דער זעל־בער צייט, — דאס איז געווען די ערשטע שטראף, א קלאפּ גלייך אין קאָפּ אריין, אט דא אין טייך... איז דערטרונקען געווארען מיין יונגעל, בין איך אוועקגעפאהרען קיין אויסלאנד, אוועקגעפאהרען גאָר אין גאנצען, קיינמאל שוין ניט צוריק צוקומען, ניט זעהן דעם טייך... כ'האב פערמאכט די אויגען, געלאָפען משוגע'נערווייז און ער — נאָך מיר... אונדערבארעמדיג, גראָב... א דאטשע האָב איך גע־קויפט נעבען מענטאָנא, ווייל ער איז קראנק געווארען, און דריי יאָהר האָב איך טאָג ווי נאכט פון קיין רוה ניט געוואוסט, דער קראנקער האט מיך פערמוטשעט, די נשמה איז מיר אויסגעגאנגען. און פאר־א־יאָהרען, ווען מען האט די דאטשע פערקויפט אויסצו־צאָהלען די חובות, בין איך אוועקגעפאהרען קיין פאריז, דאָרט

האָט ער מיך בעראַבעוועט, אוועקגעפאַהרען. זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַן אַנדערער, איך האָב געפּרובט זיך סמ׳ען... אַזוי נאַריש, אַזאַ שאַנדע... האָט זיך מיר פלוצלונג פערבענקט נאָך רוסלאַנד, נאָך דער היימאַט, נאָך מיין מיידעלע... (ווישט די טרערען). גאָט, גאָט, זיי בארמהערציג, זיי מיר מוחל מיינע זינד! בעשטראָף מיך ניט מעהר! (נעהמט ארויס פון קעשענע א טעלעגראַם). היינט ערהאַל־טען פון פּאַריז, ער בעט פערצייהונג, בעשוועהרט מיך, כ׳זאָל צוריק־קומען... (רייסט די טעלעגראַמע). דאַכט זיך, מוזיק הערט זיך דאָ ערגעץ וואו. (הערט זיך איין).

ג א י ע ו : דאָס איז אונזער בעריהמטער יודישער אָר־קעסטער. געדענקסט, פיער פידלען, א פלעיטע און א קאָנטערבאַס.

ל י ו ב אָ ו אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ א : ער עקזיסטירט נאָך? מען דאַרף איהם אַמאָל פּעררופען צו אונז. מאַכען אַן אָווענד.

ל אָ פּ א כ י ן (הערט זיך איין) : מען הערט ניט... (זינגט שטיל צו) „און פאַר געלד וועלען דייטשען פאַרפראַנצויזעווען דעם רוס" (לאַכט). האָב איך נעכטען א פּיעסע געזעהן אין טעאַטער! זעהר לעכערליך.

ל י ו ב אָ ו אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ א : אודאי גאָרניט לע־כערליך. איהר דאַרפט ניט זעהן קיין פּיעסען, גיט בעסער עפּעטער א קוק אויף זיך. ס׳אַרא גרויען לעבען איהר אַלע לעבט, ווי פיעל אוננויטיגע רייד.

ל אָ פּ א כ י ן : אמת... מען דאַרף אָפען זאָגען, אונזער לע־בען איז נאַריש... (פּאַוזע). מיין טאַטע איז געווען א פּויער, אַן אידיאָט, האָט גאָרניט פערשטאַנען, האָט מיך ניט געלערנט, נאָר געהאַלטען אין איין שלאָגען, שכור׳ערהייט, און אַלץ מיט א שטע־קען. אייגענטליך בין איך דערזעלבער גולם און אידיאָט, קיין זאַך האָב איך זיך ניט געלערנט, א האַנדשריפט האָב איך א צרה׳דיגע, כ׳שרייב אַזוי, אַז ס׳איז א שאַנדע פאַר לייטען, ווי א חזיר.

ל י ו ב אָ ו אַ נ ד ר ע י ע ו ו נ א : איהר דאַרפט חתונה האָבען, מיין פריינד.

ל אָ פּ א כ י ן : יאָ... אמת.

ליובאָוו אנדרעיעווונא: מיט אונזער וואַ־ריאַן. זי איז א גוט מיידעל.

לאָפּאכין: יא.

ליובאָוו אנדרעיעווונא: זי איז ביי מיר א פּראסטע, א גאנצען טאָג ארבייט זי, און, דער עיקר, האָט אייך ליעב. און אייך געפעלט זי אויך שוין פון לאנג.

לאָפּאכין: נו טאקע. איך בין ניט דאגעגען. זי איז א גוט מיידעל.

גאיעוו: מיר לעגט מען פאַר א שטעל אין א באנק. זעקס טויזענד א יאָהר. האָסט געהערט?

ליובאָוו אנדרעיעווונא: וואָס רעדסטו? זיץ שוין שטיל...

פירס קומט; ער האט געבראכט אַ פּאלטאָ.

פירס: זייט אזוי גוט, מיין הערר, טהוט אָן, ס'איז פייכט.

גאיעוו (טהוט אָן דעם פּאלטאָ): ביזט מיר שוין נמאס, ברודערקע.

פירס: וואָס זאָגט איהר... אין־דער־פריה אוועק געפאָ־רען גאָרניט זאָגענדיג. (בעקוקט איהם).

ליובאָוו אנדרעיעווונא: ווי פערעלטערט ביזטו געוואָרען, פירס!

פירס: וואָס בעפעהלט איהר?

לאָפּאכין: מען זאָגט, האָסט זיך שטארק געעלטערט!

פירס: איך לעב לאנג. ווען מען האט זיך געגרייט מיך חתונה צו מאכען, איז נאָך אייער פאָטער אויף דער וועלט ניט גע־ווען... (לאכט) און ווען ס'איז געוואָרען פרייהייט, בין איך שוין דער עלטסטער קאמערדיענער געווען. דאמאָלס האָב איך די פריי־הייט ניט אנגענומען, בין געבליבען ביי די העררן. (פּאוזע). און כ'געדענק אלע פרעהען זיך. וואָס זיי פרעהען זיך, ווייסען זיי אליין ניט.

לאָפּאכין: פריהער איז געווען זעהר גוט, מען האָט גע־שמיסען אם ווענינסטען.

פ י ר ס (דערהערט ניט): אודאי. די פויערן ביי די פריצים, די פריצים ביי די פויערן, און איצט איז אַלץ צוזייט און צושפּרייט, מען קען גאָרניט פערשטעהן.

ג א י ע ו ו: שוויג שוין, פירס. מאָרגען דאַרף איך אין שטאָדט פאָהרען. מען האָט מיר צוגעזאָגט צו בעקענען מיט א גע־נעראל, וואָס קען געבען געלד אויף א וועקסעל.

ל אָ פּ א כ י ן: עס וועט דערפון גאָרניט ארויסקומען. און די פּראצענטען וועט איהר ניט בעצאָהלען, זייט רוהיג.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דאָס רעדט ער פון היץ. ניטאָ קיין שום גענעראַלען.

ס'קומען טראָפימאָוו, אַניאַ און וואַריאַ.

ג א י ע ו ו: אָט געהען אונזערע.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (צאַרט): געה, געה... הארציגע מיינע... (נעהמט ארום אַנאַ'ן און וואַריאַ'ן). ווען איהר זאָלט ביידע וויסען, ווי ליעב איך האָב אייך. זעצט זיך דאָ דער־ביי, אָט אזוי. (אַלע זעצען זיך).

ל אָ פּ א כ י ן: אונזער אייביגער סטודענט געהט אַלץ מיט די מאַמזעלען ארום.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: ניט אייער געשעפט.

ל אָ פּ א כ י ן: שוין נאָהענט צו 50 יאָהר, און אַלץ נאָך א סטודענט.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: לאָזט אָב אייערע נארישע שפּאסען.

ל אָ פּ א כ י ן: וואָס זשע, ביזט אין כעס, מאָדנער מענש וואָס דו ביזט.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: טשעפּע זיך אָב.

ל אָ פּ א כ י ן (לאַכט): ערלויבט מיר אייך צו פרעגען, ווי פערשטעהט איהר וועגען מיר?

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: איך, יערמאַלאַי אַלעקסעאיטש, פער־שטעה אזוי: איהר זייט א רייכער מאן, אין גיכען וועט איהר זיין א מיליאָנער. נו, איז אזוי ווי אין זינן פון שטאָפען־וועקסלונג מוז

זיין א רויב־טהיער, וואָס פרעסט אויף אַלץ וואָס קומט איהם אין וועג, מוז מען אייך אויך האָבען. (אַלע לאַכען).

וואַריאַ: דערצעהלט בעסער, פעטיא, וועגען די פּלאַנעטען.

ליובאָוו אנדרעיעווּנאַ: ניין, לאָמיר בעסער פיהרען ווייטער אונזער נעכטיגען שמועס.

טראָפימאָוו: וועגען וואָס?

גאַיעוו: וועגען שטאָלצע מענשען.

טראָפימאָוו: מיר האָבען נעכטען גערעדט לאַנג, אָבער מיר האָבען זיך צו גאָרניט דערדערדט. אין שטאָלצע מענשען, אין אייער זינן, איז פאַרהאַן עפּעס מיסטישעס. אפשר זייט איהר, אויף אייער אופן, גערעכט. נאָר ווען מען זאָל דענקען פּראָסט, אָהן חכמות, איז וואָס פאַר א שטאָלץ קען שוין דאָ זיין, און וואָס פאַר א זינן איז פאַרהאַן אין דעם, אויב דער מענש איז פיזיאָלאָגיש א צרה'דיג בעשעפעניש, אויב די גרויסע מעהרצאָל, איז גראָב, ניט קלוג, טיעף־אומגליקליך? מען דארף אויפהערען צו קלייבען נחת פון זיך אליין. מען דארף נאָר ארבייטען.

גאַיעוו: וועסט אַלץ איינס שטארבען.

טראָפימאָוו: ווער ווייס? און וואָס הייסט עס — וועסט שטארבען? אפשר האָט דער מענש הונדערט חושים, און מיט'ן טויט קומען אום נאָר די פינף, וואָס מיר ווייסען, און די איבעריגע פינף און נײַנציג בלייבען לעבען.

ליובאָוו אנדרעיעווּנאַ: ס'ארא קלוגער איהר זייט, פעטיא!

לאָפּאַכין (איראָניש): א שרעק!

טראָפימאָוו: די מענשהייט געהט פאָרווערטס, פערפאָלקאָמענדיג איהרע כחות. אַלץ, וואָס איז פאַר איהר אונדערגרייכבאר איצט, וועט אמאָל ווערען נאָהענט, פערשטענדליך. מען דארף נאָר ארבייטען, העלפען מיט אַלע כחות די, וואָס זוכען דעם אמת. ביי אונז אין רוסלאַנד ארבייטען דערווייל נאָר ווייניג מענשען. די ווייט־גרעסטע צאָהל פון דער אינטעליגענץ, וואָס איך קען,

זוכט קיין זאך ניט, טהוט קיין זאך ניט און איז דערוויל אונפעהיג צו ארבייט. האלטען זיך פאר אינטעליגענט און די בעדיענטע דוצען זיי, מיט פויערן בעגעהען זיי זיך ווי מיט בהמות, לערנען זיך שלעכט, קיין זאך לעזען זיי ניט ערנסט, טהאָן טהוען זיי לחלוטין גאָרניט, וועגען וויסענשאפט שמועסען זיי נאָר, קונסט פערשטעהען זיי ווייניג. אלע זענען זיי ערנסט, די פנים'ער זענען ביי אלעמען שטרענגע, אלע רעדען נאָר וועגען וויכטיגע ענינים, האלטען אין איין פילאָסאָפירען, און דאָך לעבט די גרעסטע צאָהל, ניין און ניינ־ציג פון הונדערט, ווי ווילדע. וואָס א וואָרט — באלד אין די ציין אריין, געשאָלטען זיך; עסען כל המיני חזיר'ייען, שלאָפען אין שמוץ, אין שטינקעניש, אומעטום וואנצען, א געשטאנק, פייכט, מאָראלישע אונריינקייט... אפנים מיט די אלע פיינע שמועסען איז מען ביי אונז אויסען נאָר צו שיטען זאמד אין די אויגען זיך אליין און אנדערע. צייגט מיר אָן, וואו זענען אונזערע קינדער־אנשטאל־טען, וואָס מען רעדט וועגען זיי אזוי פיעל און אזוי אָפט, וואו זע־נען די ביבליאָטעקען? וועגען זיי שרייבט מען נאָר אין די ראָמאַ־נען, אין לעבען איז קיין זכר פון זיי ניטאָ. פארהאן איז נור שמוץ, געמיינהייט, אזיאטישקייט. איך שרעק זיך און האָב ניט ליעב קיין זעהר ערנסטע צורות, איך שרעק זיך פאר ערנסטע שמועכען, בעסער שווייגען!

ל אָ פּ א כ י ן: איהר ווייסט, איך שטעה אויף פינף א זייגער אין־דער־פריה, ארבייט פון פריה ביז אויף דער נאכט; נו, ביי מיר אין די הענד געפינט זיך תמיד געלד, אייגענע און פרעמ־דע, און איך זעה וואָס פאר א מענשען זענען דאָ ארום. מען דארף נאָר אָנהויבען עפּעס צו טהאָן, גלייך דערזעהט מען, ווי ווייניג עס זענען פארהאן עהרליכע, אנשטענדיגע מענשען. ס'מאכט זיך אמאָל, איך קען ניט איינשלאָפען, טראכט איך מיר: גאָט, דו האָסט אונז געגעבען אונגעהויער־גרויסע וועלדער, פעלדער וואָס ציהען זיך אָהן א סוף, ווייטע־ווייטע האָריזאָנטען און, לעבענדיג דאָ, וואָלטען מיר דאָך אייגענטליך געדארפט אליין ריעזען זיין...

ל י ו ב אָ ו א נ ד ר ע י ע וו נ א: וואָס איז איך עפּעס

איינגעפאלען ריעזען... זיי זענען גוט נאָר אין מעשיות, אזוי שרעקען זיי.

אין הינטערגרונד פון דער סצענע געהט דורך יעפּיכאָדאָוו און שפּיעלט אויף אַ גיטאַרע.

ליובאָוו אנדרעיעוונא (פערטראכט): יעפּיכאָדאָוו געהט...

גאיעוו: די זון איז אונטערגעגאנגען, מיינע העררן.

טראָפימאָוו: יא.

גאיעוו (ניט הויך, ווי דעקלאמירענדיג): אָ נאטור, דו וואונדערבארע, דו שיינסט מיט אַן אייביגען גלאַנץ, א שעהנע און א גלייכגילטיגע, דו, וואָס מיר רופען דיך מוטער, דו בעהעפסט אין זיך דאָס זיין און דעם טויט, דו בעלעבסט און צושטערסט...

וואריא (מיט געבעט): אָנקעל!

אניא: אָנקעל, שוין ווידער!

טראָפימאָוו: בעסער דעם געלען אינדערמיט מיט׳ן דופּלעט.

גאיעוו: איך שוויג, שוויג.

אלע זיצען פערטראכט. שטיל־שווייגען. מען הערט נאָר ווי עס מורמעלט פירס. פּלוצלונג דערהערט זיך אַ ווייטער קלאנג, גלייך ווי פון הימעל, אַ קלאנג פון א סטרונע, וואס האט געפּלאצט, א גוסס׳דיגער, אַ טרויעריגער.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: וואָס איז דאָס?

לאָפּאכין: כ׳ווייס ניט. ערגעץ־וואו אין א שאכט האָט זיך אָבגעריסען דער שלעפּ־עמער. ס׳איז אָבער ערגעץ זעהר ווייט.

גאיעוו: און אפשר א פויגעל אזא, א מין צאַפּליע.

טראָפימאָוו: אָדער א פילין...

ליובאָוו אנדרעיעוונא (ציטערט אויף): עפּעס אונהיימליך. (פּאוזע).

פירס: פאר׳ן אומגליק איז אויך אזוי געווען: א סאָווע האָט געשריגען, און דער סאמאָוואר האָט געזומעט אָהן אן אויפהער.

ג א י ע ו ו: פאר וועלכען אומגליק?

פ י ר ם: פאר דער פרייהייט. (פאוזע).

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ווייסט איהר, מיינע פריינד, לאמיר געהן, ס'ווערט שפעט. (צו אניא'ן): ביי דיר שטעהען טרערען אין די אויגען... וואס איז מיט דיר, מיידעלע? (נעהמט איהר ארום).

א נ י א: דאס איז אזוי זיך, מאמא, גארניט.

ט ר א פ י מ א ו ו: עמיצער געהט.

ס'ווייזט זיך א דורכגעהער אין א ווייסען, אבגעניצטען מיצעל, אין א פאלטא; ער איז שכור'לער.

ד ע ר ד ו ר כ ג ע ה ע ר: ערלויבט מיר אייך צו פרעגען, קען איך דא צוגעהן גלייך צו דער סטאנציע?

ג א י ע ו ו: איהר קענט. געהט מיט דעם וועג.

ד ע ר ד ו ר כ ג ע ה ע ר: א זעהר שעהנעם דאנק אייך. (טהוט א הוסט). א וועטער א מחיה... (דעקלאמירט). ברודער מיינער, ליידענדער ברודער... געה ארוים אויף דער וואלגא, וועמעס זיפץ... (צו ווארוא'ן): מאדעמאוזעל, זייט אזוי גוט, גיט א קאפיקעס דרייסיג א הונגעריגען רוסלענדער...

ווארוא האט זיך דערשראקען, טהוט א געשריי.

ל א פ א כ י ן (אין כעס): יעדע מיאוס'קייט מוז דאך האבען איהרע אנשטענדיגקייט!

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (געבליפט): נעהמט... אט האט איהר. (זוכט אין פארטמאנע). קיין זילבער איז ניטא. אלץ איינס... נאט אייך א גאלד־שטיקעל.

ד ע ר ד ו ר כ ג ע ה ע ר: א זעהר שעהנעם דאנק אייך! (געהט אוועק).

א געלעכטער.

ו ו א ר י א (דערשראקען): כ'געה אוועק... כ'געה אוועק... אין דער היים איז ניטא וואס צו עסען, און איהר האט איהם אבגעגעבען א גאלד־שטיקעל.

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: וואס קען מען מיט

מיר, נארישער, טהאָן? איך וועל דיר אין דער היים אלץ אָבגעבען, וואָס כ'האָב. יערמאלאי אלעקסעאיטש, לייהט מיר נאָך!..

לאָפּאכין: גוט.

ליובאָוו אנדרעיעווונא: לאָמיר געהן, מיינע העררן, שוין צייט. און מיר האָבען דאָ פאר דיר א שרוך געפֿונען, ווארא, איך גראטוליר דיך.

ווארא (אין טרערען): דערמיט, מאמא, טאָר מען ניט שפּאסען.

לאָפּאכין: אָכמעליא, געה אין קלויסטער אריין...

גאיעוו: און ביי מיר ציטערן די הענד. שוין לאנג אין ביליארד ניט געשפּיעלט.

לאָפּאכין: אָכמעליא, אָה, נימפע, דערמאָן מיך אין דיי־נע תפלות!

ליובאָוו אנדרעיעווונא: קומט מיינע הערן, באלד איז אָוונד־מאָלצייט.

ווארא: ער האָט מיך איבערגעשראָקען. ס'הארץ קלאַפּט אזש.

לאָפּאכין: איך דערמאָן אייך, מיינע הערן: דעם 22־טען אויגוסט וועט זיך פערקויפען דער קארשען גאָרטען. טראכט דערפון! טראכט!..

אלע געהען אוועק, אויסער טראָפימאָוו'ן און אַנאַ'ן.

אניא (לאַכט): א דאנק דעם דורכגעהער, ער האָט איבער־געשראָקען ווארא'ן, זענען מיר איצט אליין.

טראָפימאָוו: ווארא האָט מורא, מיר זאָלען זיך ניט פלוצלינג פערליעבען איינער אין אנדערן, און טרעט ניט אָב פון אונז גאנצע טעג. מיט איהר שמאָלען קעפּעל קען זי ניט פער־שטעהן, אז מיר זענען העכער פון ליעבע. אויסמיידען אל דאָס קליינליכע און דאָס אילוזאָרישע, וואָס שטערט אונז פריי און גליקליך צו זיין, דאָס איז דער צוועק און זין פון אונזער לעבען. פאָרוועררטס! מיר געהען אָהן אָבהאלט צום העלען שטערן, וואָס

ברענט דאָרט אין דער ווייטענס! פאָרווערטס! שטעהט ניט אָב, פריינד!

א נ י א (פּאַטשט מיט די הענד): ווי גוט איהר רעדט. (פּאוזע). היינט איז דאָ וואונדער־שעהן.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: דער וועטער איז א וואונדערבארער.

א נ י א: וואָס האָט איהר געטהאָן מיט מיר, פּעטיא, וואָס איך האָב שוין ניט ליעב דעם קארשען־גאָרטען, ווי אמאָל. איך האָב איהם ליעב געהאט אזוי צארט, מיר האָט זיך אויסגעוויזען, ניטאָ אויף דער וועלט קיין בעסערער אָרט ווי אונזער גאָרטען.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: גאנץ רוסלאנד איז אונזער גאָרטען. גרויס און שעהן איז די ערד, פאַרהאַן פיעל וואונדערבארע ערטער. (פּאוזע). שטעלט זיך פאָר, אניא. אייער זיידע, עלטער זיידע און אייער גאנצע משפחה זענען געווען שקלאפען־אייגענטימער, בעזי־צער פון לעבעדיגע נפשות — קוקען דען ניט פון יעדען קארש אין גארטען, פון יעדען בלעטעל, פון יעדען שטאם פון בוים, מענש־ליכע בעשעפענישען? הערט איהר דען ניט די קולות... אָ דאָס איז שרעקליך, אייער גאָרטען איז שרעקליך! ווען מען געהט אָווענד־צייט אָדער ביי נאכט דורך'ן גאָרטען, לייכט זיך טונקעל די אלטע קאָרע אויף די קאשען־בוימער, און ס'דוכט זיך, אז ס'קומט זיי צו חלום וואָס איז געווען מיט הונדערט—צוויי הונדערט יאָהר צוריק, און שווערע זעהונגען פייניגען זיי. וואָס איז דאָ וואָס צו רעדען! מיר זענען אָבגעשטאנען אם וועניגסטען אויף צוויי הונדערט יאָהר, מיר האָבען נאָך לחלוטין גאָרניט, מיר האָבען ניט קיין בעשטימטע בעציהונג צו דער פערגאנגענהייט, מיר פילאָסאָ־פירען נאָר, קלאָגען זיך וועגען אומעט אָדער טרינקען בראנפען. ס'איז דאָך אזוי קלאר, אז כדי אָנצוהויבען לעבען אין דער געגענ־ווארט, דארף מען אויסקויפען די פערגאנגענהייט, ענדיגען מיט איהר, און אויסקויפען קען מען זי נאָר דורך לײדען, נאָר דורך אונ־געוועהנליכע ארבייט אָהן אָברוה. פערשטעהט עס, אניא.

א נ י א: דאָס הויז, וואו מיר זואוינען, איז שוין פון לאנג ניט אונזער, און איך וועל אוועק, איך גיב אייך מיין וואָרט.

טראַפּימאָוו: אויב איהר האָט שליסלען פון דער ווירטהשאַפט, וואַרפט זיי אריין אין דעם ברונעם און געהט אוועק. זייט פריי, ווי דער ווינד.

אניא (אַן ענטציקטע): ווי גוט איהר האָט געזאָגט!

טראַפּימאָוו: גלויבט מיר, אניא, גלויבט מיר! איך בין נאָך ניט אַלט קיין דרייסיג יאָהר, איך בין יונג, איך בין נאָך א סטודענט, נאָר כ'האָב זיך שוין אזוי פיעל אָנגעליטען! וואָס א ווינטער — בין איך הונגעריג, קראַנק, אונרוהיג, אָרים ווי א בעטלער און — וואוהין האָט דער מזל מיך ניט פערטראָגען! וואו בין איך ניט געוועזען! און דאָך האָט מיר דאָס הארץ עפּעס געזאָגט, שטענדיג יעדע רגע, ביי טאָג און ביי נאכט זאָגט מיר דאָס הארץ עפּעס, ניט קלאָר צו פערשטעהן. איך האָב א פאָרגעפיהל פון גליק, אניא, איך זעה עס שוין...

אניא (פערטראַכט): ס'געהט אויף די לבנה.

מען הערט ווי יעפּיכאָדאָוו שפּיעלט אויף אַ גיטאַרע אַלץ די זעלבע אומעטיגע ליעד. ס'געהט אויף די לבנה. ערגעץ־וואו נעבען די טאָפּאָ־ליעס זוכט וואַריאַ אַניאַ'ן און רופט: „אַניאַ, וואו ביזטו?“

טראַפּימאָוו: יא, ס'געהט אויף די לבנה... (פּאוזע). אָט איז דאָס גליק, אָט געהט עס, קומט צו אַלץ נעהנטער און נעהנטער, איך פערנעהם שוין זיינע טריט. און וועלען מיר דאָס גליק ניט דערזעהן, ניט דערקענען, וואָס זשע איז דער אומגליק? וועלען עס אנדערע דערזעהען!

וואַריאַ'ס שטימע: אניא, וואו ביזטו?

טראַפּימאָוו: ווידער די וואַריא! (אין כעס): דאָס איז עמפּערענד!

אניא: איז וואָס? לאָמיר אוועק צום טייך. דאָרט איז גוט.

טראַפּימאָוו: לאָמיר געהן. (געהען).

וואַריאַ'ס שטימע: אניא! אניא!

פאָרהאַנג.

דריטער אַקט.

אַ גאסט צימער וואָס איז אָבגעטיילט דורך אן ארקע פון זאַל. עס ברענט א הענגליכטער. מען הערט אַ יודישען אָרקעסטער שפּיעלען אין פאָרצימער. ס׳איז דערזעלבער אָרקעסטער, וואָס ווערט דערמאָנט אין צווייטען אַקט. אָוועגד. אין זאַל טאַנצט מען אַ „גראַנד ראנד“. סי־מעאָנאָוו־פישטשיק׳ס שטימע: „פראָמענאַדירען פּאָרוויז.“ ס׳געהען אַריין אין גאַסטצימער: די ערשטע פּאָר — פּישטשיק און שאַרלאָטאַ איוואַנאָוונאַ, די צווייטע פּאָר — טראָפימאָוו און ליובאוו אַנדרע־יעוונאַ, די דריטע — אַניאַ און אַ פּאָסט־בעאַמטער, די פערטע — וואַריאַ מיט׳ן אויפזעהער פון דער סטאַנציע און אַז. וו.

וואריא וויינט שטיל און ווישט די טרערען, בשעת׳ן טאַנצען. אין דער לעצטער פּאאר איז דוניאשא. מען געהט ארום אין גאסט צימער; פּישטשיק שרייט: „גראנד ראָנד, באַלאַנסע!“ און „לע קאוואליער א זשענו עט רעמערסיע וואָ דאַם!“

פירס, אין א פראק, ברענגט זעלצער־וואסער אויף א טאַץ. ס׳גע־הען אריין אין גאסט־צימער פּישטשיק און טראָפימאָוו.

פּ י ש ט ש י ק: איך בין א פולבלוטיגער, האָב שוין צוויי מאָל אפּאָפּלעקסיע געהאט, טאנצען איז פאר מיר שווער, נאָר ווי זאָגט מען עס: ביזט צווישען הינד, ביל יאָ, ביל ניט, נאָר מיט׳ן ווידעל דרעה. געזונד בין איך ווי א פערד. מיין פערשטאָרבענער פאטער, א ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען, האָט ליעב געהאט צו שפּאסען, פערשטעהט איהר מיך, — פלעגט ער זאָגען וועגען אונ־זער יחוס, אז די אלטע משפּחה אונזערע, די סימעאָנאָוו־פּישטשיקס שטאמען פון דעם זעלבען פערד, וואָס קאליגולא האָט אריינגעזעצט אין רוימישען סענאט... (זעצט זיך). די צרה איז נאָר, וואָס ס׳איז ניטאָ קיין געלד! א הונגעריגער הונד גלויבט נאָר אין פלייש... (כראפּעט און כאפּט זיך באלד אויף). איך בין אויך אזוי... איך וויים נאָר געלד און ווידער אמאָל געלד...

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו: אייער פיגור האָט ווירקליך אין זיך עפּעס פערדישעס.

פּ י ש ט ש י ק: איז וואָס... א פערד איז א וואוילע חיה... א פערד קען מען פערקויפען...

מען הערט שפּיעלען ביליאַרד אין דעם אַנדערן צימער. אין זאַל אונטער דער אַרקע בעוויזט זיך וואַריאַ.

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו (רייצט זיך): מאדאם לאָפּאכינא! מאַדאם לאָפּאכינא!

ו ו א ר י א (ברוגז): אָבגעקראָכענער פּריץ!

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו: יא. איך בין אן אָבגעקראָכענער פּריץ און כ׳בין שטאָלץ דערויף.

ו ו א ר י א (טרויעריג - פערטראַכט): מוזיקאנטען האָט מען בעשטעלט, וואו וועט מען נעהמען זיי צו בעצאָהלען? (געהט אוועק).

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו (צו פּישטשיק׳ן): ווען איהר זאָלט די ענערגיע, וואָס איז ביי אייך דאָס גאנצע לעבען לאנג אוועק אויף זוכען געלד צו בעצאָהלען פּראָצענטען, געווען פערטהאָן אויף עפּעס אנדערש, וואָלט איהר, אודאי, סוף כל סוף, די גאנצע וועלט געקענט איבערקעהרען.

פּ י ש ט ש י ק: ניטשע... א פילאָסאָף... דער גרעסטער, בעריהמטעסטער... א גאונ׳ישער קאָפּ... זאָגט אין זיינע ווערק, אז פאלשע אסיגנאציעס מעג מען מאכען.

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו: און איהר האָט געלעזען ניטשען׳ן?

פּ י ש ט ש י ק: נו... מיר האָט דאשענקא דערצעהלט. און איך בין איצט אין אזא לאגע, אז כאָטש געה מאך פאלשע אסיגנאציעס... איבערמאָרגען דארף איך צאָהלען 310 רובל... 130 האָב איך שוין... (טאַפּט אין די קעשענעס, אונרוהיג) די געלד איז ניטאָ! פערלוירען די געלד! (אין טרערען) וואו איז די געלד? (מיט פרייד) אָט איז עס, אונטער׳ן אונטערשלאק... א נויטשוויים איז מיך אזש בעפאלען...

ס׳געהען אריין ליובאָוו אַנדרעיעווגאַ און שאַרלאָטאַ איוואַנאָווגאַ.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (זינגט זיך אַ ליעדעל):

וואָס זאָמט זיך אזוי לאַנג לעאָניד? וואָס טהוט ער אין שטאָדט?
(צו דוניאַשאַ'ן): דוניאשא, זייט מכבד די מוזיקאנטען מיט טהעע.

טראָפּימאָוו: די ליציטאציע איז, אודאי, ניט געווען.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: מוזיקאנטען גאָר — וועך דארף זיי איצט, און א באַל — ווער דארף איהם איצט... נו, מילא... (זעצט זיך און זינגט צו שטיל).

שאַרלאָטא (דערלאַנגט פּישטשיק'ן א טעשעל קארטען): נעהמט אייך אין זינען עפּעס א קארט.

פּישטשיק: שוין.

שאַרלאָטא: טאַשט איצט די קארטען. זעהר גוט. גיט אהער, אָ, מיין ליעבער הערר פּישטשיק. איינס, צוויי, דריי! איצט טהוט א זוך, די קארט איז ביי אייך אין בוזים-קעשענע.

פּישטשיק (נעהמט ארויס פון בוזים-קעשענע אַ קאָרט): אכטעל פּיק, גאַנץ ריכטיג! (וואונדערט זיך). טאקע!

שאַרלאָטא (האַלט אַ טעשעל קארטען אויף דער דלאָניע, צו טראָפּימאָוו'ן): זאָגט אקאָרשט גיכער, וואָס פאַר א קאָרט ליעגט פון אויבען?

טראָפּימאָוו: כ'וויים. נו, דאַמע פּיק.

שאַרלאָטא: פּאַרטיג!.. (צו פּישטשיק'ן): נו? וועל-כע קאָרט איז פון אויבען?

פּישטשיק: טויז רויט.

שאַרלאָטא: פּאַרטיג!.. (טהוט א קלאַפּ איבער'ן דלאָניע, דאָס טעשעל קארטען פערשווינדט). ס'אַרא גוט וועטער איז היינט! (עס ענטפערט איהר אָב א געהיימניספולע פרויען-שטימע, עפּעס ווי פון אונטער דער פּאָדלאָגע: „יא, יא, א פיינער וועטער, מאַדאַם"). איהר זייט אזא גוטער, מיין אידעאַל... (אַ שטימע: „איהר, מאַדאַם, זענט מיר אויך זעהר געפעלען").

דער אויפזעהער פון דער סטאנציע (אַפּלאָדירט): מאַדאם ווענטרילאָקוויסט, בראַוואָ!

פּישטשיק (פערוואונדערט): טאקע! אָ, בעצויבערנדע שאַרלאָטא איוואַנאָוונא, איך בין ממש פערליעבט...

ש א ר ל אָ ט א: פערליעבט? (ציהט מיט די אַקסלען). איהר קענט דען ליעב האָבען? גוטער מענש אבער שלעכטער מו־זיקאַנט.

ט ר אָ פ י מ אָ ו (קלאַפּט פישטשיק׳ן איבער׳ן פּלייצע): פערד איהר איינער...

ש א ר ל אָ ט א: זייט אויפמערקזאם, נאָך איין פאָקוס. (נעהמט דעם פּלעד פון שטול) אָט האָט איהר אונזער גוטען פּלעד, איך וויל איהם פערקויפען... (טרייסעלט דעם פּלעד). וויל אפשר עמי־צער קויפען?

פ י ש ט ש י ק (פערוואונדערט): טאקע!

ש א ר ל אָ ט א: איינס, צוויי, דריי! (הויבט אויף שנעל דעם פּלעד; הינטער איהם שטעהט אַניאַ; זי פערבייגט זיך, לויפט צו דער מוטער, נעהמט זי ארום און אנטלויפט צוריק אין זאַל; אַלע זענען ענטציקט).

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (אַפּלאָדירט): בראוואָ, בראוואָ!..

ש א ר ל אָ ט א: איצט ווידער! איינס, צוויי, דריי! (הויבט אויף דעם פּלעד; הינטער איהם שטעהט וואַריאַ און בעגריסט אַלעמען).

פ י ש ט ש י ק (פערוואונדערט): טאקע!

ש א ר ל אָ ט א: ענדע! (וואַרפט ארויף דעם פּלעד אויף פישטשיק׳ן, פערבייגט זיך און אנטלויפט אין זאַל אריין).

פ י ש ט ש י ק (געהט איהר אייליג נאָך): א מרשעת... ווי געפעלט עס אייך, הא? (געהט אַוועק).

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: און לעאָניד איז נאָך אַלץ ניטאָ. וואָס ער טהוט אזוי לאנג אין שטאָדט, פערשטעה איך ניט! דאָרט האָט זיך דאָך שוין אַלץ געענדיגט, דאָס גוט איז פער־קויפט, אָדער ס׳איז ניט געווען קיין ליציטאציע, פאר וואָס זשע קומט ער ניט אונז לאָזען וויסען באלד!

ו ו א ר י א: דער אָנקעל האָט געקויפט, איך בין זיכער.

ט ר אָ פ י מ אָ ו (שפּאָטיש): יאָ.

ו ו א ר י א: די באבע האָט איהם געשיקט א פּאָלמאכט,

ער זאָל קויפען דאָס גוט אויף איהר נאָמען, און זי זאָל איבערנעהד־
מען די חובות. פאר אנא׳ן טהוט זי עס. און איך בין זיכער, גאָט
וועט העלפען, דער אָנקעל וועט קויפען.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: די יאראָסלאווער באַ־
בע האָט געשיקט פופצעהן טויזענד רובל, מען זאָל קויפען דאָס
גוט אויף איהר נאָמען, — אונז געטרויט זי ניט, — און די געלד
וועט ניט קלעקען אפילו אויף פּראָצענט (פערדעקט זיך דאָס געזיכט).
היינט ווערט בעשטימט מיין גורל, דער גורל...

טראָפימאָוו (רייצט זיך מיט וואַריאַ׳ן): מאדאם לאָ־
פּאכינא!

וואַריא: אייביגער סטודענט! און צוויי מאָל ארויס־
געטריבען פון אוניווערזיטעט.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: וואָס ביזטו אין כעס,
וואריא? ער רייצט זיך מיט דיר, איז וואָס? ווילסטו — האָב
חתונה מיט לאָפּאכין׳ען, ער איז א גוטער, אינטערעסאנטער מענש.
ווילסט ניט — האָב ניט חתונה: קיינער נויט דיך ניט, חלילה,
מיין טייערע...

וואַריא: איך קוק אויף דער זאך ערנסט, מאמע, כ׳וועל
רעדען אָפען. ער איז א גוטער מענש, געפעלט מיר.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: טאָ האָב חתונה.
אויף וואָס דו ווארטסט, פערשטעה איך ניט!

וואַריא: כ׳קען דאך ניט, מאמא, זיך אליין אָנשלאגען.
שוין זייט צוויי יאָהר דערצעהלט מען מיר אלץ וועגען איהם, אלע
רעדען, און ער — שווייגט, אָדער שפּאסט. איך פערשטעה, ער
מאכט געלד, פערנומען מיט געשעפטען, ס׳ליעגט איהם ניט אין
קאָפּ. ווען איך זאָל האָבען געלד, כאָטש אביסעל, כאָטש הונדערט
רובל, וואָלט איך אלץ אוועקגעוואָרפען, און כ׳וואָלט אוועק ערגעץ
ווייט. אין א קלויסטער וואָלט איך אוועק.

טראָפימאָוו: אזא הערליכקייט!

וואַריא (צו טראָפימאָוו׳ן): א סטודענט דארף זיין
קלוג! (אין א ווייכען טאָן, וויינענדיג). ווי מיאוס איהר זענט גע־

וואָרען פעטיא, ווי אלט! (צו ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ'ן, שוין ניט ווייד־נענדיג): אָהן ארבייט, זעהסטו, קען איך גאָרניט לעבען, מאמע־ניו. יעדע איין רגע דארף איך עפּעס טהאָן.

ס'געהט אריין יאַשאַ.

יאשא (האלט זיך קוים איין פון געלעכטער): יעפּיכאָדאָוו האָט צובראָכען דעם ביליארד־שטעקען!.. (געהט אוועק).

ווארייא: פאר וואָס זשע איז יעפּיכאָדאָוו דאָ? ווער האָט איהם ערלויבט שפּיעלען אויף'ן ביליארד? כ'פערשטעה ניט די לייט... (געהט אוועק).

ליובאָוו אנדרעיעוונא: רייצט זיך ניט מיט איהר, פעטיא, איהר זעהט, זי איז אזוי אויך א פערטרויערטע.

טראָפימאָוו: שוין צופיעל אייפער האָט זי; מישט זיך, וואו מען דארף ניט. דעם גאנצען זומער האָט זי ניט צורוה געלאָזט ניט מיך, ניט אנאַ'ן, האָט אלץ מורא געהאט, ס'זאָל ביי אונז קיין ליעבע ניט ווערען. וואָס ארט עס איהר? און דערצו בין איך גאָרנישט שולדיג, כ'בין העכער פון וואולגאריטעט. מיר זענען העכער פון ליעבע!

ליובאָוו אנדרעיעוונא: און איך בין, ווייזט אויס, ניעדריגער פון ליעבע. (שטאַרק אונרוהיג). פאר וואָס איז ניטאָ לעאָניד? כ'וויל נאָר וויסען: איז דאָס גוט פערקויפט, צי ניט? דער אומגליק איז גאָרניט צום גלויבען, כ'ווייס ניט וואָס איבערצוטראכטען, כ'פערליר דעם קאָפּ... אָט קען איך באלד אָנהויבען שרייען... כ'קען עפּעס א נארישקייט אָבטהאָן. ראטעוועט מיך, פעטיא, זאָגט זשע עפּעס, זאָגט...

טראָפימאָוו: צי דאָס גוט איז היינט פערקויפט געוואָרען, צי ניט — וואָס מאכט עס אויס? מיט'ן גוט איז שוין לאנג — אויס, ניטאָ קיין וועג צוריק, פערוואקסען זענען אלע שטעגען. בערוהיגט זיך, טייערע מיינע. מען דארף זיך ניט נארען, מען דארף כאָטש איין מאָל אין לעבען קוקען דעם אמת גלייך אין די אויגען.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א : וואָס פאר אן אמת? איהר זעהט וואו אמת איז, און וואו — ניט אמת, און איך האָב עפּעס ווי פערלוירען די זעהקראַפט, כ'זעה גאָרניט. איהר לייזט מוטיג אלע וויכטיגע פראגען, זאָגט מיר אָבער, מיין טייערער, איז עס ניט דערפאר, וואָס איהר האָט נאָך קיין צייט ניט געהאט אי־בערצולעבען אין פיין כאָטש איינע פון אייערע פראגען? מוטיג קוקט איהר פאָראויס, אפשר דערפאר, וואָס איהר זעהט ניט און ערוואַרט ניט קיין שרעקען, דען פערבאָרגען איז נאָך פאר אייערע יונגע אויגען דאָס לעבען? איהר זענט מוטיגער, עהרליכער, טיע־פער פון אונז, נאָר טראכט זיך אריין; כאָטש א קליין ביסעלע גרויס־מוטיג, שוינט מיך. איך בין דאָך דאָ געבוירען, דאָ האָבען געלעבט מיין טאטע־מאמע, מיין זיידע, איך האָב ליעב דאָס הויז, אָהן דעם קארשען־גארטען קען איך זיך מיין לעבען ניט פאָרשטעלען, און מוז מען שוין טאקע פערקויפען דעם גאָרטען, זאָל מען אויך מיך צוזא־מען מיט איהם פערקויפען... (נעהמט ארום טראָפימאָוו'ן, קושט איהם איהם אין שטערן). דאָ איז דאָך דערטרונקען געוואָרען מיין זוהן... (וויינט). האָט רחמנות אויף מיר, איהר גוטער, ליעבער מענש.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו : איהר ווייסט, אז איך פיהל אייך מיט מיט'ן גאנצען הארצען.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א : מען דארף עס אָבער אנדערש, אנדערש זאָגען... (נעהמט ארויס אַ טיכעל, אויף'ן פּאָדלאָגע פאַלט אראָב אַ טעלעגראַם). מיר איז היינט שווער אויף'ן הארצען, איהר קענט זיך גאָרניט פאָרשטעלען. דאָ איז צו טומעלדיג פאר מיר, פון יעדען קלאנג טהוט די נשמה א ציטער, איך בין איינגאנ־צען א פערציטערטע, און אוועקגעהן צו זיך אין צימער קען איך ניט, איך שרעק זיך איינע אליין אין דער שטיל. פערארורטיילט מיך ניט, פּעטיא... איך האָב אייך ליעב, ווי אַן אייגענעם. גערן וואָלט איך אויסגעגעבען אנא'ן פאר אייך, איך שווער אייך, אָבער מען דארף דאָך לערנען זיך, מיין טייערער, דעם קורס ענדיגען. איהר טהוט גאָרניט, נאָר דער שיקזאל שליידערט אייך ארום אהין — אהער, ווי מאָדנע... ניט אזוי? יא? און מיט דער באָרד דארף

מען עפּעס טהאָן, זי זאָל וואקסען ווי עס איז... (לאַכט). א קאָמישער מענש זענט איהר!

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו (הייבט אויף די טעלעגראַם): איך וויל ניט זיין קיין שעהנינקער.

ל י ו ב אָ ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: דאָס איז פון פּאריז א טעלעגראַם. יעדען טאָג בעקום איך. אי נעכטען, אי היינט. דער ווילדער מענש איז ווידער קראַנק געוואָרען, פיהלט זיך ניט גוט... ער בעט פערצייהונג, בעט זיך, איך זאָל קומען, און אייגענט־ליך וואָלט איך טאַקע געדאַרפט א פאָהר טהאָן קיין פּאריז, זיין אביסעל נעבען איהם. איהר מאַכט א שטרענגען פּנים; פּעטיא, וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, ער איז קראַנק, ער איז איינזאַם, אומ־גליקליך, און ווער וועט דאָרט ארומגעהן ארום איהם? ווער וועט איהם אָבהאַלטען פון פעהלערן? ווער וועט דערלאַנגען די רפואה אין דער צייט? וואָס איז דאָ צו בעהאַלטען אָדער פערשווייגען, איך האָב איהם ליעב, דאָס איז קלאָר. כ'האָב ליעב, כ'האָב ליעב... דאָס איז א שטיין אויף מיין האלז, איך טרינק זיך, און האָב דאָך ליעב דעם שטיין און קען אָהן איהם ניט לעבען. (דריקט טראָפּי־מאָוו'ן די האַנד). האָט ניט קיין שלעכטע מיינונג וועגען מיר, פּע־טיא, זאָגט מיר גאָרניט, זאָגט ניט...

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו (אין טרערען): ענטשולדיגט מיר מיין אָפענהערציגקייט, אין גאָטעס ווילען: ער האָט דאָך אייך בדיל הדל געשטעלט!

ל י ו ב אָ ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ניין, ניין, מען טאָר ניט רעדען אזוי... (פערשטאָפּט די אויערן).

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו: ער איז א לומפּ, איהר אליין ווייסט נאָר ניט דערפון! ער איז א קליינינקער לומפּ! ער איז א קליי־נינקער לומפּ, א גאָרנישט...

ל י ו ב אָ ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (אין כעס, נאָר איינגע־האַלטען): איהר זענט אלט 26 אָדער 27 יאָהר, און איהר זענט אלץ נאָך א גימנאזיסט פון צווייטען קלאַס!

ט ר אָ פּ י מ אָ ו ו: נו גוט!

ליובאָוו אנדרעיעוונא: מען דארף זיין א מאן; אין אייערע יאָהרען דארף מען פערשטעהן די וואָס ליעבען. און מען דארף אליין אויך ליעבען... מען דארף זיך פערליעבען! (אין כעס). יא, יא! איהר האָט אויך ניט קיין צניעות אין זיך, איהר זייט פשוט א קאָמישע בריאה, א קאַליקע...

טראָפימאָוו (אין שרעק): וואָס רעדט זי!

ליובאָוו אנדרעיעוונא: „איך בין העכער פון ליעבע.“ איהר זענט ניט העכער פון ליעבע, איהר זענט פשוט, ווי אונזער פירס זאָגט, א צוקראָכענער. אין אייערע יאָהרען ניט האָבען קיין ליובאָווניצע!..

טראָפימאָוו (אין שרעק): דאָס איז שרעקליך! וואָס רעדט זי?! (געהט ראַש אין זאַל, כאַפּט זיך אָן פאר'ן קאָפּ). דאָס איז שרעקליך... איך קען ניט... איך גאָה אוועק... (געהט אוועק און קעהרט זיך באַלד אום). צווישען אונז איז אלץ אוים! (געהט אַוועק אין פאָר־צימער).

ליובאָוו אנדרעיעוונא (שרייט איהם נאָך): פעטיא, ווארט א ווייל! קאָמישער מענש, כ'האָב געשפּאסט, פעטיא!

מען הערט, ווי אין פאָרצימער געהט עמיצער שנעל אויף די טרעפּען און פאלט פלוצלינג מיט א רויש אראָב. אַניאַ און וואַריאַ גיבען אַ געשריי, נאָר באַלד דערהערט זיך אַ געלעכטער.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: וואָס איז געשעהן? ס'לויפט אריין אַניאַ.

אניא (לאַכט): פעטיא איז אראָבגעפאלען פון די טרעפּען! (לויפט אוועק).

ליובאָוו אנדרעיעוונא: א מאָדנע בריאה — דער פעטיא...

דער אויפזעהער פון דער סטאַנציע שטעלט זיך אינמיטען זאַל און לעזט פאר א. טאָלסטאָי'ס „זינדערין.“ מען הערט זיך איין, אָבער ער נאָר ער האָט איבערגעלעזען אַ פּאר שורות, מוז ער איבעררייסען: פון פארצימער הערען זיך קלאַנגען פון אַ וואַלס. אַלע טאַנצען. ס'געהען דורך: טראָפימאָוו, אַניאַ, וואַריאַ און ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: נו, פעטיא, נו, רייד־נע נשמה... כ׳בעט פערצייהונג... לאָמיר געהן טאנצען... (טאַנצט מיט פעטיאַ׳ן).

אַניאַ און וואַריאַ טאַנצען.

פירס קומט אריין, שטעלט זיין שטעקען נעבען דער זייט־טיר. יאַשאַ איז אויך אריינגעקומען פון גאַסט־צימער, ער קוקט אויף די טענץ).

יאשא: וואָס, זיידע?

פירס: כ׳בין עפּעס ניט געזונד. אמאָל פלעגען אויף די בעלער ביי אונז טאנצען גענעראלען, באראָנען, אדמיראלען, און איצט פערבעט מען דעם פּאָסט־בעאמטען און דעם אויפזעהער פון דער סטאנציע, כאפּען זיי זיך אויך ניט צו געהן. עפּעס בין איך אָבגעשוואכט. דער פערשטאָרבענער פּריץ, דער זיידע, פלעגט אלע־מען מיט טריוואקס היילען, פון אלע קראנקהייטען. איך נעהם איין טריוואקס יעדען טאָג, שוין א יאָהר צוואנציג, און אפשר מעהר; אפשר דערהאלט מיך דאָס ביי׳ם לעבען.

יאשא: האָסט מיר דערעסען, זיידע. (גענעצט). וואָלסטו שוין גיכער א מיתה איינגענומען.

פירס: עך דו... צוקראכענער! (מורמעלט).

טראָפימאָוו און ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ טאַנצען אין זאַל און דער־נאך אין גאסט־צימער.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: מערסי, איך וועל אביסעל זיצען. (זעצט זיך). בין שוין מיעד.

ס׳קומט אריין אַניאַ.

אניא (אויפגערעגט): נאָר וואָס האָט עפּעס א מענש דער־צעהלט אין קיך, אז דער קארשען־גאָרטען איז שוין פערקויפט היינט.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: ווער האָט געקויפט?

אניא: ער האָט ניט געזאָגט, ווער. ער איז אוועק. (טאַנצט מיט טראָפימאָוו׳ן, ביידע געהען אַוועק אין זאַל).

יאשא: דאָס האָט עפּעס אן אלטיטשקער געפּלוידערט. א פרעמדער.

פ י ר ס: און לעאָניד אנדרעאיטש איז נאָך אלץ ניטאָ, א פאלטא טראָגט ער א לייכטען, דעמי־סעזאָן, וועט ער זיך נאָך פער־קיהלען, חלילה. עך, יונגוואַרג.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: באלד שטארב איך. געהט יאשא, דערוויסט זיך, ווער האָט געקויפט דעם גאָרטען.

י א ש א: ער איז דאָך שוין לאנג אוועק, דער אלטיטשקער. (לאַכט).

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א (מיט א לייכטען פער־דראָס): נו, וואָס לאַכט איהר? וואָס פרעהט אייך אזוי?

י א ש א: יעפּיכאָדאָוו איז גאָר א לעכערליכער מענש. א פוסטע בריאה. צוויי און צוואַנציג אומגליקען.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פירס, וואוהין ועסטו געהן, אז מען וועט פערקויפען דאָס גוט?

פ י ר ס: וואוהין איהר וועט מיך הייסען, וועל איך געהן.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פאַר וואָס זעהסטו היינט עפּעס אזוי אוים? ביזט ניט געזונד? דו געה בעסער שלאָפען...

פ י ר ס: יא... (מיט אַ שמייכעל) איך וועל געהן שלאָפען, און ווער וועט דאָ דערלאנגען, ווער וועט אין אָרדנונג ברענגען? איינער אליין אין גאנצען הויז.

י א ש א (צו ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ'ן): ליובאָוו אנדרעיעוו־נא! ערלויבט מיר צו ווענדען זיך צו אייך מיט א ביטע, זייט אזוי גוט! אויב איהר וועט ווידער פאָהרען קיין פאריז, נעהמט מיך מיט, טהוט מיר א געפעלינקייט. דאָ איז מיר אבסאָלוט אונ־מעגליך צו בלייבען. (קוקט זיך אום, אין אַ האלבען קול). וואָס איז דאָ לאנג צו רעדען, איהר זעהט דאָך אליין, א לאנד אָהן בילדונג, אַן אונמאָראַליש פאָלק, דערצו איז לאנגווייליג, קארמען קארמעט מען צרה'דיג, און דאָ געהט נאָך ארום דער דאָזיגער פירס און מור־מעלט עפּעס ניט קיין פאסיגע ווערטער. נעהמט מיך מיט, זייט אזוי גוט!

ס'קומט אריין פּישטשיק.

פ י ש ט ש י ק: ערלויבט מיר איך צו בעטען... א קליי־ניטשקען וואלס, שעהנסטע מיינע... (ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ געהט מיט איהם). איהר זייט בעצויבערנד, אָבער 180 רובל וועל איך ביי איך נעהמען... נעהמען... (טאַנצט). 180 רובל... (זענען אריבער אין זאַל).

י א ש א (זינגט שטיל): „וועסטו דען פערשטעהן מיין נשמה'ס ציטער..."

אין זאַל שאָקעלט מיט די הענד און שפּרינגט אַ פיגור אין אַ גרויען צילינדער און געקעסטעלטע הויזען; געשרייען: „בראַוואָ שאַרלאָטאַ איוואַנאָוונאַ."

ד ו נ י א ש א (שטעלט זיך אָב, פּודערט זיך): די מאַמזעל הייסט מיר טאנצען — קאַוואַלערען פארהאַן א סך, און דאמען — וועניג, — און מיר דרעהט זיך דער קאָפּ פון טאנצען און ס'קלאפּט דאָס הארץ, פירס ניקאלאיעוויטש. און נאָר וואָס האָט מיר דער פּאָסט־בעאמטער געזאָגט עפּעס אזוינס, אז דער אָטעם האָט מיר פערכאפּט.

די מוזיק ווערט אַנטשוויגען.

פ י ר ס: וואָס אזוינס האָט ער דיר געזאָגט?

ד ו נ י א ש א: איהר, זאָגט ער, זענט א בלימעל.

י א ש א (גענעצט): אונוויסענהייט... (געהט אוועק).

ד ו נ י א ש א: ווי א בלימעל... איך בין אזא דעליקאטע מיידעל, א שרעק ווי כ'האָב ליעב צערטליכע ווערטער.

פ י ר ס: וועסט זיך שוין פערדרעהען.

ס'קומט אריין יעפּיכאָדאָוו.

י ע פ י כ אָ ד אָ ו ו: איהר, אוודאָטיא פיעדאראוונא, ווילט מיך ניט זעהן... גלייך ווי כ'וואָלט געווען עפּעס א וואָרעם. (זיפצט אָב). עך, א לעבען!

ד ו נ י א ש א: וואָס פערלאַנגט איהר?

י ע פ י כ אָ ד אָ ו ו: געוויס, ס'קען זיין איהר זייט גאָר גע־רעכט. (זיפצט אָב). נו, אודאי, מען זאָל קוקען פון'ם שטאנדפּונקט, האָט איהר, איך וועל זיך ערלויבען אזוי אויסצודריקען, ענטשול־

דיגט מיין אָפּענהערציגקייט, ארייננעבראכט מיר אין א געמיטס־שטימונג. איך ווייס מיין מזל, יעדען טאָג געשעהט עפּעס אַן אומגליק מיט מיר, און איך בין דערצו שוין לאנג געוואוינט, אז איך קוק אפילו מיט א שמייכעל אויף מיין שיקזאל. איהר האָט מיר געגעבען א וואָרט און, כאָטש איך...

ד ו נ י א ש א: כ'בעט אייך, מיר וועלען שפּעטער רעדען, און איצט לאָזט מיך צורוה. איצט בין איך פערטראכט. (שפּיעלט מיט'ן פאָכער).

י ע פּ י כ אָ ד אָ ו ו: יעדען טאָג טרעפט זיך ביי מיר אַן אומגליק און איך, ערלויבט מיר, אזוי אויסצודריקען זיך, שמייכעל נאָר, לאַך אפילו.

ס'קומט אריין פון זאַל וואַריאַ.

ו ו א ר י א: ביזט נאָך אַלץ ניט אוועק, סעמיאָן. ביזט גאָרניט קיין העפליכער מענש, כ'לעבען. (צו דוניאשאַ'ן): געה אוועק פון דאנען, דוניאשא. (צו יעפּיכאָדאָוו'ן): אָט שפּיעלסטו אויף'ן ביליארד און צוברעכסט דעם שטעקען, אָט שפּאצירסטו זיך ארום אין גאסט צימער ווי א גאסט.

י ע פּ י כ אָ ד אָ ו ו: צו מיר טענות האָבען, קענט איהר ניט, ערלויבט מיר אייך צו זאָגען.

ו ו א ר י א: כ'האָב ניט קיין טענות צו דיר, איך זאָג נאָר. ווייסט ניט מעהר, ווי ארומגעהן אהין און אהער, און טהאָן טהוסטו גאָרניט. א קאנטארטשיק האלטען מיר און צו וואָס — ווייס מען ניט.

י ע פּ י כ אָ ד אָ ו ו (בעליידיגט): צי איך ארבייט, אָדער כ'געה ארום, אָדער כ'שפּיעל ביליארד, וועגען דעם קענען א מיינונג זאָגען נאָר מענשען וואָס פערשטעהען, און עלטערע.

ו ו א ר י א: דו דערוועגסט זיך מיר עס צו זאָגען! (ווערט אין כעס). דו דערוועגסט זיך? הייסט עס, איך פערשטעה גאָרניט? גלייך ארויס פון דאנען! די רגע!

י ע פּ י כ אָ ד אָ ו ו (איבערגעשראָקען): כ'בעט אייך אויסדריי־קען זיך אויף א דעליקאטען אופן.

װ ו א ר י א (אויסער זיך): די רגע ארויס פון דאנען! ארויס! (ער גערט צום טהיר, זי נאָך איהם). צוויי און צוואנציג אומגליקען! קיין זכר פון דיר זאָל דאָ ניט בלייבען! מיינע אויגען זאָלען דיך ניט אנקוקען! (יעפּיכאָדאָװ איז ארויס, פון אונטער'ן טיר הערט זיך זיין שטימע: כ'װעל זיך קלאגען אויף אייך"). אה, דו געהסט צוריק? (כאפּט דעם שטעקען װאָס פּירס האָט אװעקגעשטעלט נעבען טיר). גערה... גערה... גערה, אניט װעל איך דיר װייזען... אָ, דו געהסט? געהסט? טאָ נא זשע דיר... (הויבט אויף דעם שטעקען, אין דערזעלבער צייט קומט אריין לאָפּאכין).

לאָ פּ א כ י ן: איך דאנק אייך שעהן.

װ ו א ר י א (אין כעס און לאכענדיג): ענטשולדיגט!

לאָ פּ א כ י ן: ס'שאדט ניט. א שעהנעם דאנק פאר'ן אנגענעהמען כבוד.

װ ו א ר י א: ניטאָ װאָס צו דאנקען (געהט אָב, קוקט זיך אום און פרעגט װייך): כ'האָב אייך ניט א קלאַפּ געגעבען?

לאָ פּ א כ י ן: ניין, ס'שאדט ניט. א בייל װעט אָבער װערען א גרויסער.

ש ט י מ ע ן א י ן ז א ל: לאָפּאכין איז געקומען צו פאָהרען! יערמאָלאי אלעקסעאיטש!

פּ י ש ט ש י ק: זעהן זעהט מען, הערען הערט מען. (קושט זיך מיט לאָפּאכין'ען). עס שמעקט פון דיר קאָניאק אביסעלע, ליעבער מיינער, נשמה מיינע. און מיר מאכען זיך דאָ אויך פרעהליך.

ס'קומט אריין ליובאָװ אַנדרעיעװנאָ.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע װ נ א: דאָס זענט איהר, יערמאָלאי אלעקסעאיטש? פארװאָס אזוי לאנג? װאו איז לעאָניד?

לאָ פּ א כ י ן: לעאָניד אנדרעאיטש איז געקומען צוזאַמען מיט מיר, ער געהט...

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע װ נ א (אין אויפגערעגטע: נו, װאָס? געװוען די ליציטאציע? זאָגט שוין!

ל אָ פּ א כ י ן (צוטומעלט, האָט מורא ארויסצואווייזען זיין פרייד): די ליציטאציע האָט זיך געענדיגט א זייגער פיער... מיר האָבען פערשפּעטיגט דעם צוג, איז אונז אויסגעקומען צו ווארטען ביז האלב צעהן. (זיפצט שווער אָב). אוף! מיר דרעהט זיך דער קאָפּ אביסעל...

ס'קומט אריין גאַיעוו; אין דער רעכטער האַנד האָט ער די איינגעקויפטע זאַכען, מיט דער לינקער ווישט ער אָב די טרערען.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: לעניא, וואָס? לעניא, נו? (אונגעדולדיג, מיט טרערען). גיכער זשע, אין גאָטעס ווילען...

ג א י ע ו ו (ענטפערט איהר גאָרניט, שאָקעלט נאָר מיט'ן האנד; צו פירס'ן וויינענדיג): נעהם... דאָ זענען אנטשאָוסען, קערטשער הערינג... כ'האָב היינט גאָרניט געגעסען... וואָס איך האָב זיך אָנגעליטען! (די טיר אין ביליאַרד צימער איז אָפען; מען הערט דאָס קלאַפּען פון די באַלעמס און יאַשאַ'ס שטים: „זיעבען און אכצעהן!" ביי גאַיעוו בייט זיך דער אויסדרוק פון געזיכט, ער וויינט שוין ניט מעהר). מיעד בין איך א שרעק. דערלאנג מיר, פירס, די קליידער זיך איבערצוטהאָן. (געהט צו זיך אין צימער דורך'ן זאַל, נאָך איהם — פירס).

פּ י ש ט ש י ק: וואָס איז מיט דער ליציטאציע? דערצעהל שוין אמאָל!

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: פערקויפט דער קארשען-גאָרטען?

ל אָ פּ א כ י ן: פערקויפט.

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: ווער האָט געקויפט?

ל אָ פּ א כ י ן: איך האָב געקויפט. (פּאוזע).

ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ איז דערשלאָגען. זי וואָלט אַנידערגעפאַלען, ווען ניט דער פאטער-שטול און דער טיש דערביי. וואַריאַ נעהמט אַרויס די שליסלען, וואַרפט זיי אויף דער פּאָדלאָגע אינמיטען גאַסט-צימער און געהט אַוועק.

ל אָ פּ א כ י ן: איך האָב געקויפט! ווארט א ווייל'ע, מיינע הער'ן, זייט אזוי גוט, מיר דרעהט זיך דער קאָפּ, כ'קען ניט רע-

דען... (לאַכט). זענען מיר געקומען צו דער ליציטאציע, דעריגאַנאָוו איז שוין דאָרט. לעאָניד אנדרעאיטש האָט ניט מעהר ווי פופצעהן טויזענד, און דעריגאנאָוו באָט גלייך 30 טויזענד אויסער'ן חוב. איך זעה עס האלט אזוי, האָב איך זיך טאקע גענומען צו איהם, באָט איך פערציג. ער — פינף און פערציג, איך פינף און פופציג. ער דערלייגט, הייסט עס, צו פינף, איך צו צעהן... נו, א סוף. איך האָב געבאטען ניינציג טויזענד אויסער'ן חוב, איז עס איז געבליעבען ביי מיר. דער קארשען־גארטען איז איצט מיינער! מיינער! (לאַכט). גאָט מיינער, גאָט, דער קארשען־גארטען איז מיינער! זאָגט, אז איך בין שכור, ניט ביי'ם זינען, אז דאָס אלץ דוכט זיך מיר נאָר... (טופעט מיט די פיס). לאכט ניט פון מיר! ווען מיין פאָטער און זיידע זאָלען אויפשטעהען פון זייערע קברים און א קוק טהאָן אויף דעם אלעם,וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, ווי זייער יערמאָלאי, דער געשמיסענער, וואָס קען קוים לעזען, וואָס איז ארומגעלאָפען אים ווינטער א בארוועסער, ווי דער יערמאָלאי האָט געקויפט דאָס שעהנסטע גוט אויף דער וועלט. כ'האָב געקויפט דאָס גוט, וואו מיין פאָטער און זיידע זענען געוועזען שקלאפען, וואו מען האָט זיי ניט אריינגעלאָזט אפילו אין קיך. איך שלאָף, דאָס חלומ'ט זיך מיר נאָר, דאָס דוכט זיך... דאָס איז די שפיעל פון אייער פאנטאזיע, פערהילט אין חשך פון אונוויסענהייט... (הייבט אויף די שליסלען, שמייכעלט גוטמוטיג). זי האָט אוועקגעוואָרפען די שליסלען, וויל ווייזען אז זי איז שוין ניט קיין בעל־הבית'טע דאָ... (קלינגט מיט די שליסלען). נו יא, אלץ איינס. (מען הערט, ווי דער אָרקעסטער שטעלט אָן די אינסטרומענטען). העי, מוזיקאנטען שפיעלט, איך וויל אייך הערען! קומט אלע קוקען ווי יערמאָלאי לאָפאכין וועט עס א קנאק טהאָן מיט'ן האק איבער'ן קארשען־גאָרטען, און עס וועלען פאלען די בוימער צו דער ערד. מיר וועלען דאָרטען אויפבויען דאטשעס אומעטום, און אונזערע אייניקלעך און אוראייניקלעך וועלען דאָרט דערזעהען א נייעם לעבען... מוזיקע, שפיעל!..

ס'שפיעלט די מוזיק. ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ האָט זיך אראָבגעלאָזט אויף א שטול און וויינט שטיל.

ל אָ פּ א כ י ן (מיט א פארוואורף): פאר וואָס זשע, פאר וואָס זשע האָט איהר מיר ניט געפאָלגט? אָרימע מיינע, גוטע, איצט קען מען שוין ניט אומקעהרען. (מיט טרערען). אָ, זאָל עס שוין גיכער אוועק, זאָל שוין גיכער זיך ענדערן אונזער אומגליקס־פול לעבען אָהן א טאלק.

פּ י ש ט ש י ק (נעהמט איהם אונטער'ן ארים, מיט אַהאַלבען קול): זי וויינט. לאָמיר געהן אין זאל, זאָל זי אליין... קומט... (נעהמט איהם אונטער'ן ארים און פיהרט איהם אוועק אין זאַל).

ל אָ פּ א כ י ן: וואָס איז דאָס אזוינס? שפּיעל העכער, מוזיק! אלץ זאָל זיין, ווי איך וויל! (מיט איראָניע): ס'געהט דער נייער פּריץ, דער אייגענטימער פון'ם קארשען־גאָרטען! (האָט ניט ווילענדיג אַ שטויס געטהאָן דעם טישעל, האָט שוער ניט אומגעוואָרפען דעם קאַנדעלאַבער). פאר אלץ קען איך בעצאָהלען! (געהט אוועק מיט פּישטשיק'ן).

אין זאַל און גאסט־צימער איז ניטאָ קיינער, אויסער ליובאָוו אַנ־דרעיעוונאַ, זי זיצט איינגאַנצען איינגעבויגען און וויינט ביטער. ס'שפּיעלט שטיל די מוזיק. ס'קומען אריין מיט אַן אימפּעט אַניאַ און טראָפימאָוו. אַניאַ געהט צו דער מוטער און שטעלט זיך אויף די קניה פאַר איהר. טראָפימאָוו בלייבט שטעהן ביים ארויסגאנג.

א נ י א: מאמא!.. מאמא, דו וויינסט? ליעבע, גוטע וואוי־לע מאמע מיינע, איך האָב דיך ליעב... איך בוק זיך פאר דיר. דער קארשען־גארטען איז פערקויפט, ניטאָ שוין, דאָס איז אמת, אמת, נאָר וויין ניט, מאמא, דו האָסט נאָך א גאנץ לעבען פאר זיך, דיר איז געבליבען דיין גוטע, ריינע נשמה... קום מיט מיר, קום אוועק פון דאנען, מיין ליעבע, קום!.. מיר וועלען פלאנצען א נייען גאר־טען, הערליכער פונ'ם אלטען קארשען־גארטען. דו וועסט איהם דערזעהן, פערשטעהן, און א פרייד א שטילע, א טיעפע פרייד וועט אויף דיין נשמה נידערן, ווי די זון אין אווענד־צייט, און שמייכלען וועסטו, מאמא! קום, מיין טייערע! קום!..

פ אָ ר ה אַ נ ג.

פ י ע ר ט ע ר א ק ט.

די דעקאָראַציע פון ערשטען אַקט. ניטאָ קיין פאָרהאַנגען אויף די פענסטער, ניט קיין בילדער. ס'איז געבליבען אביסעל מעבעל, וואָס איז צונויפגעלייגט אין אַ ווינקעל, ווי צום פערקויפען. ס'פיהלט זיך אַ פוסטקייט. נעבען דער ארויסגאַנגס־טיר, אין הינטערגרונד, זענען צו־נויפגעלייגט רייזע־טאַשען, פעקלעך און דערגלייכען. לינקס איז אָפען אַ טיר, און פון דאָרט הערען זיך די שטימען פון וואַריאַ'ן און אַניאַ'ן. לאָפּאכין שטעהט און וואַרט. יאַשאַ האלט אַ טאַץ מיט גלעזלעך אַנגעגאָ־סען מיט שאַמפּאַניער. אין פארצימער בינדט יעפּיכאָדאָוו ארום א קעס־טעל. הינטער'ן סצענע און אין הינטערגרונד — אַ טומעל. דאָס זענען געקומען זעגנען זיך די פויערן. גאַיעוו'ס שטימע: „א דאנק אייך ברידערלעך, אַ דאַנק."

י א ש א: דאָס פּראָסטע פאָלק איז געקומען זעגנען זיך. איך בין דער מיינונג, יערמאָלאַי אלעקסעאיטש, דאָס פאָלק איז גוט, נאָר ס'פערשטעהט װעניג.

דער טומעל ווערט אנטשטילט. דורך'ן פאָרצימער קומען אַריין ליובאָוו אַנדרעיעווונאַ און גאַיעוו; זי וויינט ניט, איז אָבער בלאַס, איהר געזיכט ציטערט, זי קען ניט רעדען.

ג א י ע װ: דו האָסט זיי אָבגעגעבען דיין פאָרטמאָנע, ליובאָוו. מען טאָר ניט אזוי! מען טאָר ניט אזוי!

ל י ו ב א ו ו א נ ד ר ע י ע װ נ א: כ'האָב ניט געקענט! כ'האָב ניט געקענט! (ביידע געהען אַוועק).

ל אָ פּ א כ י ן: זייט אזוי גוט, טהוט מיר די געפעליגקייט! צו גלעזעל ביים געזעגנען זיך. ניט געהאט קיין שכל פון שטאָדט צו ברענגען, און אויף דער סטאַנציע האָב איך געפונען נאָר איין פלאַש. זייט אזוי גוט! (פּאוזע). איז וואָס, מיינע העררן! איהר

ווילסט ניט? (געהט אָב פון דער טיר). כ'זאָל עס וויסען — וואָלט איך ניט געקויפט. נו, וועל איך אויך ניט טרינקען. (יאשא שטעלט פאָרזיכטיג די טאַץ אויף א שטול). טרינק כאָטש דו, יאשא.

יאשא: פאר די אָבפאָהרענדע! בלייבט געזונד! (טרינקט). די שאמפאניער איז ניט קיין ריכטיגע. איך קען אייך פערזיכערן.

לאָפּאכין: אכט רובל א פלאש. (פּאוזע). קאלט דאָ, צום טייוועל.

יאשא: מען האָט היינט דאָ ניט געהייצט. מיר פאָהרען אלץ איינס אוועק. (לאכט).

לאָפּאכין: וואָס איז מיט דיר?

יאשא: פון פערגניגען.

לאָפּאכין: שוין אָקטאָבער, און ס'איז זוניג און שטיל, ווי זומער. גוט איצט צו בויען. (קוקט אויף'ן זייגער, אין טיר אריין). פערגעסט ניט מיינע העררן, אז צום צוג איז געבליבען ניט מעהר ווי 46 מינוט! אין 20 מינוט ארום הייסט עס דארף מען פאָהרען צו דער סטאנציע. איילט זיך צו אביסעל.

טראָפימאָוו אין אַ פּאלטא קומט אריין פון דרויסען.

טראָפימאָוו: מיר דוכט שוין צייט צו פאָהרען. די פערד זענען גרייט. צום טייוועל, וואו זענען מיינע קאלאָשען. פערלוירען געגאנגען. (אין טיר אריין). אניא, ניטאָ מיינע קאלאָשען! ניט געפונען!

לאָפּאכין: און איך דארף קיין כארקאָוו. כ'וועל פאָהרען מיט דעם זעלבען צוג, וואָס איהר. אין כארקאָוו וועל איך שוין ווינטערן. כ'האָב זיך אלץ ארומגעדרעהט דאָ מיט אייך, פערמוטשעט זיך אָהן ארבייט. כ'קען ניט לעבען אָהן ארבייט, כ'ווייס ניט וואָס צו טהאָן מיט די הענד; זיי טעלעבענדרען זיך עפעס מאָדנע, ווי פרעמדע.

טראָפימאָוו: באלד פאָהרען מיר אוועק, וועט איהר זיך ווייטער נעהמען פאר אייער ניצליכער ארבייט.

לאָפּאכין: נעהם א גלעזעל.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: כ'וויל ניט.

ל אָ פּ א כ י ן: הייסט עס, איצט נאָך מאָסקווע!

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: כ'וועל זיי בעלייטען ביז צום שטאָדט, און מאָרגען — קיין מאָסקווע.

ל אָ פּ א כ י ן: יאַ... וואָס זשע, די פּראָפעסאָרען לעזען ניט קיין לעקציעס, ווארטען אלץ ביז דו וועסט קומען.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: ניט דיין זאַך.

ל אָ פּ א כ י ן: ווי פיעל יאָהר לערנסטו שוין אין אוני-ווערזיטעט?

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: טראַכט אויף עפּעס נייס. דאָס איז אַלט און פלאַך. (זוכט די קאַלאָשען). ווייסטו וואָס, ס'קען דאָך זיין, אז מיר וועלען זיך שוין מעהר ניט זעהן, ערלויב זשע מיר צום גע-זעגנען זיך געבען דיר אַן עצה. מאַך ניט מיט די הענד! געוואוין זיך אָב פון דער געוואוינהייט — פונאנענדערמאַכען זיך. און דאָס-זעלבע מיט די דאַטשעס. רעכענען אז די דאַטשניקעס וועלען מיט דער צייט ווערען בעזונדערע בעלי־בתים, רעכענען אזוי — הייסט אויך פונאַנאַנדערמאַכען זיך... אזוי צי אזוי, אָבער איך האָב דיך דאָך ליעב. דו האָסט דינע, צאַרטע פינגער, ווי אַן ארטיסט, דו האָסט א דינע, צאַרטע נשמה.

ל אָ פּ א כ י ן (נעהמט איהם ארום): זיי געזונד, טייערער, א דאנק דיר פאַר אַלצדינג. דאַרפסט, נעהם ביי מיר געלד אויף'ן וועג.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: צו וואָס? איך דאַרף ניט!

ל אָ פּ א כ י ן: איהר האָט דאָך ניט!

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: כ'האָב. א דאנק אייך. כ'האָב געקרי-גען פאַר אַן איבערזעצונג. דאָ איז עס, אין קעשענע. (אונרוהיג). און די קאַלאָשען זענען ניטאָ.

ו ו א ר י א (פון אנדער'ן צימער): נעהמט אייך אייער שמאַטע! (וואַרפט ארויס אויף דער סצענע אַ פּאָר גומי־קאַלאָשען).

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: וואָס זשע זייט איהר אין כעס, ווארי א? הם... די קאַלאָשען זענען ניט מיינע!

ל אָ פּ א כ י ן: פריהלינג־צייט האָב איך פערזייט מיט מאָן טויזענד דעסיאטין ערד, האָב איך איצט פערציג טויזענד ריי־נעם ריוח. און ווען דער מאָן האָט געבליהט, ס'ארא בילד דאָס איז געווען! האָב איך, הייסט עס, פערדיענט פערציג טויזענד, און איך וויל דיר לייען, ווייל איך קען. וואָס זשע פעררייסטו די נאָז? איך בין א פּויער... אָהן קונצען.

ט ר אָ פ י מ אָ ו: דיין פּאָטער איז געווען א פּויער, מיין פּאָטער איז געווען אן אפּטייקער, דאָס בעווייזט לחלוטין גאָרניט. (לאָפּאכין נעהמט ארויס דעם טייסטער). לאָז צורוה, לאָז... גיב מיר צוויי הונדערט טויזענד אפילו, וועל איך ניט נעהמען, איך בין א פרייער מענש. און אלץ וואָס איהר שעצט אזוי הויך, אזוי טייער, איהר אלע אָרימע און רייכע, האָט איבער מיר די מינדסטע שליטה ניט, ווי דער פּוך, וואָס טראָגט זיך אום אין לופטען. איך קען זיך בעגעהן אָהן אייך, איך קען דורכגעהן פערביי אייך, איך בין שטארק און שטאָלץ! די מענשהייט געהט צום העכסטען אמת און העכ־סטען גליק, וואָס איז נאָר מעגליך אויף דער ערד, און איך — אין די ערשטע רייהען!

ל אָ פּ א כ י ן: דו וועסט דערגעהן?

ט ר אָ פ י מ אָ ו: איך וועל דערגעהן. (פּאוזע). דערגעהן, אָדער ווייזען אנדערע דעם וועג.

מען הערט ווי מען קלאפּט ערגעץ ווייט מיט אַ האַק איבער אַ בוים.

ל אָ פּ א כ י ן: נו, זיי געזונד, הארציגער. צייט שוין צו פאָהרען. מיר פעררייסען די נעז איינער פאר'ן אנדערן, און דאָס לעבען פערגעהט. אז איך ארבייט שעה'ן לאנג, אָהן אויפהער, ווערט מיר דער קאָפּ לייכטער, און מיר דוכט אז אויך איך וויים, צו וואָס איך לעב אויף דער וועלט. און וויפיעל מענשען, ברודער, איז פארהאן אין רוסלאנד וואָס לעבען, און קיינער וויים ניט צו וואס! נו, אלץ איינס, ניט דערין איז די צירקולאציע פון דער זאך. לעאָניד אנדרעאיטש, זאָגט מען, האָט אָנגענומען א שטעל, ער וועט זיין אין א באנק, זעקס טויזענד א יאָהר... ער וועט אָבער ניט איינ־זיצען, ער איז זעהר פויל...

א נ י א (אין טיר): די מאמע בעט איך, אז ווי לאנג זי וועט ניט אוועק פאָהרען, זאָל מען ניט האקען די בוימער.

ט ר אָ פ י מ אָ ו ו: אין דער אמת'ן, איהר האָט שוין דען גאָר ניט קיין טאקט?.. (געהט אוועק דורכ'ן פאָרצימער).

ל אָ פ א כ י ן: באלד. באלד... ס'ארא... כ'לעבען. (געהט אוועק נאך איהם).

א נ י א: פירס'ען האָט מען אוועקגעשיקט אין שפיטאל?

י א ש א: כ'האָב אין־דער־פריה געזאָגט, מען האָט אוועק־געשיקט, אודאי.

א נ י א (צו יעפּיכאָדאָוו'ן, וואָס געהט דורך'ן זאַל): סעמיאָן פאנטעלעאיטש, גיט א קוק, כ'בעט איך, צי מען האָט אָבגעפיהרט פירס'ען אין שפיטאל.

י א ש א (בעליידיגט): אין־דער־פריה האָב איך געזאָגט יעגאָר'ן. וואָס איז דאָ וואָס צו פרעגען צעהן מאָל!

י ע פּ י כ אָ ד אָ ו ו: מיין ענדגילטיגע מיינונג איז, אז דער אלטער־אלטער פירס טויג שוין ניט, מען קען איהם ניט פערריכטען מעהר, ער דארף זיך אומקעהרען צו זיינע אורעלטערן. און איך קען איהם נאָר מקנא זיין (האָט אוועקגעליגט אַ רייזע־טאַש אויף א שאַכ־טעל מיט אַ הוט און צודריקט עס). נו, אודאי. כ'האָב טאקע גע־וואוסט. (געהט אוועק).

י א ש א (לאַכענדיג): צוויי און צוואנציג אומגליקען...

ו ו א ר י א (הינטער'ן טיר): פירס'ען האָט מען אָבגע־פיהרט אין שפיטאל?

א נ י א: יא.

ו ו א ר י א: פארוואָס זשע האָט מען ניט מיטגענומען דעם בריעף צום דאָקטאָר?

א נ י א: מען דארף זיי נאכשיקען... (געהט אוועק).

ו ו א ר י א (פון אַנדערן צימער): וואו איז יאשא? זאָגט איהם, די מוטער איז געקומען, וויל זיך זעגנען מיט איהם.

י א ש א (מאַכט מיט'ן האנד): פון גערולד פיהרען זיי ארויס.

ד ו נ י א ש א (פּאָרעט זיך די גאנצע צייט ארום די זאַכען; איצט, ווען יאַשאַ איז געבליבען אַליין, געהט זי צו איהם צו): איהר וואָלט כאָטש א בליק געטהאָן אמאָל, יאשא. איהר פאָהרט אוועק... פערלאָזט מיך... (וויינט און וואַרפט זיך צו איהם אויף'ן האלז).

י א ש א: וואָס איז דאָ וואָס צו וויינען? (טרינקט שאַמפּאַ־ניער). אין זעקס טאג ארום בין איך ווידער אין פּאריז. מאָרגען זעצען מיר זיך אין שנעל־צוג, און האידא — מען וועט אונז שוין מעהר ניט זעהן דאָ. עס גלויבט זיך מיר אזש ניט. וויוו לא פראנס! דאָ איז ניט פאר מיר, כ'קען דאָ ניט לעבען... וואָס קען מען טהאָן. גענוג אָנגעקוקט זיך די אונוויסענהייט, גענוג פאר מיר. (טרינקט שאַמפּאַניער). וואָס זשע וויינט איהר? פיהרט זיך אויף אנשטענ־דיג, וועט איהר ניט האָבען וואָס צו וויינען.

ד ו נ י א ש א (פּודערט זיך, קוקענדיג אין אַ שפּיגעלע): שיקט פון פּאריז א בריעף. כ'האָב דאָך אייך ליעב געהאט, יאשא, אזוי ליעב געהאט! איך בין א צארטעס ווען, יאשא!

י א ש א: מען געהט אהער. (פּאָרעט זיך ארום די רייזע־טאַ־שען, זינגט צו שטיל).

ס'קומען אריין ליובאָוו אַנדרעיעווונאַ, גאַיעוו, אַניאַ און שאַרלאָטאַ איוואַנאָוונאַ.

ג א י ע ו ו: מיר דארפען פאָהרען. ווייניג צייט געבליבען. (קוקט אויף יאַשאַ'ן). פון וועמען שמעקט עס מיט הערינג!

ל י ו ב אָ ו ו א נ ד ר ע י ע ו ו נ א: אין א צעהן מינוט ארום. לאָמיר זיך שוין זעצען אין די עקיפּאזשען... (בעקוקט דעם גאנצען צימער). זיי געזונד דו ליעב הויז, אלטער זיידע אונזערער. אריבער וועט דער ווינטער, ס'וועט אָנקומען דער פריהלינג, און דו וועסט שוין מעהר אויף דער וועלט ניט זיין, מען וועט דיך צוברע־כען. וואָס די ווענד האָבען אלץ געזעהן! (קושט היים די טאָכטער). אוצר מיינער, דו שיינסט, דיינע אויגען פינקלען, ווי צוויי דימענ־טען. דו ביזט צופריעדען? זעהר?

א נ י א: זעהר! ס'פאנגט זיך אָן א ניי לעבען, מאמא!

ג א י ע ו ו (פרעהליך): אין דער אמת'ן איז אלץ גוט. איי־

דער מען האָט פערקויפט דעם קאַרשען־גאַרטען זענען מיר אַלע אונ־רוהיג געווען, מיר האָבען געליטען, און דערנאָך, ווען די פראַגע איז שוין געלעזט געוואָרען ענדגילטיג, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, האָ־בען זיך אַלע בערוהיגט, אפילו פרעהליך געוואָרען. איך בין אַ באַנק־בעאַמטער, איצט בין איך אַ פינאַנסיסט... "דעם געלען אינ־דערמיט." און דו ליובא, אַזוי צי אַזוי, אָבער דו זעהסט אויס בע־סער, דאָס איז זיכער.

ליובאָוו אנדרעיעווגא: יא. מיינע נערוועז זענען בעסער, דאָס איז אמת. (מען דערלאַנגט איהר דעם הוט און פאַלטאָ). איך שלאָף גוט. טראָגט ארויס מיינע זאַכען, יאַשאַ, שוין צייט. (צו אַנאַ'ן): מיידעלע מיינס, מיר וועלען זיך אין גיכען זעהן... איך פאָהר אוועק קיין פאַריז, וועל דאָרט לעבען אויף די געלד, וואָס די יאַראָסלאַוועך באָבע האָט געשיקט צו קויפען דאָס גוט — לעבען זאָל די באָבע! — און די געלד וועט ניט קלעקען אויף לאַנג.

אַניאַ: דו, מאַמאַ, וועסט צוריק קומען גיך, גיך. ניט אַזוי? איך וועל זיך צוגרייטען, אויסהאַלטען עקזאַמען אין גימנאַזיע, דער־נאָך וועל איך אַרבייטען, העלפען דיר. מיר וועלען לעזען צוזאַמען פערשיעדענע ביכער... ניט אַזוי, מאַמאַ? (קושט דער מוטער די הענד). מיר וועלען לעזען אין די הערבסט־אָווענדען, מיר וועלען איבערלעזען אַ סך ביכער, און פאַר אונז וועט זיך ענטפּלעקען אַ נייע, וואונדערבארע וועלט... (פערטראַכט). מאַמאַ, קום צו פאָהרען...

ליובאָוו אנדרעיעווגא: כ'וועל קומען, מיין גאָלדען קינד. (נעהמט ארום די טאָכטער).

ס'קומט אריין לאָפּאַכין. שאַרלאָטאַ זינגט שטיל צו אַ ליעדעל.

גאַיעוו: גליקליך איז שאַרלאָטאַ: זי זינגט!

שאַרלאָטאַ (נעהמט אַ פּעקעל, וואָס זעהט אויס ווי אַן איינ־געוויקעלט קינד): קינד מיינס, ליו ליו... (ס'הערט זיך אַ קינדיש געוויין: אוּאַ, אוּאַ!..) ווער שוין שטיל, מיין ליעבער, גוטער יונ־געלע. (אוּאַ, אוּאַ!..) מיר איז אַזאַ רחמנות אויף דיר! (וואַרפט

אַוועק דאָס פּעקעל אויף זיין ארט). געפינט מיר, איך בעט אייך, א שטעל — אזוי קען איך ניט.

ל אָ פּ א כ י ן : מיר וועלען געפינען, שארלאטא איוואנאָווי־נא, זאָרגט זיך ניט.

ג א י ע ו ו : אלע פעלאָזען אונז, ווארי‌א געהט אוועק, מיר זענען פּלוצלונג אוננויטיג געוואָרען.

ש א ר ל אָ ט א : אין שטאָדט האָב איך ניט וואו צו וואוי־נען. מען מוז אוועקגעהן, מען מוז אוועקגעהן... (זינגט צו). אלץ איינס...

ס'קומט אריין פּישטשיק.

ל אָ פּ א כ י ן : א נאטור־וואונדער.

פּ י ש ט ש י ק (קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם) : אוי, לאָזט מיר אָבאָטמען... איינגעמאטערט זיך... געעהרטע מיינע... גיט מיר וואסער...

ג א י ע ו ו : נאָך געלד אודאי? מען דארף בעצייטענס אָב־טראָגען זיך... (געהט אַוועק).

פּ י ש ט ש י ק : שוין לאנג ניט געוועזן ביי אייך... הויכ־געשעצטע... (צו לאָפּאכין'ען) : דו ביזט דאָ... ס'פרעהט מיך דיך צו זעהן... א מענש מיט א קאָפּ, מיט שכל... נא... דאָ האָסטו... (דערלאַנגט לאפּאכין'ען געלד) פיער הונדערט רובל... בלייבט נאָך איבער אכט הונדערט פערציג...

ל אָ פּ א כ י ן ((געפּלעפט, ציהט מיט די אקסלען) : ווי אין א חלום... וואו זשע האָסטו גענומען?

פּ י ש ט ש י ק : ווארט אקאָרשט... ס'איז היים... א פּאַ־סירונג א זעלטענע... ס'קומען צו פאָהרען ענגלענדער און געפינען אין דער ערד עפּעס א מין ווייסען ליים... (צו ליובאָוו אנדרעיעוו־נאַ'ן) : און פאַר אייך פיער הונדערט... שעהנע... וואונדערבארע... (גיט די געלד). די איבריגע דערנאָך. (טרינקט וואַסער). נאָר וואָס האָט א יונגערמאַן דערצעהלט אין וואגען, אז עפּעס... א גרויסער פילאָזאָף הייסט כלומר'סט שפּרינגען פון דעכער... „שפּרינג!"

זאָגט ער, און דאָס איז די גאַנצע אויפגאַבע פון'ם מענשען. (פער־וואונדערט). שטעלט זיך פאָר! וואסער!..

לאָפּאַכין: וואָס פאר א ענגלענדער?..

פּישטשיק: כ'האָב זיי אָבגעגעבען אין ארענדע א שטיקעל ערד מיט ליים אויף 26 יאָהר... און איצט, ענטשולדיגט מיר, האָב איך ניט קיין צייט... מען דארף פליהען ווייטער... כ'וועל פאָהרען צו זנאַיקאָוו'ן... צו קארדאַמאנאָוו'ן... אלעמען בין איך שולדיג... (טרינקט). כ'ווינש אייך געזונדהייט... דאָנערשטאָג וועל איך קומען...

ליובאָוו אנדרעיעוונא: מיר פאָהרען איצט איבער אין שטאָדט, און מאָרגען פאָהר איך קיין אויסלאַנד...

פּישטשיק: ווי? (צוטומעלט). וואָס עפּעס אין שטאָדט? איך זעה עפּעס, די מעבעל... רייזע־טאַשען... נו, גאָר־ניט... (אין טרערען). ס'שאַדט ניט, דאָס איז קאָפּ־מענשען מיט שכל... אָט די ענגלענדער... גאָרניט... זייט גליקליך... זאָל אייך גאָט העלפען... גאָרניט... אלץ האָט א סוף אויף דער וועלט... (קושט ליובאָוו אַנדרעיעוונאַ'ן די האנד). און וועט איהר געוואָר ווערען, אז צו מיין לעבען איז א סוף געקומען, דערמאָנט זיך דעם דאָזיגען... פערד און זאָגט: ס'האָט געלעבט אויף דער וועלט אזוינער און אזוינער... סימעאָנאָוו־פּישטשיק... א ליכטיגען גן־עדן זאָל ער האָבען"... א מערקווירדיגער וועטער... א.... (געהט אוועק שטאַרק צוטומעלט, קומט אָבער גלייך צוריק און זאָגט אין טיר): דאַשענקא האָט געהייסען גריסען אייך (געהט אוועק).

ליובאָוו אנדרעיעוונא: נו, איצט קען מען שוין פאָהרען. כ'פאָהר אוועק מיט צוויי זאָרגען. די ערשטע איז דער קראַנקער פירס. (קוקט אויף'ן זייגער). נאָך א פינף מינוט קען מען...

אניא: מאמא, פירס'ן האָט מען שוין אָבגעשיקט אין שפּיטאל. יאשא האָט אָבגעשיקט אין־דער־פריה.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: מיין צווייטע זאָרג איז וואריא. זי איז געוואוינט פריה אויפצושטעהן און ארבייטען,

און איצט אָהן ארבייט איז זי ווי אַ פיש אָהן וואסער. דאר געוואָ־רען, בלייך געוואָרען און וויינט נעבעך... (פּאוזע). איהר ווייסט עס גאנץ גוט, יערמאָלאי אלעקסעאיטש; איך האָב געטראכט... אויס־געבען זי פאר אייך, און נאָך אלע סמנים האָט עס אויגסעוויזען, אז איהר וועטביידע תתונה האָבען. (שעפּטשעט צו אַניאַ'ן. אַניאַ ווינקט צו שאַרלאָטאַ'ן און ביידע געהען אַוועק). זי האָט אייך ליעב, אייך איז זי צום הארצען, און איך הייב ניט אָן צו וויסען, כ'הייב ניט אָן צו וויסען, פאר וואָס עפּעס מיידט איהר אויס איינער דעם אנדערן. איך פערשטעה ניט!

לאָפּאכין: כ'מוז זיך מודה זיין, אז איך פערשטעה אליין ניט. עפּעס מאָדנע איז דאָס אלץ... אויב ס'איז נאָך דאָ צייט, בין איך כאָטש איצט וויליג... לאָמיר עס מאכען מיט אמאָל — און באסטא, אז איהר וועט ניט זיין, פיהל איך וועל איך איהר האנד ניט בעטען.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: אויסגעצייכענט. מען דארף דאָך נאָר איין מינוט. איך רוף איהר שוין אריין.

לאָפּאכין: אגב, איז פארהאן שאמפּאניער. (קוקט אויף די גלעזלעך). לעדיגע. עמיצער האָט אויסגעטרונקען. (יאַשאַ הוסט). דאָס הייסט אויסזשלאָקען...

ליובאָוו אנדרעיעוונא (לעבהאַפט): נו גוט. מיר וועלען ארויסגעהן... יאשא! גוט. איך וועל איהר רופען... (אין טיר): ווארי לאָז אלץ אָב, קום אהער, קום! (געהט אוועק מיט יאַשאַ'ן).

לאָפּאכין (קוקט אויף'ן זייגער): יאָ... (פּאוזע).

הינטער'ן טהיר — אן איינגעהאַלטענער געלעכטער, אַ שושקען זיך, צום סוף קומט אריין וואַריאַ.

ואריא (בעקוקט לאַנג די זאַכען): מאָדנע, כ'קען בשום אופן ניט געפינען...

לאָפּאכין: וואָס זוכט איהר?

ואריא: כ'האָב אליין איינגעפּאקט און כ'געדענק ניט. (פּאוזע).

לאָפּאכין: איז וואוהין פאָהרט איהר איצט, ווארווארא מיכאילאָוונא?

וואריא: איך? צו די ראגולין'ס... כ'האָב מיך בעדונ־גען מיט זיי אכטונג צו געבען אויף דער בעל־הבית'שקייט... אן עקאָנאָמקע זיין, צי וואָס...

לאָפּאכין: דאָס איז אין יאשנעוואָ? א וויאָרסט 70 פון דאנען. *(פּאוזע)*. יא, דאָס לעבען אין דעם הויז האָט זיך גע־ענדיגט...

וואריא: איז וואו איז עס? אָדער אפשר האָב איך עס פערפּאקט אין קאסטען? יא, דאָס לעבען אין דעם הויז האָט זיך געענדיגט... מעהר וועט שוין ניט זיין...

לאָפּאכין: און איך פאָהר גלייך קיין כארקאָוו... מיט דעם צוג. א מאסע ארבייט. און דאָ אין הויף לאָז איך איבער יעפּי־כאָדאָוו'ן. איך האָב איהם געדונגען.

וואריא: נו וואָס!

לאָפּאכין: פאר־א־יאָהרען אין דער צייט האָט שוין גע־שנעהט, אויב איהר דערמאָנט זיך, און איצט איז שטיל, זוניג. נאָר אָט וואָס, ס'איז קאלט. א דריי גראד פראָסט.

וואריא: איך האָב ניט א קוק געטאָן. *(פּאוזע)*. און דער טערמאָמעטער איז גאָר ביי אונז צובראָכען... *(פּאוזע)*.

א שטימע אין טיר אריין פון דרויסען: יער־מאָלאַי אלעקסעאיטש!..

לאָפּאכין *(גלייך, ווי ער וואָלט שוין לאנג געוואַרט אויף דעם רוף)*: די רגע. *(געהט ראַש אוועק)*.

וואַריאַ זעצט זיך אויפ'ן פאָדלאָגע, דעם קאָפּ אנגעלעהנט אויף אַ פּעקעל קליידער, וויינט שטיל. ס'עפענט זיך די טיר, ליובאָוו אַנדרע־יעוונאַ געהט אריין.

ליובאָוו אנדרעיעוונא: וואָס? *(פּאוזע)*. מען דארף פאָהרען.

וואריא *(וויינט שוין ניט, האָט אָבגעווישט די טרערען)*:

יא, צייט שוין, ליעבע מאמע. איך וועל נאך היינט קומען צו די ראגולין׳ס, כ׳זאל נאר ניט פערשפעטיגען דעם צוג...

ליובאוו אנדרעיעווונא (אין טיר אריין): אניא, טהו זיך אן!

ס׳קומען אריין אניא, דערנאך גאיעוו, שארלאטא איוואנאוונא.

גאיעוו טראגט א ווארימע פאלטא און א באשליק. ס׳קומען זיך צו־נויף די בעדיענטע, די פוהרמאנעס. ארום די זאכען פארעט זיך יעפי־כאדאוו.

ליובאוו אנדרעיעווונא: איצט קען מען שוין פאהרען.

אניא (פריידיג): פאהרען!

גאיעוו: פריינד מיינע, ליעבע, טייערע פריינד מיינע! פערלאזענדיג דאס הויז אויף אייביג, קען איך דען פערשווייגען, קען איך דען איינהאלטען זיך ניט ארויסצוזאגען צום געזעגנען זיך די געפיהלען, מיט וועלכע ס׳איז איבערפילט מיין וועזען...

אניא (מיט געבעט): אנקעל!

װאריא: ליעבער אנקעל, מען דארף ניט!

גאיעוו (אומעטיג): מיט׳ן דופליעט דעם געלען אינדער־מיט... איך שווייג...

ס׳קומען אריין טראפימאוו, דערנאך לאפאכין.

טראפימאוו: נו, מיינע הערען, שוין צייט צו פאהרען!

לאפאכין: יעפיכאדאוו, מיין פאלטא!

ליובאוו אנדרעיעווונא: איך וועל זיצען נאך א רגע׳לע. גלייך ווי איך וואלט פריהער קיינמאל ניט געזעהן, ס׳ארא וועגד זענען אין דעם צימער, ס׳ארא סופיטען, און איצט קוק איך אויף זיי זשעדנע, מיט אזא צארטער ליעבע...

גאיעוו: איך געדענק, ווען כ׳בין זעקס יאהר אלט גע־ווען, בין איך איינמאל אין גרינעם זונטאג געזעסען אויף׳ן פענסטער־און געקוקט ווי מיין פאטער איז געגאנגען אין קירכע...

ליובאוו אנדרעיעווונא: גענומען אלע זא־כען?

לאָפּאַכין: דוכט זיך, אַלץ. (צו יעפּיכאָדאָוו'ן, אָנטהוענדיג די פּאַלטאָ): און דו, יעפּיכאָדאָוו גיב אכטונג, אַלץ זאָל דאָ אין אָרדנונג זיין.

יעפּיכאָדאָוו (זאָגט מיט אַ הייזעריגער שטימע): זייט רוהיג, יערמאָלאַי אַלעקסעאיטש!

לאָפּאַכין: וואָס איז ביי דיר עפּעס אזא שטימע?

יעפּיכאָדאָוו: נאָר וואָס האָב איך וואסער געטרונקען, אראָבגעשלונגען עפּעס.

יאשא (מיט פעראַכטונג): אונוויסענהייט...

ליובאָוו אנדרעיעוונא: מיר וועלען אוועקפאָהרען — און דאָ וועט ניט בלייבען קיין לעבעדיגע נשמה...

לאָפּאַכין: ביז סאמע פריהלינג.

וואַריא (כאַפּט ארויס פון פּעקעל אַ שירם, ס'זעהט אויס, ווי זי וואָלט איהם א הייב געטהאָן; לאָפּאַכין מאַכט אן אָנשטעל, אַז ער האָט זיך דערשראָקען): וואָס איז מיט איך, וואָס איז מיט איך... כ'האָב אפילו ניט געטראַכט.

טראָפימאָוו: מיינע העררן, קומט זעצען זיך אין די עקיפּאַזשען... שוין צייט... באַלד קומט דער צוג!

וואַריא: אָט זענען אייערע קאַלאָשען, פּעטיא, נעבען רייזע-טאַש. (אין טרערען). און ווי שמוציג זיי זענען ביי איך...

טראָפימאָוו (טהוט אָן די קאַלאָשען): קומט, מיינע העררן!

גאַיעוו (שטאַרק צוטומעלט, וויינט שיעור ניט): א צוג... א סטאנציע... קרויזע אינדערמיט, דעם ווייסען מיט'ן דופּלעט אין ווינקעל...

ליובאָוו אנדרעיעוונא: קומט!

לאָפּאַכין: איהר זייט דאָ? קיינער איז דאָרט ניטאָ? (פערשליסט די זייט-טיר לינקס). דאָ זענען צונויפגעלעגט די זאַכען, מען דאַרף פערשליסען. קומט!

אניא: זיי געזונד, אונזער הויז! זיי געזונד, אונזער אלט לעבען!

טראפימאוו: זיי אונז בעגריסט, ניי לעבען!.. (געהט אוועק מיט אנא׳ן).

וואריא בעקוקט דעם גאנצען צימער און געהט אוועק פאמעלעך. ס׳געהען אוועק יאשא און שארלאטא מיט׳ן הינטעל.

לאפאכין: הייסט עס, ביז פריהלינג. קומט שוין, מיי־נע העררן... צום ווידערזעהן!.. (געהט אוועק).

ליובאוו אנדרעיעווגא און גאיעוו זענען געבליבען ביינאנד. זיי ווארפען זיך איינער דעם אנדערן אויף׳ן האלז — ווי זיי װאלטען גע־ווארט אויף דעם — און כליפען איינגעהאלטען, שטיל, שרעקענדיג זיך, מען זאל זיי ניט דערהערען.

גאיעוו (אין פערצווייפלונג): שוועסטער מיינע, שוועס־טער מיינע...

ליובאוו אנדרעיעווגא: א מיין ליעבער, צאר־טער, שעהנער גארטען!.. מיין לעבען, מיין יוגענד, מיין גליק, זייט געזונד!.. זייט געזונד!..

אניא׳ס שטימע (פריידיג, רופט): מאמא!..

טראפימאוו׳ס שטימע (פריידיג, אויפגעלעבט): הו־הו!..

ליובאוו אנדרעיעווגא: מיר געהען!.. (גע־הען אוועק).

די סצענע איז לעדיג. מען הערט, ווי מען פערשליסט אלע טירען, ווי עס פאהרען אב דערנאך די עקיפאזשען. ס׳ווערט שטיל. אין דער שטילקייט הילכט פלוצלינג אב א דומפער קלאפ פון א האק, וואס קלינגט איינזאם און אומעטיג.

ס׳הערען זיך טריט. פון דער טיר אין דער רעכטער זייט בעוויזט זיך פירס. ער איז אנגעטהאן ווי אלע מאל, אין א פידזשאק און א ווייסען זשילעט, אויף די פיס טופליעס. ער איז קראנק.

פירס (געהט צו צום טיר, ריהרט אן דאס הענטעל): פער־שלאסען. אוועקגעפאהרען... (זעצט זיך אויף׳ן סאפע). און מיר האט מען פערגעסען... ס׳שאדט ניט... וועל איך דא זיצען... און לעאניד אנדרעאיטש האט ווידער ניט אנגעטהאן דעם פעלץ, אוועקגעפאה־

רעגן אין פּאַלטאָ... (זיפצט אָב פערזאָרגט). איך האָב ניט אכטונג געגעבען... יונגוואַרג!.. (מורמעלט עפּעס, ניט צו פערשטעהן). דאָס לעבען איז אוועק, גלייך ווי איך וואָלט ניט געלעבט... (לעגט זיך). איך וועל ליעגען אַביסעל... קיין כח שוין ניטאָ, ס'איז גאָרניט געבליבען, גאָרניט... עך, דו... צוקראָכענער!... (ליעגט אונבעוועגליך).

ס'הערט זיך אַ ווייטער קלאַנג, ווי פון הימעל, אַ קלאַנג פון אַ סטרונע, וואָס האָט געפּלאַצט, אַ גוסס'דיגער, אַ טרויעריגער. ס'ווערט שטיל, און מען הערט נאָר ווי ערגעץ ווייט אין גאָרטען קלאַפּט מען מיט אַ האַק איבער אַ בוים.

פ א ר ה א נ ג.